STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01340

DER AFERIST

Abraham Isaac Buchbinder

*Permanent preservation of this book was made possible
by The F. Weiler Charity Fund
in memory of
Jack D. Weiler*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

אפעריסט

אדער

דיא אינטריגע פון א אלטען מאנן

א העכסט אינטערעסאנטער ראמאן

NATIONAL JEWISH HOSPITAL FOR CONSUMPTIVES.

פאן

א. י. בוכבינדער

הזכות נמכר לצמיתות לר' דב"ש.

ווארשא

שנת תרמ"ו לפ"ק

ДЕРЪ АФЕРИСТЪ

одеръ ди Интериге фонъ а алтенъ Манъ.

т. е.

Аферистъ или Интриги Старика.

РОМАНЪ

А. И. Бухбиндера.

ВАРШАВА

1886 г.

Дозволено Цензурою.
Одесса 15 Апрѣля 1887 года.

У
В 92 а

Варшава. Въ типографіи А. Гинса. Новозельная № 47.

1

א פערליבט הארץ קאן מען פאר קיין געלד ניט אפ קויפן ·

אום יאהרע 1878 אין איינעם מארגין פון דיא שיינע מאיאווע טעג · איז אין א חיטער וועלכער איז עניגע ווערסט ארום פון דר שטאט קירקעוו · געזעסין אין א פאוויליאן איונגע פרויען צומר פון איאר 18 · געקליידיט אין ווייסי מארגינס קליידר מיט איין קראנץ בלומין אין איר האנד · דיא פרוא וואר מיט איין העכסט שייני פהיזינאמע אין אירי מעדכין טעג נאר יעצט איז דיא שונהייט דער פון פאר שווינדין · איר גזיכט איז טאדבלאס , פון אירי שייני קארשין אוגין קוקט יעצט ארום נאר מעלאנכליע · אונ דיא אמהאליגי רוט בליהענדי וואנגין הענגין אוף זייא יעצט טראפין טרערין וועלכי פליסען פון אירי אויגין צייט דרייא חדשים · צייט זיא איז פאר הייראטעט געווארין · זיא קוקט אוף דיא בלומין אונ רעדט צוא זיך , א מייני בלומין , אונ אוך שפיגעלט זיך אפ מיין פאר גאנגענהייט אונ צו קונפט · איך בין אוך אזו פרוש אונ רייצענד געוועזן וויא איר בלומין , איידר איך האב אייך אפ גריסען פון אייער ארט · איך האב גבויהעט פאר זיך אין מיין פאנטאזיע אגאלדיני צו קונפט · אונ יעצט , א , בין איך וויא איר ארימע בלומין , איר זענט אפ גריסין געווארין פון דעם ארט וויא איר האט אזו שיין גבליהעט · איר זענט יעצט אין מיין האנד אונ באלד ווערט איר צוא וויאגעט · אונ דער נאך וועל איך אייך אוועק ווארפין צו באדין אונ מענטשין וועלין אוף אייך טרעטין · מיט מיר וועט אוך דאס זעלבי געשעהין מיך האט מען אויך אפ גריסין פון מיין ליבענדין · איך געפון מיך אונטר אפרעמדינס מאכט · יעדין טאג שטארבט אין מיר אפ איין אבר ביז עס וועט ענדליך דער גאנצר קערפער אין מיר אפ שטארבין וועל איך דר נאך נידערין צום גרוב · ווערים וועלין מיך עסין יונגר הייט :

דיא פרויא איז שטול גבליבן אונ האט זיך גאנץ טיף פארדענקט , זא , דאס זיא האט ניט גפילט וויא אירי אוגין האבין פייכט גמאכט אין גאנצין דעם קראנץ בלומין · אין דעם איז צוא איר צו גקומין איין אלטר מאן מיט אוויים גראע בארד · ער האט אום גוויזין פון איאר 60 דאך נאך גינוג שטארק אוף דעם קערפר · ער האט זיך גזעצט נעבין דר פרוא · אונ האט איר אוף גהובין דעם קאפ אונ אקוש גיגעבין איר אין שטערין · שייני טייערי דינה , רופט ער זיך צוא איר אפ · ביזט נאך אוודאי שלעפרדיג וואס דוא זיצט אזו אראפ גלאזט דעם קאפ · פאלג מיר לייג זיך צו נאך אוף אפאר שטונדין שלאפין · איך דאנק אייך פאר דער עצה , ערווירדיגר גרייז , ענפערט דינה · אבר איך וואלט אייך נאך בעסר דאנקן ווען איר זאלט מיר ערלובין צו גיין אוף אייביג שלאפין · דר אלטר מאן וועלכין מיר וועלי פון יעצט רופין בייא זיין נאמן , ר' אברהם לוסטמאן , איז שטארק דער שראקין גיווארין הערענדיג אירי לעצטי ווערטר · וואס רעדסטו מיין טייערי פרוי , רופט ער זיך אפ · רעד ניט איך בעט דיך אזעלכי שרעקליכי רייד פאר מיר · האב רחמנות אוף מיין עלטר · אונ פאר וואס בעט איך ביי אייך ניט רחמנות אוף מיין יוגענד :

וואס זאגסטו ליבעס קינד , צו האב איך דען אוף דיר קיין רחמנות ניט · צו טוא איך דיר חלילה עפיס בייזעס · איך האלט דאך דיך טייערער פון מיין שווארץ אפיל אין אוג · אלי פארגניגין וואס קענין נאר געבין אוף דר וועלט איז דאך ביי א דיר אין דער האנד · דוא זיצט אין רייכע גיפוצטע זיילין · האסט צוא הערשין איבר איין פאר מעגין פון 80 טויזינד רובל · אונ נאך מיין טוט בלייבט דאס פאר דיר אין גאנצין · איך מאך עטליכי מאל אין חודש באלען · עס בעזוכין אונז דיא גרעסטי פון שטאט · זייא טיילין דיר אפ כבוד אזו גוט וויא מיר אליין , איך פערשאף אלי וואך אהער דיא שענסטי מוזיק אום דיר זאל ניט אמטהיג זיין ; פארסט אלי טאג ארום אין דעם רייכסטין קופע מיט וועלכין אלי זענין דיר

מקנא

מקנא · און צום סוף זאגסטו נאך אז איך האב אויף דיר קיין רחמנות ניט · אדרבה זאג מיר וועלכים עס פעלט דיר ביי מיר וועל איך ניט רוהין ביז איך וועל דיר דעם פרידמעט פערשאפין :

אך גיין, זאגט דינה מיט אזיפץ, דעם פרידמעט, נאך וועלכין מיין הארץ בענקט דאס צו האבין זענט איר ניט אין שטאנד אים מיר צו געבין · און קיינער קען מיר ניט אים דר לאנגין · ווארום דר טוט, דר אכזר, ער האט אים אוועק גריסן פון מיר :

לוסטמאן האט פאר שטאנין אז זיא מיינט מיט אירי רייד איר אמאהליגן געליבטן :

דינהלי, רופט ער זיך אפ מיט פערדראס · מיין ניט אז נאר דיא יונגי קלאסי מענטשין קענין ליבען, דענק ניט אז נאר יונגי לייט פאר שטייען צו שאצין אזא געטען וויא דוא מיין לעבין ביסט · איך בין צוואר אלט אבער נאר אין יארין בין איך אלט · מיין הארץ אבער איז נאך גינוג יונג און שטארק צוא פאר טראגין דיא ליבע אין זיך, דער געטליכער פלאם פון ליבע הט זיך פאר שפרייט אין אלי מייני גלידער · איך ליב דיך פיל מער פון זיך זעלבסט · דוא ביסט מיין זאנע אין וועלכי מיין אלטר קערפער ווארימט זיך פון אירי שטראלין · דוא ביסט דר ליבר גארטין אין וועלכין איך שפאציר און שעפ פרושע לופט צוא מייני אלטי ביינר · דוא ביסט דר בלימענרייכר ווייניץ וועלכין איך לייג אים צו מיין מונד צום שמעקין און באקום דורך אים נייע קרעפטין צום לעבין · דוא ביסט דאס ליכט וועלכים באלייכט דעם גאנצין וועג פון מיין לעבין · אין דיר זעה איך ליכט · אין דיר זעה איך לעבין און אן דיר בין איך וויא איין פאר טריקענטר בום וויא איין פאר שמאכטע בלום · מיט אייןווארט דוא ביסט דיא זייל פון מיין קערפער · נוא גלייבסטו שון דינה אז איך ליב דיך בעסר פון מיר אליין :

אבר ניט בעסר וויא מיין דוד · דער אלטר הערענדיג דעם נאמין דוד פון דינהן, איז אין שוידער אריין פאר כעס · דינהלי, רופט ער זיך אפ · דוא האסט מיר שון מער וויא איין מאל צו גזאגט אז דוא זאלסט מער זיין נאמין דאכטין · דען פון אמת איז ניט דא וואס צוא רעדן · דוא ברענגסט זיך ניט איין מיט דעם קיין שום פאליזע און דר וועקסט אין מיר דיא אלי פאר גאנגיני ווינדין וועלכי איך וויל זיא שון פאר געסין האבין · דוא ווייסט זייער גוט אז דוד איז ביי מיר אזו טייער גוועזן וויא איין עגין קינד מיינס · און איך האב טאקי גרעכינט אז ער זאל בלייבין ביי מיר פאר מיין זון · אז מיך האט גאט גישטראפט איך האב קיין קינדר ניט · דעם איינעם זון מיינם איסאק וועלכין איך האב גבוירין מיט מיין צווייטר פרוי דיר צו לאנגי יארין האט מען ביי מיר אים אוועק גגנבית · ער איז דאמאלס אלט גוועזן 3 יאר · איז מיין פרויא קראנק גיווארין האב איך זיא מיט דעם קינד אוועק גשיקט נאך וויען קורירין זיך · דען אן דעם קינד הט זיא ניט גוואלט פארין בשום אופן · אין 8 טאג ארום קומט זיא צו ריק צו מיר צו פארין שון אן דעם קינד · זיא איז נאר ארויף גיקומין אויף דער שוועל פון מיין טיר איז זיא באלד אין חלשות גפאלין איך האב גירופין דאקטורים, זייא האבין זיא קום אפ גמינטערט · און זיא דר ציילט מיר אז אויף דעם באהן פארענדיג האט מען ביי איר ביי נאכט ווען זיא איז גשלאפן אוועק גשטולין דאס קינד · און ווער דאס האט גטאן ווייסט זיא ניט און האט דם ניט גיקענט דער גיין · קענסט זיך פאר שטעלין ליבע דינהלי דיא שמערצין מייני וואס איך האב דאמאלס גהאט · נאר איך בין דאך אמאנס פערזאן האב איך מיך באמיהט דיא צרות צו פאר געסין · נאר מיין זעליגע פרוי הט אימר גטרויערט נאך דעם שאדן · און דר גנב פון דעם קינד הט נאך דר פרישט אירי שמערצין · דען אין איין חודש ארום באקום איך אבריעף פון איין און באקאנטען מענטשין אין וויען אונטר דעם נאמין הערכאן שטיינהאמר און ער שרייבט מיר אז איך וועל אים ארום שיקן 500 רוביל · בהענגט ער מיר אפ צו ריק מיין קינד · דר בריעף הט

אונז ממש דר קוויקט · איך האב נאך דעם זעלבין טאג אים אוועק געשיקט דיא סומע אויף דעם אדרעס וויא ער האט זיך געהייסין שיקין אונ מיר האבין שון פלאץ גמאכט פאר דעם טייערין גאסט אונזר איינציג קינד · נאר עס איז אבר פאר בייא געגאנגן אגאנצר מאנהייט אונ דער גנב מיט דעם קינד איז נאך ניט דא · איך האב שון גדענקט צו שיקין אים נאך אבריף אונ אים פרעגין פאר וואס ער זוימט אזו מיט זיין קומין · אין דעם האט דער בריף טרעגר מיר אבריף ארין גבראכט · איך עפין אויף אונ לעז איבר הער איך וויא דער גנב שרייבט מיר אז ער האט ניט געקענט תיכף ארוס פארין ווייל דאס קינד איז פאר שלאפט געווארין · אונ דער ווייל האט ער פאר צערט דיא סומע · אונ אז איך וועל אים נאך אמאל שיקין פיניף הונדערטר האב איך אין 8 טאג צוא ריק מיין זון ביי מיר · מיר האבין דעם באטריגר געגלייבט אונ איך האב אים נאך אמאל אזא סומע געשיקט נאר עס איז אוועק ניט נאר צוויי וואכין זאנדרין אגאנצר מאנהייט אונ מיין זון איז נאך אלס ניט דא · דא בין איך שון אליין אוועק גפארין קיין וויען אונ זיך דר פרעגט נאך דעם אדרעס וויא דר באטריגר וואוינט : איך בין אהין צו דעם וואוינונג אן געקומין טרעף איך שון דם ליידיג איך פרעג דעם דווארניק אויף דעם באטריגר ענטפערט ער מיר אז צו ריק מיט דריי טעג האט דא ווירקליך געוואוינט אזא מאן מיט אקליין יונגעל פון איאר 3 נאר יעצט ווייסט ער ניט וויא ער הט זיך איבר געקליבין · איך האב דם איין געמעלדיט אין דר דארטיגר פאליציייא · אונ פון דארטין האב איך ווינד בקומין אז דער באטריגר איז ארוס גפארין פון וויען · איך האב נאך דאס איינע געטאן וואס איך האב געקענט טאן · דם איז איך האב פובליקירט אין אלי אום לענדירשי אונ הילענדירשי צייטינגן פון דעם באטריגר אונ דם הט מיר אויך ניט געהאלפין · מיין זון איז געבליבין פאר שווינדין פון אונז ביז אין היינטיגין טאג · מער קיין קינדר האב איך שון ניט געהאט · אונ מיין פרוי האט נאך דעם שטענדיג געקלאגט אונ אימער געקרענקט ביז אין דעם פאריגין יאר אונ איז געשטארבן :

מיט אהאלב יאר פריער דאס וואר אום ווינטר צייט ווען איך האב געמיטאגט קומט צו מיר ארין דוד אונ בעט מיר אוב עס איז מעגליך זאל איך אים צו נעמין פר איין שרייבר אין מיין קאנטאר · איך האב אים געזעצט אויף אפראבע אונ האב אים צוא גנומן · ער איז מיר באלד געפעלין · ערשטינס דורך זיין ספעציאלנאסט אין דעם געשעפט · אונ צווייטנס האב איך אים ליב בקומין דורך זיין ערליכן אויף פירין זיך · אונ האב ווירקליך גדענקט אים גליקליך צו מאכין · אונ אלס ער האט מיר געזאגט אז ער וויל מיט דיר הייראטין האב איך אים באלד מיין סאגלאסיע מיט גגעבין · איך האב שון זאגאר אן געהובין צו דענקין פון אגוטין דרשה געשאנק אייך געבין · נאר דר ליבר גאט האט דאך אנדערש געוואלט · דארף איך שיקין דוידין אין נירשעוו אן צו קוקין אאימעניע וואס איינר וויל פאר קופין אונ דארטן זאל ער זיך צו קריגין מיט עפיס איין סטודענט אונ זאל אים ארוס רופן אויף אדועל אונ זאל טויט פאלין · נוא זעהין מיר דאך ארוס אז דאס איז נאר דיא פארזעהונגס אונ דער בייא געוועזין · אלזא דארפין מיר אין דעם אונגליק פאר געסין · דען זאנסט הייסט דאס אז מיר קריגין אויף דער פארזעהונג :

פאר געסין · ערווידערט דינה · אמת איר קאנט אין אים פאר געסין ווייל איר האט צוא אים גאר ניט געאפפערט · אבר איך האב צוא אים מקריב געוועזין מיין הארץ קאן איך אין אים אזו גיך ניט פאר געסין · צוואר איך האב אייך צוא געזאגט אז איך וועל אין אים פאר געסין · דאס איז ערענסט געמיינט געוועזין איך גישטעהע דאס אצונד פאר אייך · מייני גדאנקין זענין נאר צו אים ערגעבין :

לוסטמאן איז העכסט אויף גבראכט געווארין הערענד זאלכי רייד פון דינהן · דינה · זאגט ער צו איר כמעט מיט אנשרייא · גדענק ווענין דוא לאזט הערין זאלכי רייד · דעם וועלכר

האט

האט גיאפפערט זיין נאמין אונ זיין כבוד וועגין דיר · פאר דעם וועלכר האט זיך צוא דיר אראפ גבוגין פון זיין הוכין אונ רייכין שטאנד · פר דעם ענדליך וועלכר האט דיך פון איין ארום דינסט מעדכין דער הויבין פאר איין גרוסי אונ רייכי דאמע אונ דוא ביזט אזו אונדאנקבאר · אונ מיר אין דיא אויגין צוא זאגין אז דייני גדאנקין זענין נאר צוא דורין ערגעבין אונ ניט צו דיין מאן · א לייכטזיניג קינד · איך פארציה דאס דיר ווייל דוא ביזט נאך יונג דיין פאר שטאנד איז נאך יונג צוא פאר שטיין דס וואלטהאט וואס איך האב דיר גטאן · נאר שפעטר פאר האף איך אז דוא וועסט קליגר ווערין · דענסט מאל וועסטו מיך דר קענין פאר דעם איינציגין וואס האט דיך גליקליך גמאכט אונ איז דרום ווערט אז דוא זאלסט אים דיין הארץ אפפערין אונ אים טרייא זיין · נאר ביז דאמאלס צו ווארטין איז מיר זייער לאנג · ווער ווייסט אויב איך וועל גאר דער לעבין צוא יענר גליקליכר צייט · דרום דינהלי טוא מיר צו ליב · דיא עטליכע יארין וואס איך האב נאך צו לעבין אוף דר וועלט · לאז זייא מיך אין פריידין אום לעבין · זייא צו מיר ערגעבין אזו וויא אפרוי דארף זיין צוא איר מאן · איך האב רעכט דאס צו פאדרין פון דיר דען דוא ביסט מיין פרויא :

דינה האט גשוויגין · אונ האט אוף גיהובין דיא אויגין וועלכי זענין פול מיט טרערין · צום הימיל אונ אשטילין זיפץ גגעבין · אין דיזער מינוט איז דינה אזו רייצענד שיין וויא אהימלישע וועזין · אירי שווארצי לאנגי לאקין ליגין אום גשפרייט אוף איר קלאר ווייסין האלז אונ דר שטילר ווינד שפילט זיך מיט זייא · פון איר זויבער רייגם הארץ שפיגילט אראפ דר מעדאליאן וועלכר איז בזעצט מיט איניגי בריליאנטין אונ דאס ווייזט אוים אזו רייצענד וויא דיא לבנה שפיגעלט זיך אפ צווישין פיל שטערן אוף דעם רייגם בלאהין הימל. דאס גזיכט וועלכים איז גוועזן ביז אצונד נאר בלאס איז פלוצלונג רוט גווארין · פאר גוויס אום באליידיגונג · אונ דס האט איר צו גגעבין מער חן · אזו דאס זעלבסט ליסטמאן גרייז פון 60 יאר איז באצובערט גווארין פון דר שיינר גראציע (חן) · דינהלי רופט ער זיך אפ אקוש געבענדיג איר אוף דיא וואנגין · מיין הארץ מיין זעלע · זאגסטו מיר צוא וואס איך בעט פון דיר :

לאסט מיך רוהען ענפערט דינה גאנץ שטיל אונ שוואך :

רוהע גזונטערהייט מיין טייבכין · אבר זעה לאז מיך אוך רוהין · מאך מיר ניט אן קיין שמערצין מיט דיין אונמיטהיגקייט · זייא פריליך אונ מונטר אונ היט זיך פון טרויער אדר וויינין דען דוא פארלירסט דורך זייא דיין שונהייט אונ צו גליך דיין גזונד · קום אריין מיט מיר אין זאל וועלין מיר פרישטאגין עס איז דאך שון דיא צייט דר פון פאר וום זאלסטו נאך זיצין פאר שמאכטרהייט :

מיר ווילט זיך נאך ניט עסין · איך וויל נאך עטוואס דר פרישין זיך מיט דר לופט דא אין גארטין · איר קענט אריין גיין אן מיר פרישטאגין איך וועל אויך באלד אן קומין ווען עס וועט מיך הונגרין · לוסטמאן · וועלכר פלעגט שטענדיג צו ליב טאן זיין פרויא האט ער איר יעצט אוך צו ליב גטאן · אונ איז אליין אריין גגאנגין אין שטיב :

2

דיא אינטריגע פון איין אלטען מאן ·

לעבין וואקזאל אין קירכעוו אין דעם מארגין · איז ארום גגאנגין אבעיאהרטר מאן פון עטליכי אין פירציג יאר גאנץ ארעם גקליידיט נאר ריין צוא גקלויבין אויף דעם ארימען אריסטאקראטישין ארט · פון דיא גרויע אויגין זייני האט ארום גקוקט דאס באזהייט וואס

ער פאר מאגט אין זיך · דיא פרומע מאסקע פון זיין גזיכט האט גוויזן דס חיטראסט וואס זיין הארץ באזיצט · אונ דיא בלוז פאר טריקענטי ליפען האבין עדות גזאגט אז זיין מול שמאכטעט שון ניט פון איין טאג · שלעכט, רעט ער צו זיך גייהענדיג ארום דעם וואקזאלי עס האט זיך פון מיר אפ גטאן גאר אין גאנצין דיא הצלחה · אמאל פלעגט זיך מיר צוא טרעפין יעדר מינוט כשרה מציאות אונ מיין ביטעל איז דורך · זייא שטענדיג פול גוועזין מיט פאזיטען · עס האט זיך מיר גטראפין אוועק צו שטולין אקינד בייא אדאמע אוף דעם באהן אונ דארורך האב איך פאר דינט טויזענד רובעל · עס פלעגט זיך מיר צוא טרעפין נאך אנדרי שטיקע גניבות צו טאן אונ מאנכע מאל האט מיר גלינגין אפערעס צו מאכן אונ האב דער פון באקומן אשייני קאפיקע · איך האב מיר גלעבט פירשטליך · אונ אלי טאג געגעסין אגוט שטיקיל פלייש אונ פאר טרינקין מיט איין פיין גלעזיל ויין אונ בייא אלי מענטשין האב איך גהייסין פיינער מאן · קיינר האט אוף מיר דעם מינדעסטין פערדאכט גהאט אז איך בין אשטיקער גנב · אונ היינט מעשטיינס גזאגט איז דאס גליק פון מיר פאר שווינדין אפילו צוא קיין אפערעס האב איך אויך קיין גליק ניט · אונ דורך דעם האב איך גמוזט פון עשראוו אנטלופין רען דיא גאנצי שטאט איז גוואר גווארין אז איך בין איין אפעריסט · איך בין גיקומין אהער אין קירקעוו · האב איך פלוצלונג דער זעהן מיין איסאקען אדער דוד וויא איך האב אים אנאמין גגעבין ווען איך האב אים אוועק גשטולט : דא האב איך מיך פשוט גפרייט גלייך וויא איך וואלט משיחין דר זעהן · איך האב גדענקט אז דורך אים וועל איך ווידער געלד שעפין בייא דעם נאטארים אברהם לוסטמאן · נון דארף ער אוף מיין שלימזל גאר אפ פארין קיין נירשעוו אונ דארטין זאל ער זיך צו שלאגן מיט עפים אשטודענטיל אונ זאל שטארבין · צוא ריק מיט זעכס וואכין מאכט זיך מיר יא דא אשטיקל אפערי צוא מאכין מיט אמעשין קיטל דארף דר יאלד זיך באלד ארום קוקין אז איך האב אים גנארט · אונ רופט גלייך צו איין גאראדאוואו , איך מוז אים אום קערין דעם 25 גער אונ וועד נאך פאר סאדעט אוף 6 וואכין אין אסטראג צו זיצין · הכלל אז קיין גליק איז ניט דא חאטשי נעם אונ צוא רייס זיך אויף צווייען העלפט קיין שום חכמות ניט :

דער מענטש איז שטיל גבליבין וייל דער פאיעזד איז אן גקומן פון נירשעוו · ער איז צו גגאנגין נעהענטר צוא דיא וואגאנעס אונ צוא באטראכטין דיא פאסאזירער וואס דער פאיעזד האט גבראכט פיליכט וועט ער גפונין וועמין אפ צוא נארין מיט אמעשין קיטל , נאר פלוצלונג איז ער אפ גשפרינגן צוא ריק אונ גאנץ דר שראקין גווארין אלס ער האט גזעהן ארויס גיין פון ערשטין קלאס איונגען מענטש פון איאר 20 מיט שווארצי לאקין האר , שווארץ פינקעלנדי אוגין אונ איין בלאס גיזוכט וועלכים האט גצייגט אז ער איז ניט לאנג פון קראנקין בעט אוף גשטאנן · זיין אנצוג וואר אגאנץ רייכר אין איין האנד הט ער גטראגין אקליינים טשאמאדאן אונ אין דער צווייטר האנד ארעגענשירם :

דוד , א טייערר דוד , שרייט ענדליך דער אפעריסט אום וואר פענדליך זיך אוף זיין האלז · איר לעבט , א גאט זייא דאנק , אך ווען איך זאל דאס אבר גוועןן וויסן צו ריק מיט דרייא חדשים וואלט איך דאך פאר שפארט אזו פיל טרערין פאר גיסין אוף אייער טוט · דוד איז דער שטאנין גווארין הערענדיג פון אים אזעלכי רייד , איר מיינט פאר קערט ליבר הערמאן רופט ער זיך אפ צום אפעריסט · איר ווילט זאגין אז איר האט גוויינט אוף דינהם טוט , גאט איז מיט אייך דוד וואס רעט איר , זאגט הערמאן גאנץ פאר וואונדערט , וויא הייסט אוף דינהם טוט , זיא לעבט דאך גאט צוא דאנק אונ איז נאך אזו גליקליך · גאט מיינר וואס הער איך , רייסט דוד איבר מיט זיין שטימע , דינה לעבט זאגט איר · וויא איז דאס מעגליך :

אפאר זעקונדין האט הערמאן שווייגענדיג גקוקט דודין טיף אין דיא אויגין . איך וועל אייך זאגין דעם אמת דוד . אז קוקענדיג אוף אייך צוטערין אלי מייני גלידר , אייער גזיכט איז שטארק צו טראגין . אונ אייערי רייד ווייזין מיר גאנץ משונה אוס . אונ ווען איך זאל זיין אפאנאטיקר וואלט איך גגלייבט אז איר גייט ארום אוף דעם עולם התוהו . נאר יעצט ווייס איך גאר ניט וואס צו דענקין אוף אייך , צו ריק מיט דרייא מאנהיים האט כמעט דיא גאנצי שטאט גקלינגין פון דעם טרויערדיגין דעפעש וועלכין לוסטמאן האט דר האלטין פון נירשעו פון זיינעם אפריינד אז איר זענט גפאלין טוט אין אדועל . אונ אצונד זעה איך אייך גאר לעבעדיג נאר אזו צוא טראגין אז איר רעד זאלכי רייד וועלכי דיא קלארי גדאנקין פון מענטש ערלובין דאס ניט צו דענקין גאר :

דוד איז אין צארין גוואורין דאס הערענדיג פון אים דען ער האט גדענקט אז הערמאן טרייבט קאטאוויס מיט אים , פריינד , רופט ער צום אפעריסט זיך אפ . מאכט מיך ניט פאר קיין משוגענים . גאט מיינר , פאר וואס הייסין בייא אייך מייני רייד פאר אונזיניגי . איך וועל אייך זאגין דיא רייני ווארהייט ליבער הערמאן אז אייערי רייד מיט דעם דעפעש אונ דועל קומין מיר גיבער אוס פאר אונזיניגי . וואס זאגט איר עפיס אז איך בין גפאלין אין אדועל , ווען האב איך דען גשטרייטין , אונ מיט וועמין האב איך צוא שטרייטין , איך האב אוף מיין לעבין מיט קיינעם זיך ניט גקריגט אונ דריבר האב איך קיין שונאים ניט . איך בעט אייך ליבר פריינד . אזו וויא מיר האבין זיך ניט לאנג באקאנט אונ זיך צוא גשווארין טרייע פריינדשאפט איינר דעם אנדרין , אונ נון איין נאמין דיזין פריינדשאפט בעט איך אז איר זאלט מיט מיר קיין שפאס ניט טרייבין , מיין הארץ בלוטיגט צוא הערין זאלכי רייד , איך בין שון גינוג גשלאגין גווארין דוירך דעם טרויערדיגין דעפעש וועלכין איך האב ערהאלטין פון לוסטמאנין צוריק מיט זיבין וואכין אז אפייער האט פלוצלונג זיך אן גצונדין אין זיין מויער וויא ער וואונט אום ווינטר . אונ דינה איז אוף טוט פאר ברענט גווארין מיט נאך אקאקייא זיינעם . אונ ער אליין איז אויך קראנק פאר שמערצין אונ אום גליק . מיר האט דיא נאכריכט אזו אונטר דריקט אז איך בין קראנק גווארין אונ ביז אין דער פאריגר וואך האב איך פון בעט ניט גקאנט אוף שטיין :

טפו , רופט הערמאן זיך אפ מיט צארין , איך פר שטיי גאר ניט די דאזיגי אינטריגי , דא איז אטייפל שפיל עהרין ווארט , זעלבסט דר שטן האט זיך דא ארייין גמישט אונ אונז אלי דיא קעפ צו דרייט , וואס הייסט דאס , איר זאגט אז דר טעלעגראף הט אייך גמעלדיט אז דינה איז פאר ברענט גווארין ; אונ לוסטמאן מיט דינהן זאגין אז דר טעלעגראף הט זייא גמעלדיט אז איר זענט גשאסין גווארין . ווער זשע איז פון אייך דריי דר ליגנר , דער פאקט ווייזט ארום יעצט אז איר זענט אלי ליגנער , אייך זעה איך לעבין , אונ דינהן האב איך קיין מאל ניט גזעהן שטארבין :

איך דאנק דיר היכל , שרייט דוד מיט פריידין אוס . דס איז אשפיל פון איין קאטאוויס טרייבר פערמיטליך אוף גטאן גווארין . נאר דאנקין גאט דס דיא שפיל איז ניט מער וויא אקאמעדיע אונ ניט קיין דראמע ; קיין העלד האט ניט פאר לורין דס לעבין דער בייא . איך בין גליקליך , מיין דינה לעבט , איך לויף שון צו איר :

ווארט נאר אויס ליבער דוד איך וויל אייך נאך עפיס צו וויסין געבין , איך דארף מער ניט , ענטפערט דוד אוועק לופנדיג פון אים , פאר מיר איז גינוג אז איך ווייס אז מיין דינה לעבט אונ דיא מינוט זעה איך מיך מיט איר :

אך נארישר מענטש , רעט הערמאן צוא זיך זעלבסט אלס דוד איז פון אים אוועק גלאפן . איך האב דיר גוואלט גראדע דס וויכטיגסטי צוא וויסין געבין אונ דוא ביסט גאר אנטלאפין פון מיר , דיר איז באשערט אז דוא זאלסט דס הערין פון דיין גליבטר אליין .

ער

ער הט זיך אוף איין ווייל עטוואס פאר דענקט נאך דעם זעצט ער פארט · אט דא ליגט דער הונד באגראבין · אצונד פאר שטיי איך שון די גאנצי שפיל · דאס וואר ניט קיין טייפעל שפיל וויא איך האב פריער גדענקט אוך ניט קיין קאמעדיע וויא דוד האט גזאגט · נייז · דאס איז איין שרעקליך טרויעריגדי דראמע · אונ דר פערפאססר פון איר איז ניט קיין קאטאוועס טרייבר וויא דוד הט גזאגט זאנדערין איין גרוסר עגאיסט · איין אלטר נואף · לוסטמאן האט וויא איך פאר שטייא זיך אט אפנים פאר ליבט אין דעם שיינים מיידיל · אונ ער האט גוויסט אז זיא איז אין דודין פאר ליבט · האט ער אים מיט אבזיכט אוועק גשיקט פון אירי אויגין אונ האט אוס גטראכט אויף אים אז ער איז גשטארבין אונ דינהס הארץ זאל ווערין פרייא אונ זאל קענין פאר איר חתונה האבין אונ כדי אין דודין צו לעשין זיין ליבע צו דינהן האט ער אים גשריבין אז זיא איז פאר ברענט גווארין · חא חא חא · איין אלטר מאן זאל קענין זיין אזאלכער אינטריגאנט · בראווא · מאלאדיעץ חלעבין · ער האט דאס גוט אפ גשפילט · אונ אצונד וועט זיך פאר גיווים הערשט אן הייבין דר ראמאן אונ וויא מיר דאכט עפענט זיך פר מיר יעצט אוף איין קוואל פון געלד שעפין · איך בין אבעלן אונטער צוא גיין צום חיטער אונ לאם איך זעהן וויא אזו דער דוד וועט דארטען אוף גינומין ווערין :

3

דיא פאר ליבענדע ,

1

פאר פלוכם מעג זיין ,
דיזע פרויא אוף דער וועלט ·
וואס נעמט איין מאן ,
צוא ליב דעם געלד :

2

מייני בעסטי טעג ,
האב איך פאר לארין :
צוא ליב איין גרום פאר מעג ;
בין איך אזוקנס פרויא גיווארין :

3

יעצט האב איך חרטה נאר א צו שפעט
מיין פריהלונג איז שון פאר בייא :
ער וועט מיר קיין מאל ניט געבין קיין געט,
ביז אין זיין טוט ווער איך ניט פרייא :

4

פערצייהע מיר גאט פערצייא ,
אוף מיין שלעכטין גדאנק ·
מיין מאן איז מיר זעהר טרייא ,
אונ איך בין אים דר גרעסטר פיינד :

דאס ליעד האט דינה אייניגי מאל איבר גזינגין אלס לוסטמאן איז פון איר אוועק גגאנגין · אונ אלס זיא האט גוואלט אוף שטיין אונ אריין צו גיין אין שטוב אריין איז דוד אריין גקומין צו איר אין דר בעסעדקי · דינה הט אים דער זעהן האט זיא אפאטש גגעבין גגעבין מיט די הענד פאר שרעק אונ איז אוף בארין אראפ גפאלן אונ גבליבן שפראכלאז · דוד האט אוועק גווארפין זיין טשאמאדאן מיט דעם שירעם אונ האט זיא גשווינד אוף גהויבין אונ זיא צוא ריק גזעצט אוף דער שטיל · דינה , מיין הארץ מיין לעבין , שרייט ער אוס · פאר וועמין האסטו דיך דר שראקין , א זעה , דיין גליבטר דוד שטייט דאך לעבין דיר · נאר דינה האט נאך ניט גקענט די שפראך גפונין · דוד האט באדעקט איר גזיכט מיט צאהלאזי קישען · בערוהיג דיך מייערי ליבע דינהנקע · שרייט ער נאך איין מאל צו איר · א שענק מיר דאס גליק צוא הערין פון דיר אפאר ווערטר , שרעק דיך ניט פאר מיין פהיזיאנאמיע · איך בין קיין גשפענסטו איך האב פריער גלעבט אונ לעב אוך יעצט · דאס
איז

איז פאלטש געוועזן וואס מען האט אונז געבראכט אז איך בין אין אדעל נפאלין ;

דינה איז רוהיגער געווארין נאר אלי גלידר האבין ביי איר געשוידערט . מיין טייערר דוד ; רופט זיא זיך אפ . איז ווירקליך דער דאפעשי פון דיר פאלש געוועזין :

יא מיין טייערי דאס וואר אפאלטשי נאכריכט דען אין געמליכין טאג האב איך פון דאנין אדעפעש ערהאלטין אז דוא ביסט אוף טוט פאר ברענט געווארין אונ צום סוף זעה איך דאך אז דאס איז אליגענד צו אונזערי פריידע :

דינה איז אוף געשפרינגין פון ארט , הימיל ווס הער איך , פרעגט זיא מיט ערשטוינין . דיר האט מען געמעלדיט אז איך בין פאר ברענט געווארין , א ווער האט דאס דיר געמעלדיט ? זעלבסט אונזער הער לוסטמאן ערווידערט דוד . איך גלייב אז ער האט געוואלט איבר אונז זיך לוסטיג מאכין דען פאר איין רי כין מאן איז אלים ערלויבט :

יא לוסטיג מאכין זאגט דינה מיט אזיפץ . אבר ווייסטו וויא אזוי ער האט זיך איבר אונז לוסטיג גמאכט , מיט העכסט דראמאטעשע פאלגין :

איך פאר שטייא דיך ניט מיין ליבע , זאגט דוד אונ דער גאנצר קערפר צוטערט אוף אים , ליבר דוד ווארום זאלסטו ניט פאר שטיין , ער האט איבר אונז זיך לוסטיג גמאכט (געשפעט) אוף דעם אופן אז מיר זאלין צו שייד בלייבין :

מיר זאלין בלייבין צו שייד , שרייט אים דוד צו קוועטשענד זייני גליבטי צו זייני ברוסט , א ניין , קיין מענשליכי האנד , קיין ריזען קראפט איז ניט אין שטאנד מיין גליבטי פון מיר אוועק צו נעמין , דוא בלייבסט מיין טייערי דינה אוף אייביג אונ איך אוף אימער דיין טרייער דוד :

אוף איניגי מינוטין האט געהערשט אפויזע צווישין די פאר ליבענדי . דינה האט גיגאסין מיט טרערין אונ האט קיין קרעפטין ניט גהאט אן צו זאגין איר ליבענדין די נאכריכט אז זיא איז שון צו שייד פון אים . דוד האט זיא געקישט אן אוף הער אונ די טראפין טרערין וועלכי זענין גלאפין פון אירי אוגין אוף זייני וואנגין ווארין ביי אים אזוי זיס וויא טראפין טויא אוף בלומין . אין דער מינוט איז אן געקומען דער אפעריסט הערמאן אונ האט זיך פאר שטעקט צווישין איין גרופפע ביימליך ניט ווייט פון דער בעסעדקי אן באמערקט צו זיין פון דינהן מיט דודין ; דוד , רופט ענדליך דינה זיך אפ . מיר זענין שוין צו שיידט :

שוין צו שיידט , וויא קען דס זיין , דוא ביסט דאך מיין טרייע ליבענדי :

אונ דאך זענין מיר צו שיידט . איך פאר שטייא ניט וויא אזוי , רופט דוד מיט שרעקין זיך אפ , צו האסטו דען שון חתונה גהאט . דינה האט אקורצע צייט געשוויגין ווערענד דוד איז געשטאנין קעגין איר מיט גיבייגטי פיס אונ געווארט מיט שוידר אוף איר אנטווארט . דינה האט זיך ארוף געווארפין אוף זיין האלז אונ מיט איין קלאגענדיגי שטומע שרייט זיא אוס , א דוד דוד , אנטלויף פון מיר זינדיגי אונ לייכט זיניגי פרוי , איך האב גזינדיגט קעגין שוואור פון אונזערי הייליגי ליבע אונ בין לייכט זיניג געוועזין צו לאזין זיך איבר רעדין דורך דעם גרוסין רייכטהום לוסטמאנס אונ מיט אים חתונה האבין , אנטלויף פון מיר אום גליקליכע , איך ווינש דיר מיין ליבער דאס פאלקאמעני גליק צו ערייכין אוף ערדין , אונ איך , איך בלייב שון פר וועלקט , מיין קונפטיג לעבין איז ביי מיר קיין פעניג שון ניט ווערט . היינט אדר מארגין וועל איך פון דעם לעבין לוז ווערין דען איך פיל וויא מייני כוחות אנטגייהען מיר פון טאג צו טאג :

אברהם לוסטמאן איז דיין מאן , רופט דוד זיך אפ מיט אביטערין שמייכיל . אט א דער אלטר זעכציג יאהריגער מאן באזיצט אזאלכי יונג פרושע בלומע , אט ביי דעם אלטן נואף נפונט זיך יעצט מיין טייערר שאץ , א פינסטער איז מיר אונ ביטער . אונ דוא דינהלי

האסט

האסט דאס געוואלט, אונ גאר פאר געסין אין אונזר הייליגר אונ ווארע ליבע, אונ דאס אפ רעדינגדיג האט ער זיך געזעצט אויף איין שטיל • אונ פאר שטעלענדיג זיך מיט ביידי העגר דאס גיזיכט האט ער ביטר געוויינט :

ליבר דוד, רופט דינה זיך אפ, אונ נעמט זייני הענד • דענק אויף מיר ניט צוא קין שלעכטין, איך שווער דיר ביא אלעס וואס הייליג איז אז מיין ליבע צוא דיר איז נאך ניט אפ גיקילט געווארין אויף אמינוט • אונ אוב מיר וועלין זיך ניט צוא נויף קומין וועל איך גיך אונ באלד צום קבר ווערין געבראכט • שטעל דיר פאר מיין טייערר דוד מיין לאגע אונ דער נאך וועסטו זעהן אוב איך האב עפיס אשולד אין דעם פארבינדינג מיט דעם אלטין • איך בין איין ארעם מיידיל געווען עלענד פון גוטי פריינד, אונ עלענד פון עלטערין • דיא איינציגי מוטר מייני איז מיר אפ געשטארבין אין דעם פאריגין יאר אלס זיא האט דאס גאנצי פאר מעגין פאר קרענקט • אונ איך האב מיר אלזא אפ געשטעלט איין ארימי יתומה עס איז מיר געווארין אזוי ביטער אז איך האב געמוזט פאר איין פאקאיאוועע אן קומין צוא לוסטמאנין • פליצלינג האט איין שוועב געגעבין פאר מיר אגאלדינר שטראהל צווישן פינסטערי וואלקן דאס ביסטו מיין ליבר דוד • דוא האסט זיך מיט מיר דער קענט אונ דוא האסט מיר צוא געשוואורין טרייע ליבע • איך האב דאמאלס מיר דיא גליקליכי געשעצט אונ ווירקליך גמיינט אז מיר וועלין צוא זאמין אונטער איינם בינד דיא יארין ענדעגין • פלוצלונג פארסטו אוועק קיין נירשעוו אונ באלד באקום איך אדעפעש אז דוא ביסט טויט געפאלין אין ארועל • דר קלאפ האט מיר אזוי געטראפין דאס איך בין אין איין הוציג פיבער אריין אויף גאנצי דרייא וואכין יעצט שטעל דיר פאר דם חיטראסט פון דעם אלטין אז ער, לוסטמאן, קאפיטאליסט פון 80 טויזנד רובל האט דיא גאנצי צייט פון מיין קרענק ניט אפ געטרעטין פון מיר אויף אמינוט • ער האט מאנכי נעכט ניט דר שלאפין • אונ צעהן מאל אין טאג מיר דאקטורים געבראכט אונ מיט זייני הענד האט ער מיר דיא מעדיצין געגעבן • איך האב במערקט זאגאר פיל מאל טרערין אויף זיין גיזיכט, יא טרערין פיר איין ארעם דינסט מעדכין, מיין הארץ איז פול געווארין מיט דאנקבארקייט צוא אים אונ אלס איך בין פון בעט אויף געשטאנין אונ האב געוואלט מיין דאנקבארקייט אים ארום שפרעכין ענטפערט ער מיר אז ער וויל פון מיר ניט הערין קיין דאנק אונ אוך איך וויל דאנקבאר בלייבין אונ אים פאר געלטין פאר דיא מיה איז נאר דאס איינע אז איך זאל ווערין זיין פרוי :

איך האב דעם אלטין ניט געקענט אפזאגין איך האב אין מיר אזוי פיל שטארקייט ניט געהאט • אונ צווייטענס האב איך מיר באדענקט וואס דען קען איך יעצט טאן, אז מיין ליבר איז דאך שון טוט • אונ איך בין איין ארעמי אונ איין עלענד מעדכין • וום וועט פון מיר ווערין, דרום האב איך מיך געמוזט באשליסין אונ מיט דעם אלטין חתונה האבין • נאר גליב מיר מיין טייערר אז זייט איך בין זיין פרויא האב איך נאך איין מינוט אין דיר ניט פאר געסין • איך האב אימער גידענקט וויא אזוי געבר צוא ענדעגין מיין לעבין • אונ יעצט אלס דוא מיין ליבער לעבסט וועל איך פון צונד אן באשטענדיג נאר דענקין וויא אזוי פון אים באפרייט צו ווערין אונ איך זאל צו דיר געהערין :

מיין עצה איז, ערוווידערט דוד אז מיר זאלין יעצט ביידי צו אים אריין גיין אונ פאלין אים צו דיא פיס פילייכט וועט ער אויף אונזר יוגענד רחמנות האבין אונ דיך וועלין געטין :

ניין דוד זאגט דינה • מיין עצה איז אז דוא זאלסט זיך גאר צו אים ניט ווייזין • לאז ער גאר ניט וויסין אז דוא ביסט היר • דען ווער ווייסט וואס דער אלטר אינטריגאנט קאן נאך מיט דיר מאכין אום ליבע צו מיר קאן ער דיך אין גרעסטין אום גליק חלילה פירין • אונ צווייטענס וועט אונזער געבעט ביא אים זיין אומזוסט, ער וועט מיך ניט באפרייען צייטן מיט זיין טויט, אונ ביז דאמאלס אונז צוא ווארטין איז זייער וויים, ער איז נאך גינוג

שטארק

שטארק אונ קרעפטיג אין קערפער . ער קאן נאך לעבין 20 יאר אונז אוף להכעיס • אוב דוא ווילסט מיך פאלגין דוד איז מיין עצה אז מיר זאלין ניט ווארטין ביז דער מלאך המות ווערט זיך דער מאנין צוא אים צו קומין . לאמיר אליין זיין די מלאכי המות אונ אים דעם טויט ברענגין . דוד איז אפ גשפרינגין פאר שרעק . מיר זאלין זיין מערדער זאגסטו , שרייט ער אוס . א באדענק דיך דינה וואס דוא האסט דא גזאגט , צו אוף דעם הט דען גאט ארא געשיקט די ליבע אוף דער וועלט אז דורך איר זאלין רייני מענטשין מערדער ווערין :

קיין אנדערר וועג וויא פון אים באפרייט צו ווערין איז פאר אונז אבער ניט דא , ענטפערט דינה , אונ אוב דוא ווילסט די עצה ניט אן נעמין בלייבין מיר אוף אייביג גטרענט . מיר וועלין זיך מער ניט זעהן איך אליין וויל דאס ניט . ערשטינס בין איך שון אפערהייראטעטי אונ צווייטענס וועט אונזער ראנדעוואו (זעהין זיך) מיר מער שטערין פאר שאפין אלס פארגעניגין . איך וויל מיר דא אין דער איינזאמקייט צווישן דר שטילר נאטור קלאגן אוף מיין פינסטערין שיקזאל ביז דער ליבר גאט וועט אוף מיר זיך דר בארמין אונ וועט ביי מיר דאס לעבין צו נעמין . אונ דם אפ רייערנדיג האט זיא זיך שטארק פענאנדר גוויינט . דינה , ענגיל מיינר , ליכט פון מיין לעבין , זאגט דוד שטארק צו ריהרט . טרייב מיך פון דיר ניט אוועק :

איך קאן מיך מער מיט דיר ניט זעהן מיין טייערער די רעליגיאנס גזעצי ערלויבין דאס מיר ניט • אונ אוב דוא ווילסט מיין ערשטי עצה ניט פאלגין זא פאלג אום ווייניגסטן די צווייטי עצה מייני • אנטלויף פון מיר זינדיגי קעגין דר ליבע , אנטלויף פון דער געלד גייציגער פרוי וועלכי צוא ליב דעם פאר פלוכטין געלד , האט פאר קויפט אירע פרייהייט . אירי יוגענד אונ אירי בעסטי יארין , האב חתונה מיין ליבער אונ פאר געס אוף אימער אין דער לייכט זיניגער אום גליקליכע דינה :

ניין , ענטפערט דוד מיט אפעסטין טאן נאך איין קורצעס באדענקין זיך • איך פאלג ליבערשט דיין ערשטי עצה • זאג מייני ליבענדי וויא אזו זאלין מיר אים דעם טויט ברענגין איך פאלג דיך תיכף :

דאס קען איך דיר באלד ניט זאגין . ענטפערט דינה , איך דארף זיך פריער באקלערין קום מארגין מיט דעם באגינען אהער וועלין מיר דער פון ארום רעדין דר וויל גייא אוועק פון מיר דען איך גלייב אז לוסטמאן וועט אהער באלד אן קומין . דוד האט איר גפאלגט אונ איז ארום גגאנגין פון חיטר . נאך אים איז אוך הערמאן ארום גגאנגין מיט אשמייכלדיג גזיכט • ער האט זיך אום גדרייט מיט איין אנדרין וועג אונ איז אן גקומין אקעגין דודין :

וואס זאל דאס באדייטין ליבר פריינד , פרעגט ער דודין , ווס איר גייט גאר צו ריק מיט דעם טשאמאדאן , איר בלייבט דען ניט מער ביי דעם נאטאריוס , איך האב דארטין שון ניט וואס צוא טאן ענטפערט דוד • איך וועל מיר אוים זוכין איין אנדערי שטעלי אונ צוא לוסטמאנין וועלין מער מייני פוס ניט קומין :

איך ווייס פאר וואס זאגט דער אפעריסט מיט אשמייכיל . וואר שיינליך ווייל ער האט מיט אייערי גליבטע חתונה גהאט , יא אזו איז דאס . איר האט גטראפין ערווידערט דוד פאר טראכטערהייט • אונ וואס קלערט איר יעצט צוא טאן , איך דענק אז איר וועט דעם אלטין אינטריגאנט מסתמא אגוט שפיציל אפ טאן ער זאל ויסין דאס אנדרי מאל ניט צוא רובין מער קיין גליבטע . אונ איך דענק דאס ניט זאגט דוד פאר שטעלטערהייט • איך גיב מיין קלאגע איבר דער פאר זעהונג זאל זיא אליין זיך אפ רעכענין מיט אים . הערמאן האט שטיל גשמייכעלט פון דודס פאלטשין אנטווארט • דער יונג וויל מיך נארין . רעט דער אפעריסט צו זיך . ער וויל זיך היטין פאר מיר . ניין , אטעות מיין זאהן , איין ערליכער קאן קיין אפעריסט ניט אפ נארין . אסימן האסטו אז איך ווייס שון אז דוא ווילסט לוסטמאנין

טייטין

טייטין אונ מארגין וועסטו קומין צו דינהן צו באקלערין דעם פלאן · אך ווען דוא זאלסט וויסין וועמין דוא ווילסט טייטין , אבר גיין , אזו גיך דארפסטו דאס ניט וויסין , דער ווייל קלער פלאנין אונ אז דוא וועסט שון שטיין לעבין זיין קאפ אים צוא הארגין וועל איך דיר אן חאפין ביא דר האנד אונ זאגין · שטיי דודיל הייב ניט אויף דיין האנד קעגין דעם אלמן ווארום דוא וועסט גאר קיין כפרה ניט האבין פאר דער זינד · הערמאן האט באלייט דודין ביז צום האטעל „בינא„ וועלכר איז באלד וויא מען קומט אן פון דיא חיטערס אין שטאט אונ דא האט ער זיך מיט אים געזעגינט אונ איז אוועק גגאנגין זיין וועג · דוד איי ארויף גיגאנגין אין האטיל אונ האט דארטין פאר זיך גדינגין אנומער :

4

ניט איעדער קאן אמערדער זיין ;
ניט גטראפין מיט דעם פאספאר ,

דיא פראבע ווייזט אונז אז ניט איטליכר איז אזעלבסט שטענדיגער איבר זיך · עס גפונן זיך ביא מאנכי מענטשין אום מערסטין ביא ערליכי לייט · פאר בארגני קרעפטן וואס זייא פילען דאס ניט אונ דיא קרעפטין ענטזועטצין דיא מענטשין פון צו אום פירין זייערי צילין · מיר באגעגנין אפט אזעלכי מענטשין וועלכי זעגין אין אנפאנג פון נאך איין קריג שטארק אוף גבראכט אוף זייערי געגינער אונ מאכין זיך שוין פארטיג צוא גיין זייא מסרין אדער מאכין אבלבול אונ קוים קומין זייא נאר צוא צו דער פאליצייא ווערט אין זייא אפ גקילט דער פריערדיגר פייער אונ עפיס וויא איין פארבארגינער קראפט לאזט זייא ניט ארויף גיין אן קלאגין זייערי געגנער · איינר מאכט זיך גרייט אין דר היים צו גיין גוט אן זידלען זיין שונא ער גרייט שון זאגאר אן פולע קעשענים מיט שומפליבע רייד אונ מאכט שון גרייט אפאר פויסטין אים צוא שלאגין אונ קוים קומט ער אריין צוא אים אונ הערט נאר אפאר רוהיגע ווארטין יענעמס בלייבט ער פליצלינג שטום דיא גאנצי ענערגיע פאר שווינדעט פון אים אונ פילט וויא איין גהיימעני קראפט ציהט ארום דעם כעס פון אים · איינר מאכט זיך גרייט צו גיין יענים הארגענין · ער שטייט שון זאגאר ביא זיין בעט נאר קוים הייבט ער אוף דיא ארודיע · הייבין אין אים אן פליצלינג צוא ציטערין הענד אונ פיס · אין דיא אורין הערט ער אגאנצין חאאס פון שרעק אונ וויא אבאהאלטיני קראפט שלעפט ביא אים דיא ארודיע ארום פון דער האנד אונ ער אנטלופט מיט אנגסט פון דער שטיב גלייך וויא יעמאנד וואלט אים נאך גלאפין · אזא פאל האט פאסירט ביא אונזר דודין ;

דוד האט גהאלטין ווארט אונ איז גאנץ פריא אויף דעם אנדערין מארגין גיקומין אין חיטער אריין צו דעם ארט וויא ער האט געסטערין זיך גזעהן מיט דינהן · נאר אצונד האט ער זיא ניט דער וואוסט אין פאווילאן זיצין · נאר אנשטאט איר האט ער גטראפין איין פערזיגעלטין קאנווערט ליגין פר שטעקט צווישין אקוסטארגין · דוד האט דעם קאנווערט אויף גריסין אונ גלעזין אין דעם בריעף דאס פאלגענדי · טייערר דוד , ענטשולדיג איך קאן מיך היינט מיט דיר ניט זעהן ווייל דער אלטר איז היינט פריער אויף גשטאנין וויא תמיד · קום אהער 12 אזייגער אום האלבי נאכט וועל איך דיר איבר געבין דעם פלאן וואס איך האב שון אויס גדענקט · עס וועט אין דער גנאנטער שטונדי אויף דיר אויף ווארטין אין פאווילאן דיין ערגעבעני דינה :

דוד האט דעם בריעף צוא ריק אריין גילייגט אין קאנווערט אונ דאס בהאלטין אין זיין

פארטפאל

פארטפעל אונ איז אוועק גגאנגין ; קוים איז גוואורין האלבי נאכט האט שון דינה אוף גווארט דודין אין פאווילאן . לוסטמאן וויא אוך אלי דינערשאפט האבין שוין גשלאפין . דינה האט מיט אבזיכט דעם דווארניק ניט גהייסין פאר שליסין דיא פארטקי פון טויער אונ דוד זאל צוא איר אום גשטערט אריין קומין . אונ דיזער איז ווירקליך גקומין . דינה האט אים קיין פאר ווערטר ניט גלאזט אום רעדין זיא האט אים אן גנומין ביא דר האנד אונ צו אים זיך אפ גרופין . קום דוד לאמיר ניט פאר לירין דיא טייערי מינוטין וואס דיא נאכט האט אונז יעצט גשענקט :

וויהין זשע . פרעגט דוד מיט ערשטוינען . נאר דינה הט אים קיין אנטווארט ניט געגעבן אונ האט אים צו גפירט צו איר צומער . דוד האט אן גפאנגין צו שוידערין . דינה , רופט ער זיך אפ גאנץ שטיל . פיליכט ווערט מיך אדינער אדר לוסטמאן זעלבסט דר זעהן :

שרעק דיך ניט ערווידערט זיא , אלי שלאפין שוין . קום מיט מיר וויא אהין איך פיר דיך אונ אלס דוא וועסט טאן ווס איך וועל דיר הייסין , וועלין מיר תיכף באפרייט ווערן . אונ דאס ריידענדיג האט זיא געפינט דיא טיר אונ האט גנומין אין דער האנד אריין דעם לאמפ וועלכר האט גברענט אוף דעם טיש . אונ איז מיט דודין צוא ריק ארויס גגאנגין דורך אנדערער טיר אונ זענין אן גקומן אוף איין גרוסין קארידאר אוף וועלכין עס איז ארוס גגאנגין צווייא טירין . דינה האט אן גנומין דאס הענטיל פון איין טיר . דיא טיר האט זיך שטיל געפינט אונ ביידי זענין אריין גגאנגין . דאס וואר לוסטמאנס שלאף צומער . דינה האט געגעבין אצייכין דודין אז ער זאל בלייבין שטיין נעבין דער טיר . אונ אליין איז זיא שטיל צו גגאנגין צום בעט וויא לוסטמאן איז גשלאפין . זיא האט אוף גהובין דעם לאמפ איבר זיין קאפ אונ גקוקט אים אין פנים אויב ער שלאפט . דער נאך האט זיא זיך אום גקערט מיט דעם גזיכט צו דודין אונ אים גאנץ שטיל גזאגט , קום אהער :

דוד האט נאכגפאלגט אונ איז צו גגאנגין :

ר' אברהם לוסטמאן איז אין דעם מאמענט גאנץ רוהיג גשלאפין . זייני גרויסי גראע ברעמין האבין פאר דעקט זייני פאר מאכטי אויגין . דר ברייטר קלארער שטערין וואר פאר שפרייט מיט דיא קורצע האר פון קאפ . דיא זילבר ווייסי בארד איז גלעגין אום גשפרייט אוף זיין אפעני ברוסט . דאס הארץ האט זיך אין אים שטיל גהובין אונ אוף דעם גזיכט האט זיך גוויזין קליני שמייכלין וויא ביא קינדר אין דיא וויגען ווען זייא שלאפין . דוד האט דאס באטראכט האט ער פאר לוירין זיין ענערגיע . אונ זיין הארץ איז פול גוואורין מיט מיטלייד צוא דעם אלטין מאן וועלכר שלאפט אזו רוהיג . דינה האט נאך איניגי מאל גשיינט מיט דעם לאמפ אוף לוסטמאנס גזיכט אונ אלס זיא האט זיך ערקונדיגט אז ער שלאפט גשמאק . האט זיא ארוס גנומן פון צו פיסענס אין בעט איין שווער קישן אונ דם געגעבין דודין אין דר האנד . אונ זיא זאגט צו אים . דוא ביסט קרעפטיגר פון מיר נעם מיט דעם קישען דער שטיק אים . דוד האט דאס קישען אוף גהובין קעגין לוסטמאנס קאפ . נאר פלוצלונג הט דער קערפר אין אים אן גיהובין צוא ציטערין איין קאלטר שוויים האט ארוס גזעצט אוף זיין שטערין . אונ דאס קישען איז ארוס גפאלין פון זייני הענד גליך אוף דעם בעט אן אשום רויש . דוד האט מיט שוידר זיך צו ריק גקערט צו דר טיר . דינה איז אים נאך גלאפין אונ אן חאפענד אים ביא דער האנד פרעגט זיא אים . פאר ווס גייסטו אוועק דוד , איך קאן ניט , האבין דודס ליפען גשטאמעלט , פאר וואס קאנסטו ניט . ער שלאפט דאך יעצט , ווען איך זאל קרעפטין האבין וואלט איך דיר גוויזין אז איך וואלט אים דיא מינוט דר שטיקט :

איך זאג נאך אמאל דיר דינהלי אז איך קאן ניט . קוים ארוס געבר פון דאנין , מיך שודערט , אונ ניט ווארטענדיג אוף איר איז דוד אליין ארוס גלאפין פון צומר גאנץ בלאס

אונ

און פאלענדיג פון דיא פים · דינה האט זיך אום גקערט צו ריק צו דר בעסעדקי אין חיטר האט זיא שון דארטין דודין גטראפין אוף אבאנק זיצין · פאר וואס האסטו מורא גהאט אים צו דער שטיקין · פרעגט זיא אים · ער איז דאך גשלאפין אזו גשמאק · אט דער פאר האב איך ניט גקאנט · ענטפערט דוד · דער רוהיגר שלאף זייגר האט בארובט אין גאנצין מיין ענערגיע און הט אוף מיר גווארפין אשרעקליכין פחד · איך וואלט ליבערש מיך באשליסן אן צו פאלין אוף צוויא ניט שלאפענדי אלס אוף איינם אשלאפענדין :

אוב דוא ביסט אזא טרום · ערווידערט דינה · מוזן מיר זיך שיידין · דען קיין אנדערר פלאן וויא פון דעם אלטין לויז צו ווערין איז ניט דא · עס איז דא · זאגט דוד · און אוב דוא וועסט אוף דעם באשטיין ווערין מיר גיך און באלד פון אים פטור :

וויא אזו איז מיין ליבער · פרעגט זיא מיט פרייד :
מיר זאלין אונז באנוצן מיט גופט ערווידערט דוד :
איך באשטייא · נאר וויא קאנין מיר באקומין דעם גופט :

איך האב ביא זיך אין דער היים פאספאר · דאס ווירקט אזו אוף דעם מענטש וויא גופט · איך וועל דאס דיר מארגין גאנץ פריא אהער ברענגין · אוב איך וועל דיר דא ניט טרעפין וועל איך דאס לאזין ליגין אוף דעם ארט ליגין וויא דוא האסט היינטיגין מארגין מיר דיין בריעף גלאזט :

גאנץ פריא איז דוד אוף גשטאנין פון בעט ער האט געפינט זיין טשאמאדאן און פון דארט ארוס גנומין איין גרוסי פלאש מיט וואסר אין וועלכי עס זענין גילעגין עטליכי לאנגי און איידעלי שטעקיליך און האבין ארוים גגעבין פון זיך איין שוואכי שיין · דוד האט אן גשלאגין דיא פלאש אין זיין האנד איז פון אויבין אוף דעם וואסר צוא זעהן גווארין קליינע שטראהלין וויא ביא נאכט אוף דעם ים נאך אקאראב · נאך דעם האט ער אפ גשטיפט דיא פראבקע פון פלאש · איז ארוים פון דעם אווייסער דונסט (שומאן) · ער האט ארין גשטעקט דיא האנד אין פלאש אין דערפון גאנץ פארזיכטיג ארוים גנומין איין שטעקילי וועלכים וואר אין גשטאלט וויא וואקס · און הט דאס גנומין צוא צוברעכין אוף שטיקליך · נאר דורך צוא אשטארקין קלאפ האט דם שטעקילי זיך אן גצונדין אין איין פלאם פייער · דוד האט אין דער צייט אוספייעט אוועק צוא חאפין דיא פינגער און ער זאל זיך ניט אפ בריהען · דער פאספאר (דען דאס שטעקילי וואר פאספאר) איז אראפ גפאלין אוף באדען אין דאס תיכף פאר לאשין גווארין · דוד האט דעם פאספאר ארין גלייגט אין איין קליין פלעשיל און אן גפולט דאס מיט וואסר פון דער גרוסר פלאש און איז תיכף אוועק גגאנגין אין חיטער ארין ; צוא זיינעם פרייד האט ער שוין דינהן דארטין גיטראפין אוף אים אפ ווארטענדיג :

גוט מארגין ליבע דינהנקע · זאגט ער צו איר · האסט גוט גטאן וואס דוא האסט מיך דא אפ גווארט · אבר שלאפט נאך לוסטמאן צו ער איז שוין אויף גשטאנין · ער איז שוין צוואר אויף גשטאנין אבר ער וועט אזו גיך אהער ניט קומין · וואס הערט זיך מיט דיין פאספאר האסט אים מיר גבראכט · יא האט ער געענפערט געבענדיג איר דאס פלעשיל · דער פאספאר ליגט שון גאנץ לאנג אין דעם וואסר דרום האט דאס וואסר באקומין איין אייגענשאפט פון גיפט · וועסט דיא וואסר ארין גיסין אים אין עסין אדר אין גטראנקין און אלס דאס וועט אוף אים ניט ווירקין וועסטו ארין ליגין שטיקלעך פאספאר אים אין עסין · עס איז דאך אבר דא אזעלכער גיפט וואס דורך אים ווערט מען באלד פערסמט · פאר וואס האסטו מיר אזעלכין סם ניט גבראכט דוד :

מיט אזעלכין גיפט קאנין מיר זיך ניט באנוצין · ענטפערט דוד · דען דאקטוירים וועלין דאס יעדער גיין אז ער איז פערגופטעט גווארין · וועט דער חשד אוף קיינים ניט פאלין וויא

אויף דיר . פון דעם פאספארט אבער ווערט ער צו ביסלעך שוואך ווערן ביז ער וועט שטארבן אונ דעמאלט וועלין אלי מיינען אז זיין טויט איז אנאטירליכער :

אבער ווער ווייסט וויפיל דאס וועט זיך ציהען , זאגט דינה מיט זארג

דאס וועט ניט לאנג דויערן , העכסטענס צוויא וואכין :

אוב אזוי , ענטפערט דינה מיט פריידין . וועל איך שוין דעם גדולד האבין צו איבער טראגן דיא קליני צייט . נאר גלייב מיר מיין ליבער אז דאך וועלין בייא מיר דיא פאר וואכין זיין אזוי לאנג וויא צוויא יארין אונ נאר דער גדאנקין , אז נאך דעם געהער איך שוין צוא מיין ליבען . וועט מיר קרעפטין געבין צו איבער ווארטין דיא קורצע צייט . דר ווייל אדיע , מיין ליבער . איך דענק אז לוסטמאן וועט שון באלד ארום קומין . גייא צו דיין קווארטיר אונ קום אהער אין א 3 טעג ארום אויף תשובה :

ר' אברהם לוסטמאן פלעגט האבין דעם נאטור אויף צו חאפין זיך פון שלאף אונ טרינקען קאלט וואסער אונ דרום פלעגט דער לאקייא שטענדיג אן גרייטין איין גראפין מיט וואסער לעבין זיין בעט . מיט דעם געלעגינהייט האט זיך דינה באנוצט . זיא האט אין דעם גראפין אריין גגאסין אייניגי טראפין פון איר פלעשיל . לוסטמאן האט דאס אום גטרינקין האט ער נאר גפילט איין מיאוסין גרוך אין דער וואסער אבער ניט פערטשמט זיך פילין וויא דינה האט גמיינט . ער האט זיך גוט אן גבייזערט אויף זיין לאקייא פאר וואס ער שטעלט אים אזא אום רייני וואסער צום טרינקין . דר לאקייא האט געביך גשווארין גאנץ ערענסט אז ער הט פרישע וואסער אים גשטעלט וויא תמיד . אויף דעם צווייטין אווענד האט דינה אריין גיגאסין ענינגע טראפין פון דעם פאספאר אין איין גלאז ווין זייני אונ וויא פריער האט אים יעצט אויך ניט גישאדעט . אין דעם דריטין טאג האט זיא אוספייעט אריין צוא גיסין איר וואסער אין זיין יוך אונ דא האט זיא ווירקליך גמיינט אז דאס וועט אויף אים ווירקין . נאר לוסטמאן האט דעם ערשטין לעפיל גנומן צום מויל אונ אלס ער האט דער פילט דעם מיאוסין גרוך האט ער דיא יוך אום גגאסין אונ איז אריין גלאפין אין קיך זיך גוט אן בייזערין אויף דער קעכין . דינה איז שיער פון אונגעדולד ניט ארום אום כעס אויף דעם אלטין . אונ אלי אירי שמערצין האט זיא אום גגאסין אין אבריעף צו דוידין . וועלכער האט דאס באקומין אויף דעם 4 טען טאג אין אקוסטארניק ליגין . דוד האט איר גראטהען דאס זיא זאל נאך פראבירין שטיקלעך פאספאר אים איין צוא געבין . דינה האט דאס אויך גטאן . זיא האט אים אריין גווארפין דאס ערשטי מאל אין זיין פארציע עסין . נאר ווייל דאס עסין וואר ניט זידוג דרום איז דער פאספאר זיך ניט צוא גאנגין אונ פאלגליך האט דאס ניט גקענט שאדען לוסטמאנין :

עס איז אזוי פאר איבער גגאנגען שון צוויי וואכין דינה האט שון איר גאנצין פאספאר אום גנוצט אונ איר אויף להכעיס האט דאס לוסטמאנין ניט גשאדעט ער איז וויא פריער גאנץ גזונד גוועזין אויף דעם קערפר . אויך יעצט האט דינה אירע שמערצין אום גגאסין אין איין בריעף שרייבענדיג צוא דודין , נאר יעצט האט זיא אים שון גסטראשעט אין דעם בריעף אז אוב ער וועט ניט באשליסין זיך לוסטמאנין צו ערמארדין וועט זיא זיך אליין טייטין :

5

דער פלאן דער באל , אצווייטע פערזוכינג אויף מארדהאט .

דוד איבער לעזענדיג אזא בריעף איז פערצוטעטרט גווארין ער האט גוויסט אז דינה ליבט אים אונ אז זיא וועט ניט האבין . קיין מיטעל פון וואנין לויז צו ווערין וועט זיא זיך אליין דאס

לעבן נעמין . זאל זיין וואס עס וויל , האט ער צו זיך גרעט אין איינם פריא מארגין . איך מוז מיין דינה בעפרייען . איך באשליס מיך שון אצונד אוף אלי אירע פלאנין · איך וועל אים דער שטיקען , איך וועל אים שטעכין , הענגין , טרענקין , מיט איין ווארט וואס מיין דינה וועט מיר הייסין וועל איך טאן אביא זיא פאר מיין פרויא צו האבין ; אונ מיט זאלכי גדאנקין איז ער באלד אוועק גלאפין אין חיטער אריין אונ זיך צוא זעהן מיט דינהן ; ער האט זיא גטראפין אין דר בעסעדקי זיצין וויינין גאנץ הויך :

גוטין מארגין מייני טייערי דינה , זאגט ער צו איר קיסענד אירי האנד . דינה הט אויף גהובין דעם קאפ אונ מיט איין שוואכין טאן ערווידערט זיא אים . גוטין מארגין מיין ליבער דוד , זעלע פון מיין הארץ , ווען דוא ביסט נעבין מיר פיל איך מיך ערשט אז איך לעב · ערשט דאן פיל איך אז מיין קערפער באזיצט אזעלע , וועלכי מיט דיינעם ערשאנין בייא מיר מאכסטו מיר ליכטיג מייני פינסטערי קאמערין פון מיין הארץ . אונ לייהער איז דיין ערשיינונג בייא מיר , נאר וויא איין בליץ צווישין פינסטערי וואלקין וועלכער לויפט באלד פאראיבר אונ דער הימל גאריזאנט בלייבט צוא ריק פינסטער וויא געוועזין . דוד , ניט פאר געס אז שון מער וויא אפירטעל יאר אז איך לייד פון דעם העסליכין פאר ליבטין אין מיר . שון 3 וואכין זייט דוא ביסט היר אונ נאך האסטו מיך פון אים ניט באפרייט . איך קאן שוין לענגער ניט ווארטין . ווען דוא וועסט זיך ניט באשליסין אים מיט איין מאל צוא ערמארדין , טיידט איך מיך זעלבסט :

איך פאלג דיך מייני ליבענדי · ענטפערט דוד , אפ ווישענדיג אירי טרערין פון דיא וואנגן אונ גלאזט אוף דעם ארט אצארטין קיס · איך וועל דיר שון אין אלי פלאנין פאלגין באפעל מיר . אונ דיא מינוט פיר איך דאס אוס :

אוב דוא ביסט אזו פעסט גזעצט מיין ליבר . קאנסטו מיך נאך אין היינטיגין אוועגד פון אים באפרייען , אט הער אוס דעם פלאן · מיר זענין גילאדין אין אווענד אוף איין באל בייא איין היגען גביר ה' משה שיינבילד . געסטערין איז דיין זון צו אים גקומין צוא פארין וועלכר האט ארום גרייזט דיא וועלט מער וויא צעהן יאר · דרום מאכט דר פאטר לכבוד דעם גאסט אבאל . דיזער שיינבילד איז דער בעסטר פריינד מיין אלטענס דרום וועט ער אוף דעם באל מוזין זיין היינט . אונ איך וועל מיך מאכין קראנק אונ אים זאגין אז איך קאן ניט באזובין דעם באל וועט ער אן מיר אהין פארין . אונ דוא זאלסט קעגין אווענד ערגיץ נעמין איין דראזשקע מיט אפאר פערד אוף פראקאט אונ זאלסט דיך פאר קליידען פאר איין איזוואשציג אונ ווען עס וועט ווערין שפעט אין דער נאכט זאלסטו אפ ווארטין בייא שיינבילדס טויער מיט דיין דראזשקע · דער טויער זיינער איז אוף דער עליסייסקער גאס ; אונ אלס לוסטמאן וועט ארום גיין פון טויער זאלסטו אים ארוף בעטין אוף דיין דראזשקע . אונ אלס דוא וועסט מיט אים האבין ארום גפארין פון דער שטאט זאלסטו אים אראפ ווארפין פון דער דראזשקע אונ זאלסט אים איבר פארין אוף טוט . קיינר וועט פון דעם מארדהייט ניט גיוואר ווערין ווער דאס האט גיטאן . אונ איך וועל בלייבין פון אים באפרייט :

דער פלאן איז דודין גפעלין . ער האט איר צו גזאגט צוא אוס פירין אים פונקטליך · דינה האט געגין אווענד זיך גימאכט פאר קראנק אונ דרום האט לוסטמאן אליין גימוזט אוועק פארין צו דעם באל . ער איז אן גיקומין ווען עס וואר שון אפולע שטיב מיט געסט וועלכי זענין באשטאנין פון דיא רייכסטע אריסטאקראטין צווישין זייא ווארין מאנכע משכילים דען הער מאזעס שיינבילד וואר באקאנד אין קירבעוו פאר איין גרוסן גביר אונ זיין זון באריס שיינבילד דר רייזענדר וואר באקאנט פאר איין קלוגן אונ גבילדעטין מאן . דיא עסינס אונ גטראנקין פון דעם באל דארפין מיר ניט ארום שטעלין פאר אונזרי

לעזער דען זייא קענין דאס פון זעלבסט פאר שטיין אז זייא (דיא עסינס) זענין ניט בשטאנן פון בארשטין מיט קאשעס אונ פראסטין שנאפס וויא ביא איין גמיינים בעל הבית בשעת ער מאכט איין ארעם מאל צייט פאר היימשין עולם • אלי געסט אונטר זייא אויך אונזר אלטער לוסטמאן האבין זיך גוט אונטר האלטין נאך דעם עסין ביא דעם בעסטין וויין אונ דער רייזענדר האט דר ציילט וואונדערליכי זאכין וואס ער האט אוף זיין רייזע בגעגינט אין דיא צעהן יאר • אונ דאס האט גדוערט ביז 2 אוהר אין דער נאכט • אונ דאן זענין אלי געסט זיך צו גאנגין • דער אלטער איז פריער פון אלי אוועק גגאנגין פון באל • ער איז ארוים גקומין פאר דעם טויער איז דוד גקליידיט וויא איין איזוואשציג אים באלד אקעגין גפארין מיט זיין דראזשקע • לוסטמאן האט זיך אוף איר ארוף געזעצט אונ אים געהייסן פארן צו זיין חיטער • דוד האט גוט צו טריבין דיא פערד אונ זייא זאלין אים געבר ארוס ברענגן פון דר שטאט • לוסטמאן איז אוף דער דראזשקע אנשלאפין געווארין • דוד איז צו גפארין ביז צו דער נייער גאס וועלכי איז דיא לעצטי גאס אין שטאט • אונ דאן האט ער זיך אום גקוקט צו לוסטמאנין האט ער דער זעהן וויא דיזער אוף דער דראזשקי ליגט אן גישפארט אוף איין זייט אונ שלאפט גשמאק • גוט , האט ער צו זיך גטראכט . יעצט וועט מיר נאך גרינגער זיין אים אראפ צוווארפין פון דער דראזשקי אונ אים דר קוועטשין מיט דיא רעדר אונ דאס טראכטונג האט ער דיא לייצעס גנומין אין איין האנד אונ דיא אנדרי האנד האט ער באפרייט אונ מיט איר גוואלט אראפ ווארפין דעם אלטין מאן פון דער דראזשקי • נאר דער אלטר איז גלעגין פעסט צו גשפארט צוא אזייט פון דער דראשקי • האט דיא גאנצי מאסע זיך פאר זאמילט אוף איין ארט אין קערפער אונ דאדורך איז אלי דרייא מאל וואס דוד האט גפריבט אים אראפ צו ווארפין מיט איין האנד געוועזין אומזוסט זיין מיה • אויסר זיך פאר צארן האט ער אפ גשטעלט דיא פערד אונ איז אראפ גשפרינגין פון דער דראזשקי אונ איז צו גגאנגין צום אלטין אראפ צו ווארפין אים מיט ביידי הענד • נאר קוים האבין דיא פערד דער שפירט וויא זייא זענין פרייא האבין זייא זיך צו לאזט מיט דער גרעסטער גשווינדקייט • דוד איז אום איבער רוישונג איניגי מינוטין גבליבין שטיין צו טומעלט אונ אלס ער איז צום זינין גקומין האט ער זיך גלאזט לופין נאך דיא פערד :

איין ווארסט פאר לוסטמאנס חיטער האט ער דיא פערד דער יאגט ; לוסטמאן האט זיך אוף גחאפט שוין פון שלאף אונ דוד האט אים יעצט שון קיין בייזעס ניט גקאנט טאן • ערשטענס האט דער שטילער סטעפ אויף אים גבראכט וויא איין אינסטינקטיווע שרעק ער האט אן גפאנגין צו שווידערין וויא אמאל ווען ער איז גשטאנין ביא זיין בעט מיט דעם קישען אין האנד • אונ צווייטינס האט אין דרוסן שון בעגינט אונ ארבייטר האבין זיך שון גיוויזין אוף דיא וועגין • דינה איז דיא גאנצי נאכט ניט גשלאפין זיא איז גזעסין אוף דעם קארידאר פון 3 טין עטאזש אונ האט אוף איין שפאקטיפע גקוקט איבערין חיטער ארוים אונ צוא זעהן אויב דוד קומט אליין אן אדער צוא ריק מיט לוסטמאנין • צוא איר גרוסין ליידוועזין (פערדראס) האט זיא ענדליך במערקט וויא איין דראשקי איז צו גפארן צום טויער אונ פון איר איז לוסטמאן אראפ גגאנגין אונ אן גצונין ביא דעם גלאקין שניר • דער טויער האט זיך געפינט אונ דיזער איז ארין גגאנגין אונ דער איזוואשציג איז באלד אוועק גפארן מיט דער דראזשקע :

דינה האט פאר בראכין מיט דיא הענד • אונ איז ארין גלאפין אין אירן שלאף צוממער אונ זיך דארטין פאר שלאסין אונ זיך ניט צו באגעגנין מיט איר מאן :

6

אין טהעאטער ,

דורך די פירינגין פון דר וועלט יעדין מאג זעהן מיר ארום אז די פאר זעהונג שטומט אין מיט דעם מענטשינס גדאנקין · זא צום ביא שפיל נעמט זיך איינר פאר אין גדאנקין גוטס צו טאן און ער ווייסט ניט וויא דאס אויף צו ברעכין באקומט ער באלד גוטי מענטשן און זייא גיבין אים ראטהען וויא אזו ער זאל זיך נוהג זיין · וויל איינר איין טובה טאן זיין גזעלין · נאר ער קאן דאס מיט זייני אייגני הענד ניט דאקאזשען קומט צו אים באלד איין אנדערר און דורך דיזין טוט ער יענים די טובה · דאס גלייכן פאר קערט · וויל ער יענם בייז טאן נאר ער אליין קאן דאס ניט אוס פירין וייל ער האלט זיך מיט יענים גוט אויף · באקומט ער באלד איין שלעכטין חבר און דיזער העלפט אים צוא זיין בייזין גדאנקין וויא עס האט פאסירט יעצט מיט דעם אפעריסט הערמאן אין טהעאטער · דער אפעריסט וויא די לעזיר ווייסען שון · האט זיך מיט דודין גוט אויף גהאלטין זא דם דוד דער ניט אפיטנער יונג האט איר גרעכינט פאר זיין בעסטין פריינד · ניט דער פאר וואס ער האט אמאל פון אים אטובה באקומין , דאס גראדע ניט · דען דער אפעריסט וועלכין דוד האט גקאנט פאר איין מעקלער פון הייזר (דען אזו האט זיך הערמאן פאר אים גמאלדעט) האט נאך אויף זיין לעבין קיין מענטשין קיין טובות גטאן ערשטנס וייל ער וואר זעלבסט ארים און צווייטינס וייל ער איז באזעסן איין אייזערני הארץ · נאר ער האט גהאט אין זיך איין מאגאנעט מיט וועלכין ער פלעגט צוא ציהן צוא זיך פיל מענטשין דורך זיינע שמייכלענדי רייד און ליבע בליקין און בפרט אזאלכין יונג וויא דוד וואר וועלכר איז אין קירכעוו גיוועזין איין עלענדר ; הערמאן האט גיזעהן דאס דוד זיצט שון אין האטעל פון אמאנהייט צייט און פרענקט גאר ניט פון איין שטעלי צו זוכין ער האט דער פון ארויס גינומען אז דינה שטיצט אים מיט געלד · און פארין צווישין זיך פערמוטהליך אויך אין גיהיים קארעספאנדענציעס ער האט נאך באמערקט וויא דוד טראגט אימער אין טאש ביא זיך אקליינעם פארטפעל · אט דעם פארטפעל וואלט איך גידארפט האבין האט ער צוא זיך גירעט שטענדיג ווען ער הט אויף דעם אקוק גיגעבין דא מוזען וואבערשאנליך ליגין זייערי בריעף וואס זייא וועכסלין איינער דעם אנדערין און וועלכע עס דארף זיין באשריבין אלי פלאנין וויא אזויא זייא זאלין לוסטמאנין טייטען וועון איך באקום זאלכע בריעף צו מיר · פערדין איך ביא זייא אוודאי ביז 1000 רובעל · נאר וויא אזו באקומט מען דאס ביא אים :

קיין תירוץ אויף דער פראגע האט הערמאן קיין מאל ניט גיפונען :

עס וואר אום שבת אויף דער נאכט · אין קירכעוו הט דער דירעקטאר פון דר יודעשער טרופפע ה' ל' · אין דעם אווענד גישטעלט איין נייע פיעסע אויף דער סצענע פון טהעאטער אונטער דעם נאמען „דער בלבול" די זאל פון טהעאטער וואר פול מיט פובליקום וייל די פיעסע וואר היסטאריש און היסטאריע ליבט דאך יעדער בפרט אזעלכע וואס אין איר ווערט אפ גישפיגעלט דאס לעבן פון די אונגליקליכע יודען אין די פינסטערי צייטין פון דעם פאנאטיזמוז (קנאת הדת) · צווישין פיל פובליקום טרעפין מיר דא אויך אונזערי פיר העלדין פון דעם ראמאן דיזע זענין · ר' אברהם לוסטמאן מיט זיין פרוי דינה וועלכע זיצען אין איין באזונדער לאזשע · דוד וועלכער זיצט אויף איין ברעסלע וייט פון זייא און הערמאן וועלכער זיצט אונטר דודין · ביא דעם אנטראקט צווישין 4 טין אונד 5 טין אקט איז הערמאן אויף גישטאנין און גוואלט ארום געהן דרוסין אום צוא שעפען פרישע לופט אין דעם האט ער דער שפירט וויא צוא אים אין קעשיני איז ארין איין פרעמדע האנד ; הערמאן האט ניט לאנג גיטראכט און האט פעסט אן גיחאפט די האנד וועלכע איז נאך

גילעגין

גילֶעגִין בַּייא אִים אִין קֶעשֶׁעני · אָ מַאכְט מִיר נִיט אוּנְגְלִיקְלִיךְ לִיבֶּער הֶער , הָאט הֶערְמַאן גִיהֶערְט וִויא דֶער קֶעשֶׁענִיק בֶּעט זִיךְ בַּייא אִים גַאנְץ שְׁטוּל · הָאטוּ רַחֲמָנוּת בְּרֶענְגְט מִיר נִיט אִין קַיין אוּם גְלִיק אַרַיין · הֶערְמַאן הָאט זִיךְ אוּם גְקוּקְט צוּא דֶעם קֶעשֶׁענִיק אוּנ גְזֶעהְן פַאר זִיךְ שְׁטֵיין אַיוּנְגֶען מֶענְטְשִׁין פוּן אַיָאהְר 23 גַאנְץ רֵיין גִיקְלֵיידֶעט אוּנ דִיא פִיזִינָאמִיֶע זַיינֶע וֶועלְכֶע וַואר נִיט קַיין מִיאוּסֶע אוּנ אֵיין עֶרֶענְסְטִי הָאט גִיוִויזֶען אַז עֶר אִיז נִיט פוּן דִיא פְרָאסְטֶע גַנָבִים וָואס דְרֵייהֶען זִיךְ אוּם אִין דִיא מַארְקִין · אִיךְ וֶוענְדֶע מִיךְ צוּא דֶעם גוּטְסְקֵייט פוּן אַייֶער הַארְץ לִיבֶּער הֶער הָאט דֶער קֶעשֶׁענִיק וַוייטֶער גִירֶעט · הָאט מִיטְלֵייד אוּף מִיר מַאכְט מִיךְ נִיט אוּם גְלִיקְלִיךְ , דוּא בִּיסְט אֵיין הֶעכְסְט נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶער יוּנְג · שְׁרַייט אִים הֶערְמַאן אִין אוֹיֶער אוּם · אִיךְ בִּין דֶער צוּא נָאר עֶהְנְלִיךְ · דָאס אִיז אֶמֶת לִיבֶּער הֶער נָאר אִין הֶערְצִין אָבֶּער בִּין אִיךְ גַאנְץ עֶהְרְלִיךְ :

עֶרְלִיךְ , אוּנ דָאךְ גַנְבִיסְטוּ בַּייא מִיר מַיין פָּארְטְמָאנֶע :

דָאס אִיז נִיט פַאר מִיר , לִיבֶּער הֶער , בֶּעט זִיךְ דֶער גַנָב אוּף מַיין וָוארְט אַז נִיט פַאר מַיין טוֹבָה וֶועגִין הָאבּ אִיךְ דָאס גִיוָואלְט טָאן · דָאס אִיז צוּא לִיבּ אִיר מַיין הֶער :

פַאר וֶועמִין , פַאר אִיר , פַאר מַיין גִילִיבְּטִי עֶרְווידֶערְט דֶער קֶעשֶׁענִיק פַאר אֵיין פְרֵיילִין וֶועלְכִי אִיךְ פַאר גֶעטֶער אוּנ וֶועלְכִי אִיךְ וִויל גְלִיקְלִיךְ מַאכִין :

אוּנ דוּרְךְ גְנֵיבָה , לֵייגְט הֶערְמַאן צוּא :

נֶעמְט דָאס נִיט פַאר אוּמְגוּט אָן מַיין הֶער וָואס זֶשֶׁע דֶען זָאל אִיךְ אַנְדֶערְשׁ טָאן , אוּף מַיין וָוארְט וֶוען אִיךְ זָאל הָאבִּין אֵייגֶענְס וָואלְט אִיךְ נִיט גִיגַאנְגִין גַנְבִינֶען הָאט רַחֲמָנוּת לִיבֶּער הֶער אוּף אֵיין שְׁוַואכְס הַארְץ וֶועלְכֶס אִיז אַרוּנְטֶער גִיפַאלִין אוּנְטֶער דֶער מַאכְט פוּן לִיבֶּע , דֶער קָאפּ וָואס אִיז אוּף מַיין שַׁארְבִּין גִיהֶער שׁוֹן נִיט צוּא מִיר אַלִי מַייני גִידַאנְקִין פוּן אִים גִיהֶערִין צוּא דֶער אֵיינְצִיגֶער סָאנְיֶע , אַךְ וֶוען אִיר זָאלְט וִויסֶען מַיין הֶער וִויא שֵׁיין דִיא סָאנְיֶע מַייני גִילִיבְּטִי אִיז · אוּנ וִויא שְׁטַארְק אִיךְ לִיבּ אִיר · אָט דִיא דָאזִיגֶע פְלַאמֶענְדִי לִיבִּי הָאט מִיךְ גִיצְווּינְגֶען דֶעם פַארְבְּרֶעכִין יֶעצְט צוּא טָאן :

עֶר אִיז אַגוּטֶער מַזִיק , טְרַאכְט הֶערְמַאן צוּא זִיךְ · עֶר וַואכְּסְט דַאכְט מִיר נָאךְ מֶער אַפֶּערִיכְט פוּן מִיר , אוּנ דָאס טְרַאכְטֶענְד הָאט עֶר בְּדֵעָה שׁוֹן גִיהַאט אִים אָפּ צוּא לָאזִין דִיא הַאנְד נָאר פְּלִיצְלִינְג אִיז אִים אַרַיין אַגְלִיקְלִיכֶער גִידַאנְק אִין קָאפּ · אַגִידַאנְק וֶועלְכִין עֶר זִיכְט שׁוֹן פוּן אַפָּאר וָואכִין צַייט · דָאס גַאנְצִי פָּנִים זַיינֶעס הָאט אָן גִיהוֹבִּין צוּא שְׁטְרָאלִין פוּן פְרֵייד · דֶער קֶעשֶׁענִיק הָאט גִיזֶעהְן אַז עֶר לָאזְט אִים נָאךְ אַלֶס נִיט אָפּ הָאט עֶר מִיט אַפַּאלְשׁ ווֵיינֶענְדִי שְׁטוּמֶע צוּא אִים וַוייטֶער גִירֶעט · דָאס אִיז לִיבֶּע מַיין הֶער , דָאס אִיז לִיבִּי , פַאר מַיין גִילִיבְּטִי סָאנְיֶע · אָ בַּאפְרַייט מִיךְ , גוּטֶער מֶענְטְשׁ , הָאט רַחֲמָנוּת אוּף צְווייא נְפָשׁוֹת , הֶערְמַאן הָט אִים נָאךְ פֶעסְטֶער גִיקְוועטְשְׁט פַארִין הַאנְד אוּנ אוּף שְׁטֵייהֶענְד פוּן אָרְט זָאגְט עֶר צוּא אִים · קוּם מִיט מִיר :

אָ וָואהִין ווילְט אִיר מִיךְ פִירִין מַיין הֶער , פְרֶעגְט דֶער קֶעשֶׁענִיק מִיט אַגִיבֶּעט · הָאט רַחֲמָנוּת זָאגְט מִיר אִיר פִירְט מִיךְ נִיט אִין דֶער פָּאלִיצֵייא אַרַיין :

נֵיין , עֶרְווידֶערְט הֶערְמַאן · ווִיהִין זֶשֶׁע דֶען פִירְט אִיר מִיךְ :

דוּא וֶועסְט שׁוֹן זֶעהְן , שְׁווייג אוּנ פָאלְג מַייני טְרוּט וֶוען נִיט גִיבּ אִיךְ אַצֵייכִין צוּא אַפָּאר פָּאלִיסְמֶענֶער וֶועלִין זֵייא דִיךְ בַּאלְד אַוֶועק פִירִין ווִיהִין דִיר קוּמְט :

נוּא אִיךְ וֶועל שׁוֹין שְׁווַייגִין אַבִּי רוּפְט נִיט קַיין פָּאלִיסְמֶענֶער · נָאר לְמַעַן הַשֵּׁם מַיין הֶער פַארְגֶעסְט נִיט אַז דָא שְׁפִּילְט לִיבִּי אִין קָאהֶן · אוּנ לִיבִּי אִיז גְלַייךְ צוּא וַואסֶער וֶועלְכִי וַואשְׁט אָפּ אַלִי זִינְד פוּן מֶענְטְשִׁין · הֶערְמַאן הָאט זִיךְ קוּים אוּף גִיהַאלְטִין פוּן גִילֶעכְטֶער · עֶר אִיז מִיט אִים אַרוּם גִיגַאנְגִין פוּן זַאל אוּנ זִיךְ אָפּ גִישְׁטֶעלְט מִיט אִים אוֹיפִין קָארִידָאר · דֶר גְלָאק פוּן טֶעהֶעאַטֶער הָאט צוּא וִויסֶען גֶעגֶעבִּין אַז דֶער 6 טֶער אַקְט הֵייבְּט זִיךְ בַּאלְד אָן · גַאנְץ

פּוּבְּלִיקוּם

פובליקום זעגין צוא ריק אריין גלאפין אין זאל אונ יעדערר האט זיך גיזעצט אוף זיין ארט אויפין קארידאר האבין זיך מער נים אפ גישטעלט וויא צווייא מענער דיזע זעגין · הערמאן מיט דעם קעשעניק , קורץ גירעט · זאגט הערמאן צום קעשעניק לויז מאכענדיג אים דיא האנד , דוא ביסט א גנב :

אך מיין הער איך האב דאך אייך שון גיזאגט פאר וואס איך בין דאס :

אונ נאך ערגער איז · רעט ווייטער הערמאן ; דאס דוא ביסט איין נארישער גנב אנים געניטעטער גנב · אשלימזלניק · דער קעשעניק האט זיך גיפונין שטארק באליידיגט פון זייני רייד · דיא פארב איז אים אריין אין פנים · מיין הער , זאגט ער צו דעם אפעריסט · איר באליידיגט מיך זייער שטארק · דאס איז שון אליצו :

נון גינוג , ערווידערט הערמאן דער פאקט האט ארום גיוויזען דיין שוואכין טאלאנט אין דער פרנסה · דען ווען דוא זאלסט עפעס האבין אגעפיל וואס אקעשעניק דארף האבין וואלט שון מיין בייטיל ביי מיר נים מער גיוועזין אונ דוא וואלסט נים מער גישטאנין דא אופין קארידאר :

איר האט רעכט ליבער הער · נאר דאס מוזט איר באקענין אז עס איז נים פעראן אויף דער וועלט דער גישיקסטער גנב וואס זאל נים האבין זייני אום גליקליכע טעג · איין מאל הייסט נים תמיד :

אונ תמיד ביסטו דען גליקליך אין דער ארבייט :

יא איך צייכענע מיך אוס מיט דעם פיר דעם גליקליכסטין אלי רופין מיך מצליח איר קענט דער פון דאס פאר שטיין אז סאניע וואונט אין אבאזונדער קווארטיר אונ האט אלי פארגעניגין ביי מיר , נאר אגעגין וואס פרעגט איר מיך גאר זאלכי פראגין ליבער הער :

ווייל איך וויל דיר צוא שארין אפארדינסטיל , ערווידערט הערמאן :

אך מיט גרעסטין פארגעניגין שטייא איך אייך פרייא צוא דינען גוטער הער זאגט דער קעשעניק מיט פריידין אונ זיין ביז הערינגער שרעק אונ רחמנות פנימעל איז באלד אין דעם מאמענט פון אים פארשווינדין זיין פהיזינאמיע איז גיווארין שטאלציג אונ זיין שטומע עטוואס שטארקר :

דיר שטייט פאר יעצט אום צוא קלובין איינס פון דיא צווייא זאכין , זאגט דר אפעריסט · דאס איז דאס ערשטי · איך וועל דיך באלד אוועק פירין אין דער פאליציא אונ וועסט דארט נעכטיגען צווישין אלי ארעסטאנטין :

גיין גיין , דאס ערשטי גיפעלט מיר שון נים , לאס איך הערין דאס צווייטי :

דאס צווייטי איז , אז דוא וועסט מיר צייגין דיין דינסט האסטו תיכף פון מיר 10 רובל :

א איך בין גרייט אייך צוא דינין פאר דער סומע מיין הער שרייט דער קעשעניק אוס מיט פרייד באפעלט מיר וואס זאל איך טאן :

מיר קערין זיך באלד אום אין טהעאטער , דוא האסט איין ארט פאר זיך :

יא מיין הער איך האב גינומען איין ארט אמפיטהעאטער מיט דעם האפענונג אפשר וועל איך דא קענין עפעס פארדינין :

איך וועל דיר אן ווייזין אוף איינגין מענטשין אוף אקרעסלי זיצען אין ערשטין ארט רעט ווייטער הערמאן ביי אים ליגט אין דער אובערשטער קעשעני פון זיין ראק אקליינער פארטפעל :

אהא איך וויים וואס איר מיינט :

אונ אלס ער וועט אוף שטיין צום ארוס גיין פון זאל זאלסטו צוא אים זיך צוא שארין · גוט גוט , איך הייב שוין אן צוא פאר שטיין :

אונ אלס דוא וועסט מיר ווייזין דיין פעהיגקייט צוא דעם גישעפט וואס דוא רימסט דיך

מִיט דֶעם אוּנ וֶועסְט בַּייא אִים אַרוּם שְׁלֶעפִּין דֶעם פָּאַרְטְפֶעל זָאלְסְטוּ דָם מִיר אִיבֶּר גֶעבִּין:

טַא, טַא, טַא, שְׁרַייט דֶר קֶעשֶׁענִיק אוּם, אִיר זֶענְט דָאךְ אַחֲבֶר צוּ מַיין פַּרְנָסָה. גוּט מָארְגִין טָאוַוארִישְׁטְשׁ, פַאר וָואס הָאט אִיר דָאס מִיר בִּיז אַהֶער גָאר נִיט גִיזָאגְט הַא:

שְׁוַוייג דוּא אוּנ פַאר שֶׁעמְטֶער, זָאגְט הֶערְמַאן צוּ אִים מִיט אֵיין עֶרֶענְסְטֶן טָאן. אִיךְ בִּין נִיט דַיין חָבֵר. אִיךְ בִּין אֵיין מֶעקְלֶער פוּן הַיְיזֶער גָאר: אַז דוּא וֶועסְט מִיר אִיבֶּר גֶעבִּין דֶעם פָּארְטְפֶעל גִיבּ אִיךְ דִיר בַּאלְד 10 רוּבֶּעל:

יָא עֶס קָאן גָאר זַיין אַז דָארְטִין לִיגְט בַּאנְקָאוֶוע בִּילֶעטִין אִיז פַאר 10 רוּבֶּעל דָאס וַוייניג אַוֶועק צוּא גֶעבִּין, שְׁטֶעלְט דֶער קֶעשֶׁענִיק זִיךְ אוּנְטֶער דָאס צוּא בַּאמֶערְקִין.

דָארְטִין לִיגֶען נָאר לִיבֶּעס בְּרִיף זָאגְט הֶערְמַאן. אוּנ אַז דוּא ווִילְסְט מִיר נִיט גְלֵייבִּין אוֹיף דֶעם וָוארְט וֶועל אִיךְ דָאס פַאר דַיינֶע אוֹגִין נָאךְ דֶעם עֶפֶנִין:

אַ, אַ, הָאט אַצוּנְד פַארְשְׁטֵייא אִיךְ שׁוֹין דֶעם גַאנְצִין אִינְהַאלְט זָאגְט דֶער קֶעשֶׁענִיק מִיט אֵיין קָאמִישֶׁן טָאן. אִיר זֶענְט מִסְתָּמָא נִיט אַיין גִטְרֶעט אִין דֶר עֶרְלִיכְקֵייט פוּן אַייעֶר פְרוֹי אוּנ זֶענְט אִיר חוֹשֵׁד אַז זִיא לִיבְּט זִיךְ מִיט יֶענֶעם יוּנְגֶען מַאן. אוּנ שְׁרַייבְּט צוּא אִים לִיבֶּעס בְּרִיף ווִילְט אִיר יֶעצְט דִיא בְּרִיף בַּאקוּמֶען אוּם אִיר זָאלְט אִיר קֶענִין גֶט גֶעבִּין. נוּן אוּבּ אַזוֹיא אִיז 10 רוּבֶּעל גַאנְץ גִינוּג' אִיךְ בִּין צוּא פְרִידִין:

הֶערְמַאן אִיז מִיט דֶעם קֶעשֶׁענִיק אַרַיין גִיגַאנְגִין אִין טְהֶעאַטֶער אוּנ הָאט אִים אָן גִיוויזִין אוֹיף דָוִדִין, נָאךְ דֶעם הָאבִּין בֵּיידִי זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף זֵייעֶרִי עֶרְטֶער:

דִיא שְׁפִּיל הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדֶעגְט. דָוִד הָאט גִיוָוארְט בִּיז לוּסְטְמַאן מִיט דִינֶען זֶענִין אַרוּם גִיגַאנְגִין פוּן זַאל אוּנ הָאט דָאס גְלִיק גִיהַאט גִיזֶעהֶן צוּא וֶוערִין פוּן דִינֶען, אוּנ בֶּעשֶׁאנְקִין צוּא זַיין מִיט אַלִיבִּין בְּלִיק אִירִין אוֹיף אִים, אוּנ דַאן אִיז עֶר אוֹיף גִישְׁטַאנִין פוּן זַיין אָרְט. הֶערְמַאן אִיז צוּא אִים צוּא גִיגַאנְגִין אוּנ הָאט אַבְּלִיק גִיוָוארְפִין אוּנְטֶער זִיךְ אוּבּ דֶער קֶעשֶׁענִיק אִיז דָא דִיזֶער אִיז גִיגַאנְגִין אוּנְטֶר אִים:

וִויא גִיפֶעלְט אַייךְ לִיבֶּער דָוִד דִיא פֶּיעסֶע, הָאט הֶערְמַאן דָוִדִין גִיפְרֶעגְט נֶעמֶענְדִיג אִים אוּנְטֶערְן אָרֶעם אוּנ זִיךְ גִילָאזְט מִיט אִים גֵיין צוּא דֶער טִיר:

זִיא אִיז נִיט שְׁלֶעכְט. עֶנְפֶערְט דָוִד נָאר דִיא אֵייגֶענִי שְׁפִּיל אוּנְטֶר אֵיין אַנְדֶערִין נָאמֶען (אַלְמָאסַאדָא) הָאבּ אִיךְ צוּא רִיק דְרַייא מָאנְהַייט גִיזֶעהֶן אִין בֶּירְשֶׁעוו פוּן אֵיין אַנְדֶער אַוּוטָאר אַרוּם גִיגֶעבִּין (ה' א. ג.) אִיז זִיא דָארְטִין פִיל חַארַאקְטֶערְשֶׁער אוּנ רָאמַאנְטֶעשֶׁער גִישִׁילְדֶערְט:

וִויא קָאן דָאס זַיין, פְרֶעגְט הֶערְמַאן אַז אֵיין וֶוערְק זָאלִין צְווַייא שְׁרַייבֶּער אַרוּם גֶעבִּין. מִיר שַׁיינְט אַז דָאס אִיז גָאר גִיזֶעטְצְלִיךְ פַאר בָּאטִין:

עֶס אִיז פַאר בָּאטִין נָאר אָרְגִינַאלְנִי נָאךְ צוּא מַאכֶן' אָבֶּר אִיבֶּר זֶעצִין פוּן אֵיין אַנְדֶערִי שְׁפְּרָאךְ אִיז עֶרְלוֹיבְּט פַאר אַלִי וֶוען נָאר דֶער פֶערְפַאסֶער דָאס עֶרְלוֹיבְּט אָדֶר אוּם ווֵינִיגְסְטִין עֶר לֶעבְּט שׁוֹן מֶער נִיט נָאר אִין בִּירְשֶׁעוו הֶט יֶענֶער זֶעצֶר אִיבֶּר זֶעצֶר אוּם ווֵינִיגְסְטֶן אָן גְמֶעלְדֶעט דָאס אוֹיף דֶער אַפִּישֶׁע אַז דֶער סִיוּזְשֶׁעט פוּן דֶער פֶּיעסֶע אִיז נִיט זַיינִי זָאנְדֶערִין גִינוּמֶען גִיוָוארֶן פוּן אֵיין דַייטְשִׁין רָאמַאן. דֶער דָאקְטָאר מִיט זַיין טָאכְטֶער נָאר אוֹיף דֶעם יֶעצְטִיגִין אִיבֶּר זֶעצֶער וואוּנְדֶערְט מִיךְ זֵייעֶר פַאר וָואס הָאט עֶר דָאס פַארְבָּארְגִין פַאר פוּבְּלִיקוּם, שׁוֹן זְשֶׁע אִיז עֶר אַזָאלְכֶער עֶרְגֵייצוּגֶער מַאן:

בֵּיידִי זֶענִין אַרוּם גִגַאנְגִין פוּן טִיר אוּנ אַרוֹיף גִיקוּמֶן אוֹיף דֶעם קָארִידָאר דֶר קֶעשֶׁענִיק אִיז זֵייא פוּן אוּנְטִין נָאךְ גְגַאנְגִין אוּנ הָאט פְהִילִיזָאפִּירְט אוֹיף דֶעם אָרְט. יָא אַזוֹי אִיז דָאס. דֶער פַאקְט ווַייזְט מִיר אַז דֶער מַאן (אוֹיף הֶערְמַאנֶען) מִיט זַיין פְרוֹיס פַארְלִיבְּטִין (אוֹיף דָוִדִין) זֶענִין בֵּיידִי גְרוֹיסִי פְרַיינְד אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶרִין. אוּנ אַזוֹ קוּמְט דָאךְ תָּמִיד אוּם. אָ, ווַייבֶּר

אַיי

איי זענט איר ווערט · נאר אוף דעם מאל איז דער באליידיגטער מאן קליגער אונ שלויער פון דעם אנדערין :

אוף דעם קארידאר וואר אגרוס געדרעננעס פון פובליקום דען יעדר האט גיוואלט פריער ארוס גיין הערמאן האט פארשטאנין אז אצונד איז דיא גונסטיגע צייט צוא אום פירין זיין וואונטש · ער האט זיך שטול אום גיקוקט ארונטער צום קעששעניק אונ אים איין ווינק גיגעבין מיט איין אוג · דיזער האט דעם ווינק פארשטאנין · ער האט אראפ גילאזט דעם קאפ אונ זיך גימאכט וויא ער איז שטארק פארטראכט אונ אין דער פאזע האט ער זיך גילאזט לופין ארוס פון דעם קארידאר אונ האט זיך גלייך אוועק גיגעבין אוף דודין אונ אים אזעלכין שטוים גיגעבין דאס ער איז שיער ניט גיפאלין ·

דוד איז העכסט, אוף גיבראכט גיווארין אוף דעם קעששעניק אונ פאר כעס האט ער גישריגין צו אים · ערלויבין זיא יונגר מאן צו זענין זיא באטרונקין אדר בלינד גווארין אוף דער מינוט , איר האט דאך מיך שיער אום גווארפין :

דער קעששעניק האט זיך קעגין אים גשטעלט מיט עהרפורכט אונ אראפ נעמענדיג דיא שליאפע פון זיין הופט פאר ענפערט ער זיך , מיט טיעפסטין אונטער טעניגקייט , ביטע איך ליבר הער פערצייהט מיר , איך בין אויסער זיך , דאס איך האב ניט גהאט דיא עהרע אייך צו זעהן וויא איר גייט · צום אום גליק בין איך איין קורצזיכטיגר אונ אפט איין פאר טראכטער , נאר אוב איך האב נאר עטוואס לייד אייך גטאן וועל איך מיר דרוף קיין מאל ניט פערצייהען :

בערוהיגט אייך מאסיע ערוויעדערט דוד שטארק גרירט פון זיין איידלין פאר ענפערונג , איר האט מיר קיין שום לייד גטאן · נאר איך ראטה אייך פון יעצט אן צוא טראגין איין לארנעט מיט זיך · וועט איר ניט קומין מער צו זאלכי טרעפנונגין :

איך דאנק אייך זייער פיל פאר דער עצה זאגט דער קעששעניק · אונ אום דאנקבארקייט פאר אייער ראטה וועל איך מיך באנוצין מיט איר (מיט דער עצה) :

אונ דאס אום רעדענד איז דער קעששעניק פון אים אוועק גגאנגין :

ליבער דוד , רופט הערמאן זיך אפ · קאנט איר ניט אזו גוט זיין אפ צו ווארטין דא אוף מיר אפאר זעקונדין נאר · איך זעה דארטין פון דער טיר ארוס גיין איין באקאנטין מיינם איך דארף זייער נייטיג אפאר ווערטר מיט אים צוא רעדין · אונ דאן קום איך צוא ריק אהער · אונ ניט ווארטענד אוף דודס ענפר האט הערמאן פון אים זיך ענטפערנט אונ האט דער יאגט דעם קעששעניק · אונ אוספייעט אים צו זאגין דיא פאר ווערטר , גייא נאך מיר · דער קעששעניק האט אים גפאלגט אונ איז מיט אים ארוס גגאנגין פון טיר גלייך אין ביער האלע אריין · הערמאן האט מיט אים זיך גזעצט אין איין ווינקיל אונ האט גהייסין געבין צוויא גלאז ביער :

נוא וואס הערט זיך פרעגט אים הערמאן :

אפ גטאן , ערווידערט שמייכעלהאפט דער קעששעניק :

דעם פארטפעל האסטו , יא איך האב אים :

נון גיב אים אהער · איר ווייסט אבר אונזר גזעץ , זאגט דער קעששעניק · מיר גיבין ניט פריער ביז מען גיבט אונז · הערמאן האט אים אוועק גגעבין א 10 רובעלדיגין בילעט · נאט אייך דעם פארטפעל · ערווידערט פון זיין זייט דער קעששניק נאר איך גיה ניט פריער אוועק פון אייך ביז איר וועט דאס עפענין פאר מיינע אוגין · הערמאן האט אים דאס אוף צו ליב גטאן · אונ צו זיין גרוסר פריידע איז אין דעם פארטפעל גלעגין 3 פערזיגעלטי בריף :

דער קעששעניק האט פון אים אפ שייד גנומין אונ איז אוועק גגאנגין זיין וועג · אונ הערמאן איז באלד צו ריק אריין גקומין אין קארידאר וויא ער האט דודין גלאזט · דוד

האט

האט פון דער גניבה זיך נאך ניט ארום גקוקט דרום איז ער גאנץ רוהיג מיט הערמאנין ארום גגאנגין פון טהעאטער אין בופעט אריין. דארטין האט ער מיט אים אויס גטרונקן אפלאש ביער אונ נאך דעם האבין ביידי זיך צוא טיילט אונ יעדער איז זיך גגאנגין צוא זיין קווארטיר :

7

דיא בריעף, דוד דער וויסט זיך פון דער גניבה ; הערמאנס עצה.

עס געבין זיך אום פערשידיני נאטורין אויף דער וועלט ביא מענטשין. טייל בשעת זייא קריגין זיך אפ מיט איינים קאנין זייא שון אים אין דיא אוגין ניט קוקין, דער בעם זייער ברענט אויף זייערי גיזיכטער. אונ מאנכי מענטשין רעדין גראדי נאך דעם גאר ליבליך מיט יענים מיט וועלכין זייא האבין זיך גקריגט נאר דער בעם לאדערט פערבארגין אין זייערי הערצער. טייל מענטשין וועלכי טוען יענים ביין קאנין זיי שון אין זיין געגענווארט ניט שטיין. זייא אנטלויפין פאר אים. וואכען זייני טריט דען זייא דאכט זיך אום אז ער ווייסט אונ לעזט פון זייערי גזיכטער אז זייא האבין אים דאס בייזעס פאר אורזאכט. אונ מאנכי מענטשין זענין אזו אום פאר שעמט. דאס זייא רעדין גראדע מיט אים נאך דעם גאנץ פריינדליך. ווייזין אים וויא זייא באדויערין זיין אום גליק אונ גיבין אים עצות (פאר שטייט זיך אז פאלטשע) וויא ער זאל זיך רעטין. אזעלכי לייט ווערין גירופין אין דער פראקטישער וועלט, שטילע שונאים, שטילע גנבים, טייגע בייסענדי הונד. צוא דיזע האט אויך אונזער הערמאן גקערט וויא דיא לעזיר וועלין דאס באלד מודה זיין ביא דעם סוף פון דעם קאפיטעל :

הערמאן איז אהיים גקומין אויף זיין קווארטיר אונ זיך באלד גינומין צום פארטפעל. ער האט פון דעם ארום גנומין דרייא פערזיגעלטי בריף אונ גינומין באטראכטין דעם זיגיל פון זייא אויף וועלכין עס וואר צוא לעזין 2 בוכשטאבין, Д. אונד Л. (דאס מאכט, דינה לוסטמאן. נאך דעם האט ער דעם ערשטין קאנווערט געפינט אונ איבער גלעזין דעם בריף וואס דארטין איז גלעגין וועלכין אונזערי לעזר האבין אים שון אויך גלעזין ביא דעם אנפאנג פירטין קאפיטעל. אזו גאר, רעט דער אפעריסט צו זיך אריין לייגענד צו ריק דעם בריף אין קאנווערט. דוד קומט צו איר אום האלבי נאכט אונ איך האב דאס גאר ניט גוויסט; א וואו, שאדע חלעבין. דען ווען איך זאל דאס פריער גוועזן וויסין וואלט איך דאך אויך אהין גיקומין אונ צוא הערין וואס זייא רעדין צווישין זיך. ער האט ארויס גינומין איין צווייטין בריף פון איין אנדער קאנווערט אונ גילעזין אין דעם דאס פאלגענדי :

טייערער אונ ליבער דוד :

וויא נעם איך זא פיל קרעפטין אום דיר צוא אויס שרייבין דיא שמערצין וואס איך טראג איבער פון מיין מאן, יעדין טאג ווערט ער מיר איין גיגעסין, אונ יעדער שטונדע פאלט ער מיר מער צוא לאסט. איך זעה אין אים דער גרעסטער פיינד אונזערר. דער בלוטיגסטער אינטריגאנט פון אונזערי ליבע. ער ליב, קאסט מיך. שמייכעלט מיר איך קען דאס ניט ליידין איך זעה אין זייני שמייכלין דיא פפיילין פון נקמה אן אונז. אין זייני פריילין ליכטיגע אויגין זעה איך זיין פינסטערין סאוועסט, אונ אין זיין לעבעלנדין

געזיכט

געזיכט בליקט ארום דער מערדערישער פלאן וואס ער האט געגין אונז אויף גיטאן אונ מיר זאלין צוא שיידעט בלייבין :

גאט מיינער, הייסט ער דען ניט מיט דעם קיין מערדער, האבין מיר דען ניט רעכט אים אן צוא רופין · שרעקליכער טיראן · אז ער אלס גרייז פון 60 יאר וועלכער דארף שון זיך אום טאן פון קערפערליכין וואהלוסט אונ דענקין אין דיא עטליכע יארין זייני וואס ער האט נאך צוא לעבין אויף דער וועלט נאר גוטס צוא טאן אונ זיין זעלע זאל אויף איר ארט קומען ריין אום באפלעקט · אונ צום סוף האט ער גאר דאס גרעסטי פאר ברעך אויף גיטאן · יא איך רוף דאס אן מיט רעכט פאר ברעך · דאס איז איינר ניט נאר געגין דער מענטשהייט נאר אויך פאר דעם הימעלס געריכט, ער האט גינומען צוויא קערפערין וועלכי וארין באלוכטין נאר דורך איינער זעלע אונ האט זייא אויף צווייען צוריסין · יעצט זענין זייא גיבליבען אונ באזעלעט ער האט גימיינט אז מיט זיין ליבי וואס ער וועט מיר צייגין וועל איך אויף גילעבט ווערין וויא פריער ווען איך וואר לעבין דיר מיין ליבענדער. א ניין · איר אירט אייך אלטער · אייער ליבי איז גלייך יעצט צוא איין ליכט וואס האלט שוין בייא דעם אויס גיין · אונ דיא ליכט האט איר אריין גישטעלט אין דיא פינסטערי קאמערין פון מיין הארץ אונ גימיינט אז דאס וועט באלייכטין דארטין אויף תמיד · אבער זעהט נאר אלטער וויא איר האט אייך גינארט, אין אנפאנג האט דיא ליכט נאך אין עטוואס אין מיר גיצאנקט דאס הייסט, איך האב אייך גיערט וויא עס קומט איין אלטין מאן ווייל איך האב נאך ניט גיוויסט פון דער אינטריגע וואס איר האט מיט אונז אויף גיטאן · אונ אצונד איז דיא ליכט שון גאר פאר לאשין אלס איך האב צוריק מיין ליבענדין לעבין זיך יעצט פארהאסע איך אייך אלטער, איך בין אייך דער בלוטיגסטער שונא · אונ ביז איך וועל אייער טויט ניט זעהן הער איך ניט אויף אייך צוא האסין :

ליבער דוד, דוא ביסט דער איינציגער פאר וועלכין איך קאן מיין ביטער הארץ אויס רעדין · דוא בוסט דער איינצעלנדער צוא וועלכין מיין הארץ איז ערגעבין אונ א, צוא מיין גרויסין אום גליק קאן איך מיט דיר ניט רעדין ווען איך דארף, צוא מיין פינסטערין מזל קאן איך מיך מיט דיר ניט זעהן ווען איך וויל אונ זאנדערין ווען איך קאן · ווען דער אלטער שלאפט אדער ווען ער איז צוא הויז ניט פעראן · אונ דרום וויל איך מיך אום רעדין דא אויף פאפיר וואס איך האב דיר צוא איבער געבין אונ דער גידאנקין אז נאר דוא מיין ליבער ווירסט דעם בריף לעזין שטעלט מיר פאר אז דוא זיצט יעצט לעבין מיר אונ דיא געמליכע ווארטין וואס איך שרייב אויף פאפיר רעד איך זייא מיט דיר מונדליך :

זייא וויסין מיין טייערער אז דער גיפט וועלכין האסט מיר גיגעבין · האב איך מיך שון מיט אים 3 מאל באנוצט אונ דעם אלטין צוא פארגיפטין · איך האב דאס אים אריין גיגאסין אין דיא וואסיר · אויך אין דעם וויין וואס ער טרינקט · אונ זעה דוד וויא זעלבסט דער טייפעל שפילט זיך דא מיט אונז, אוף להכעיס האט דאס פאספאר וואסער אויף אים גאר ניט גיווירקט · ער האט ניט גיפילט קיין מינדעסטין גרוך פון גיפט · ער האט נאר גיזאגט אז דאס וואסער שטינקט :

נוא וואס זאגסטו דוד, וואס זאגסטו אויף דעם מיין פריינד, ניכט וואר אז דאס איז איין טייפיל שפיל, אבער איך וועל נאך דעם לעצטין מיטעל איין ווענדין · איך וועל אים איין געבין שטיקליך פאספאר, פילייכט וועט דאס אויף אים שוין ווירקין · איך פון מיינער זייטע וועל ניט אויף הערין גאט צוא בעטין ער זאל מיך באפרייען פון דעם לעסטיגין מאן אונ מיך פאר אייניגין מיט דיר מיין ליבער דוד אויף עוויג :

קום היינט אין אווענד אין חיטער עס וועט אויף דיר דארטין ווארטין דייני טרייע דינה :

אהא, רעט הערמאן צוא זיך אריין לעגענד דעם בריף אין קאנווערט, דיא פאר קינדר

זעהן שון גאנץ ווייט פארקראכין מיט זייער ליבי אז זייא האלטין שון בייא דעם פארגיפטין אים ׳ אגליק איז וואס דער פאספאר האט אויף דעם אלטין ניט געווירקט דען זאנסט וואלט דאך איסאק . זאל זיין דוד עובר געוועזין אויף איינע פון דיא שטרענגסטי געזעץ אין דער תורה ׳ נאר לאס איך נאר הערין וואס עס שטייט אין דריטין בריף . ער האט געעפינט דיא לעצטי בריף אונ געלעזין אין דעם דאס פאלגענדי :

מיין אלער ליבענדער דוד , ענגעל פאן מיין לעבין :

איך שרייב יעצט צוא דיר דעם בריף ווערענד אין מיין הארצין איז אן געצונדין איין פלאם פייער פון כעס אונ פארדראס אויף דעם אלטין מאן מיינעם . גאט מיינער , פאר וואס שטארבט ער ניט , ווארום איז ער ניט פאר סאמט געווארין פון דיא שטיקער פאספאר וועלכי איך האב אים איין געגעבין , שון זעשע האסטו פון אים אוועק געשיקט דיין מלאך המות אויף תמיד , שון זעשע ווילסטו אז דער זעכציג יאריגער גרייז זאל איבער לעבין איין 18 יאריג קינד , א שוידערפאל , אום אונגעדולד וועל איך מיין לעבין פארלירן אין מיין בעסטין פרילינג , אום פארדראס וואס איך קען אין אים קיין נקמה נעמין , וועל איך אין מייני שענסטע מאיאוועטעג פאלין פאר אקרבן צום טוט דעם אכזר . אונ ווער ווערט זיין שולדיג אין דעם יונגין טויט , ליבער דוד . אין דעם וועלין שולדיג זיין צוויא מאנין . איינער וועלכין איך פארהאס אונ פון וועלכין איך וויל באפרייט ווערין . אונ דער צווייטער איז גראדע דער וועלכין איך ליב אונ צוא וועלכין איך וויל מיך פארבינדין אויף עוויג . יא דוד דוא פארשטייסט אז דעם לעצטין מיין איך דיך , דוא ווערסט אטייל האבין אין מיין טוט ווען דוא ווערסט זיך ניט באשליסין דעם אלטין מיט אמאל צוא טייטין . דען איך האב אים שוין איין געגעבין דעם גאנצין פאספאר וועלכין דוא האסט מיר געבראכט אונ דאך לעבט ער אונ איז געזונד וויא פריער :

אונ זא איז דאס דוד , אוב דוא ווילסט ניט אז איך זאל מיר אליין דאס לעבין נעמין אוב דוא ווילסט מיך באמת פון אים באפרייען , ענדליך אוב דוא מיינסט ערינסט מיך פאר דיין פרוי צוא האבין ׳ זאלסטו קומין צוא מיר מארגין מיט דעם באגינין אין חיטער וועל איך דיר פארגעבין דעם פלאן וויא אזוי דוא זאלסט מיט דעם אלטין אפ עקין אין קונפטיגין אוועקנד אונ קיינער ווערט פון דעם ניט וויסין ׳ קוים אבער ווערסטו זיך ניט באשליסין צוא דעם מארדטהאט זאלסטו וויסין דוד אז באלד אין אוואנד וועל איך מיר אליין טייטין :

צוואר ברענט אין מיין הארצין דער גרעסטיר לוסט צוא לעבין . דען גאט האט אין יעדער באשעפעניש ארין געגעבין חשק צוא לעבין ׳ זעלבסט דער ווארים קרימט זיך ווען ער ווערט געטראטין , אוך דיא שוואכי פליג ווארפט זיך אין לעפיל וואסיר ווען זיא טרענקט זיך . אלי ווילין לעבין אונ ניט קיין איין ברואה וויל שטארבין , אונ איך אום גליקליכי בין אוך גלייך צוא דעם ווערימעל וואס אונטער דעם מענטשנס פיס . אדער צוא דער שוואכער פליג אונ לעפיל וואסער . איך וויל ניט שטארבין וויא זייא אונ ליידין מוז איך דאס , צייט איין פערטיל יאר דאס איך טרענק מיך אין טייך פון לוסטמאנס אינטריגע איך ווארף מיך אויף אלי זייטין וויא אזוי פון דעם ארויס צוא קריכין אונ ליידין קאן איך מיך אליין פון דעם ניט באפרייען , ׳אונ אויב דוא מיין ליבער ווערסט מיר ניט צוא היליף שטיין וועל איך דער טרונקין ווערין :

למען השם מיין ליבער זאלסט מארגין גאנץ פריא צוא דער באסעדקי קומען דען דארטין ווערט אויף דיר ווארטין מיט אום געדולט דיין געליבטע דינה :

הערמאן האט ארין געלייגט דעם לעצטין בריף אין קאנווערט אונ אשמייכיל האט זיך געוויזען . דיא בריף וועלין מיר צוויא וואזשנע זאכין פאר שאפין . רעט ער צוא זיך איינס . דאס איך וועל לוסטמאנין רעטין פון טויט אונ ניט דער לאזין דודין אזא מוסטהאט באגיין

וואס ער וועט שטענדיג נאך איר חרטה האבין . אונ צווייטענס וועל איך דורך זייא פארדינן ארובעל טוזינד . אונ אז גאט וועט געבין וועל איך אפשר נאך מער פארדינין :

ער האט דיא בריף צוא ריק אריין געלייגט אין פארטפעל אונ דאס פאר שלאפין בייא זיך אין קאסטין . ער האט שון גידענקט צוא אויס לעשין דיא ליכט אונ זיך לייגין שלאפין אין דעם האט ער דער הערט וויא יעמאנד קלאפט אין טיר . דער אפעריסט האט תחלת זיך איין טרעסיל געגעבין אום פחד נאר אלס ער האט דער הערט דודס שטוטע פון דרוסין צוא אים רופין איז ער רוהגער גיווארין . ער האט גיעפענט דיא טיר אונ דוד איז אריין גיקומען מיט איין העכסט צו טראגין גיזיכט . ליבער הערמאן רופט ער זיך אפ מיט איין קלאגענדער שטוטע . איין גרוסער אום גליק האט מיך היינט אין טהעאטער גיטראפין :

גרוסער גאט , וואס פאר איין אום גליק האט אייך גיטראפין :

מען האט בייא מיר גישטולין מיין פארטפעל :

אונ דארטין איז פארמוטליך געליגין אייער ביסעל קאפיטאל , פאר חאפט דר אפעריסט.

א מעכטעט דארט מיין קאפיטאל זיין העט איך ניט אזוי צוא טראגין זיין , עס איז אבער דארטין פאפירין גילעגין אונ נאך אזעלכי ניצליכע פאפירין אין וועלכי מיין גאנצער לעבין הענגט אפ . א וואס טוט מען :

איך פאר שטייא ניט וויא אזוי האט מאן גיקאנט בייא אייך דעם פארטפעל ארויס שלעפין אונ איר זאלט דאס גאר ניט פילין :

א דער זוליק איז גיוועזין אגאנץ שלויער . ערווידערט דוד , איך מערק אז דאס וואר קיין אנדעריר וויא נאר דער וועלכער האט אויף מיר זיך איין ווארף גיגעבין ווערענד איך בין מיט אייך גיגאנגין אוף דעם קארידאר אונ מיט דעם וואס ער איז אויף מיר ארויף גיפאלין האט ער אוספייעט ארוס צוא שלעפין מיין פארטפעל נון וואס טוט מען פריינד , גיב מיר איין עצה וויא באקום איך יעצט דעם זוליק :

דאס קען איך ניט וויסין זאגט הערמאן , וויא קומט דאס צוא מיר , איר ווייסט אליין אויך גוט אז מיט אזעלכי לייט פיר איך קיין באקאנדשאפט ניט . נאר מיין עצה וואלט גיוועזין . אז איר זאלט מארגין דאס מודיע זיין אין צייטינג אז איר האט פארלורין איין פארטפעל מיט נייטיגע פאפירין קיין געלד איז דארטין ניט גיוועזין אונ דער וואס וועט אייך דאס אפ ברענגין באקומט ער פון אייך איין וואזנאגראזשדעניע . איך גלייב אז דר זוליק וועט דאס אייך תיכף אפ ברענגין , דען ער האט דאך גימיינט אז דארטין ליגען פאזיטין , ערשט אז ער זעהט וויא עס ליגען גאר פאפירין וואס אים קאנען זייא גאר ניט ניצען וועט ער אן צווייפיל זייא אייך אפ געבין פאר דער קלענסטער פרייז וואס איר וועט באשטעלין אין בלאט :

דודין איז דער ראטה גיפעלין אונ ער איז באלד אהיים גיגאנגין אפ צוא שרייבין איין אביאוולעניא אין דער רעדאקציעאונ אלס ער איז נאר פון הערמאנס טיר ארוס גיגאנגין האט דער אפעריסט אים ארוס גישטעלט אלאנגי צינג פון אונטין :

8

דינגהם זארג ,

דעם חלום אין גאנצין קאנין מיר אים ניט גלייבין אבר אין גאנצין אים אפ לייקענין טארין מיר אויך ניט , דען ניט אלי מאל שטעלט ער (דער חלום) דעם מענטשין פאר נאר זאלכע גידאנקין אדר סצענין וועלכי דער מענטש האט דאס גיטראכט אדר בייא גיוואונט

ביא טאג . זאנדערן ער שטעלט אים מאנכע מאל פאר אין שלאף גראדי אזעלכי טרעפנונגען וואס מיט אים האט דאס נאך קיין מאל פאסירט אונ האט זאגאר פון זייא קיין מאל גידענקט ביא טאג . אזעלכי חלומות ווערן אן גירופען פראפעטעשי באפארציייגונגען דאס הייסט , זייא שטעלן פאר דעם מענטשין דיא פריידין אדער ליידין וואס דארפין ערשט צוא אים קומען אזעלכי חלומות טארין מיר ניט אפ לייקענין , ווארין מעגליך איז . אז באלד אדער שפעטער וועט דאס געמליכע וואס ער האט גיזעהן אין שלאף מיט אים פאסירן ווען ער וועט זיין וואכענד . נאר פאר שטייט זיך אז יעצט (ביא טאג) וועט דם אום קומין עטוואס אום גיענדערט ווייל דער טרום האט דאך קיין קראפט ניט פינקטליך דאס צוא ארום שטעלין באדורך וואס דעם מענטשענס חושים שלאפין אונ דיא אברים ארבעטין ניט ביא דעם . אזעלכין טרום האט אויך דינה גיזעהן אין דער פאריגער נאכט אלס ביא דודין איז דיא גניבה גישעהן וויא דיא לעזער וועלין דאס באלד הערין פון איר דערציילין .

גאנץ פריא האט דוד איבער גיגעבין דעם דינער פון האטעל דיא אביאוולעניע דאס ער זאל אוועק טראגין דאס אין דער רעדאקציע פון איין היגען רוסישען ציייטונג , אונ אליין איז ער אוועק גיגאנגין צוא דעם חיטער אום זיך צוא זעהן מיט דינהן . דער דווארניק פון חיטער האט גיהאט איין באפעל פון דינין גאנץ פריא צוא עפנין אלי טאג דעם טויער . דם לאזין אפען ביז האלבי נאכט אונ ניט שטערין קיינעם ווער עס קומט ארין צוא ערפרישין זיך דא מיט דעם אראמאטעשין לופט אונ דרום האט ער קיין מאל ניט גישטערט דודין ווען ער איז גיקומען אין חיטער . דוד איז צוא גיקומען צוא דער בעסעדקי ווען דר. זייגער האט אום גישלאגין זעכס . ער האט זיך גיזעצט אויף איין גראזבאנק אונ מיט איין קלאפענדעם הארץ האט ער גיווארט אויף דינהן עס איז שוין גיווארין האלב זיבין אויף דעם זייגער , דרייא פערטיל , אונ ענדליך שוין 7 אונ דינה איז נאך ניט דא . איבערין גאנצין חיטער האט גיהערשט אטאדטעם שטול וויא אויף איין בית הקברות . דיא צווייגין פון דיא ביימער האבין זיך שטול גישאקעלט , דיא נידריגע גראזין האבין גרינג זיך באוואגין אונ פון דיא רוזען האט ארום גישוועבט איין אראמאטעשער לופט דודין האט באהערשט איין לאנגווייליגקייט אונ צוא גלייך איין אום רוהע . אים האט זיך גידאכט אז דינה האט זיך אליין גיטייט וואס זיא קומט ניט ארום צוא אים . ער איז אויף גישטאנין אונ גיזיכט צווישין דיא קוסטארניקעם פילייכט וועט ער דארט איין בריף פון איר גיפונען נאר זיין האפענונג האט אים גינארט דעם מאל ער האט זיך צוא ריק גיזעצט אויף זיין ארט אין דעם האט ער דער הערט שטילע טריט ארום דער בעסעדקי אונ באלד איז דינה צוא אים ארין גיקומען , דוד איז אויף גילעבט גיווארין איר דער זעהענדיג ער האט אום גישפרייט זיינע ארעם אין וועלכי דינה איז ארין גיפאלין : אונ האט גאנץ שטיל גיזאגט . דאס ביסטו דוא מייני טייערי . א ווען דוא זאלסט וויסין וויא איך האב מיך פאר דיר היינט גישראקין . איך האב פאסט מער קיין האפנונג גיהאט דיך היינט אין מארגין שון צוא זעהן . איך האב מיך היינט פארשלאפין . ערווידערט דינה . אונ אלס איך בין אויף גישטאנין האב באיך גירעכענט אז לוסטמאן איז שוין לאנג וואכענד , בין איך פריער אין זיין חדר ארין גיגאנגין אונ אז איך האב מיר איבער צייגט אז ער שלאפט נאך , בין איך אהער גיקומען אונ מיט דיר זיך צו זעהן .

איך דאנק דיר מיינע טייערי האסט מיך ממש ערפרישט מיט דיין אן קומין , נאר אך פאר וואס ביסטו אזוי צוטראגין , ווארום שודערט דיין שטימע . א זאג מיר מייני ליבי בוסט ניט גיזונד , דינה איז ווירקליך בלאס גיוועזין אין היינטיגין מארגין מער וויא תמיד . איין ברייטער בלוליכער פאס האט ארום גירונגעלט אירי גרויסי שווארצי אויגין . אונ דר צארטער

קערפער

קערפער איהרער האט זיך קום געהאלטין אויף דיא פיס · דוד האט זיא גיזעצט לעבין זיך אונ פרעגט זיא נאך איין מאל · וואס איז דיר דינה :

גאר ניט מיין ליבער מיר שמערצט נאר דער אונגעדולד מיינער וואס איך וויל פון דעם אלטין פרייא ווערין אונ קאן נאך ניט :

בארוהיג דיך ליבע דינה, זאגט דוד · דער באפרייהונג דיינער וועט קומין ווען ניט שון איז שפעטיר מיט אפאר טעג ביז מיר וועלין אום קלערין צוא אים איין פלאן :

אבער זעה דוד שון צווייא פלאנין האסטו גיהאט אין האנד אונ האסט זייא ארוס גילאזט

איך בין אין דעם ניט שולדיג · פערטהיידעגט זיך דוד · אין ערשטין מאל בין איך נאך ניט אזוי שטארק גיוועזין בייא זיך אויף איין מארדהאט צוא טאן , אונ בייא דעם אנדערין מאל האב איך שון יא גיהאט שטארקייט האבין צום אום גליק דיא פערד זיך דאספאלאשיט אונ זענין צוא גיפלויגען כמעט ביז צום חיטער וויא ארבייטער זענין שון גיגאנגין · נאר צום דריטין מאל ווען עס וועט זיך מאכין גילעגענהייט ועסטו פון אים שון באפרייט ווערין · נאר מייני טייערי · פאר וואס צוטערסטו אזוי , א זעה דיין גאנצער קערפער שודערט אונ דאס גיזיכט דייגעס איז פיל מיט טרויער וואס זאל דאס באטייטין גאט מייגער :

איין פאר מינוטין האט דינה גישוויגין אירי אויגין האבין זיך גיגאסין פיל אין טרערין · נאך דעם רופט זיא זיך אפ · מיך האט גינאגט איין שרעקליכער חלום פון האלבער נאכט אן ביז אין שפעטין מארגין :

וואס זשע האט זיך דיר גיחלומט מייני טייערי דינה, פרעגט דוד באזארגט :

דוא ווילסט דאס ווירקליך וויסין , יא , ענטפערט ער איך בעט אז דוא זאלסט דאס מיר דער ציילין ,חלומות קענין ניט האבין קיין פראפעטעשין בעפארזאגונג · איך נעם מיך אונטער אים דיר פותר צוא זיין אונ אויף ווייזין אז ער איז גיקומין צוא דיר דורך זאלכי צוא פאלין פון וועלכי דוא האסט גידענקט אדר גיזעהן בייא טאג :

זאל זיין אזו · זאגט דינה · הער מיך אוס , מיר האט זיך גידאכט אז איך זיץ דא אין בעסעדקי אונ ווארט אויף דיר · עס גייט פר איבר אהאלבי שטונדע נאך דעם דרייא פערטיל אונ ענדליך אגאנצי שטונדע שון אונ מיין דוד איז ניט דא נאך · אונ גידולד אונ שרעקין בהערשין מיך יעדער מינוט מער אונ מער · דאס איז מערקווירדיג , טראכט צוא זיך דוד · צואריק מיט אפאר מינוטין האב איך דאס זעלבי גיפילט :

דינה דער ציילט ווייטער · אין דעם האב איך דער שפירט שטולע טריט ניט וייט פון מיר דא גייט אוודאי מיין ליבענדער דוד · טראכט איך מיר · אונ בין שון פארטיג גיוועזן אויף צוא שטיין אונ אריין פאלין אין דייני ארמע · נאר ניין דאס ביסטו ניט גיוועזין אין יענר מינוט , דאס וואר צוא מיינעם פארדראס אונ שרעקין דער אלטער לוסטמאן · וועלכער וואר בלאס ווי איין לייכי (מת) אונ שטרייינג ווי איין ריכטער (שופט) : אונ האט מיר גגרייכט זיין האנד אין וועלכי עס איז גיוועזין איין בריף :

איין בריף , פרעגט דוד איבער מיט ערשטוגין · אין דעם בריף רעט ווייטער דינה · האב איך דער קענט אז ער איז איינער פון דיא יעניגי בריף וועלכי איך האב צוא דיר גישריבן גיהאט · איך בין גיפאלין אויף דיא קניען געגין אים אונ האב צוא נויף גיזאמעלט אלי מייני קרעפטין אונ צוא אום שרייען · האט רחמנות , נאר דיא שטימע מייני איז דער שטיקט גיווארין דורך דיא ספאזמוז וואס האבין פאר חאפט מיין האלז , אונ איין אנדערי מער שאלענדי שטומע האב איך גיהערט ארום מייני אורין שרייען מיט פאלגענדי ווערטער · ווייא צוא דיר דינה, דיא פאר ברעכערין אונ צוא שטיירערין דאס פאמיליען לעבין · דינה דאס אפ רעדענד האט פאר דעקט מיטביידי הענד דאס גיזיכט זיך , אונ

זיך

זיך צוא ווייגט ; דוד איז געבליבן זיצן וויא איין שטיינערני סטאטוע, נוא וואס איז ווייטער געוועזן, פרעגט ער ענדליך :

ווייטער, זאגט דינה, האב איך מער ניט געזעהן דען איך בין אין אנטמאכט געפאלין . נאר אלס איך האב מיך אויף געוואכט פון טרום האב איך באלד געעפענט מייני אויגין . אונ צוואר האב איך דאך געזעהן אז איך געפון מיך אין מיין צוממער האב איך דאך שוין געקענט פאר שטיין אז יענס איז געוועזן נאר אחלום דאך האב איך נאך געהער צוא מיר דיא שטיממע שרייען מיט דיא פריערדיגי ווערטער . וויא צוא דיר דינה, דוא פארברענגען אונ צוא שטייערין דאס פאמיליען לעבין ' אונ נון וועסטו מיר שון מער ניט פרעגין מיין ליבער פאר וואס איך בין היינט אזוי צוא טראגין, אונ פאר וואס איך שויער, דען דאס ער איגערונג אין דעם פאר פאלוכטין טרום פאר פאלגט מיר דעם גאנצין מארגן ' אוך יעצט ווען איך זיטץ לעבין דיר . א דוד דוד, מייני בריף זענין נאך ביא דיר, ניט וואר :

דוד האט זיך געפונין ביא דער פראגע אין גאנצין וויא פארלורין זיין ערליך הארץ אונ דיא טרייע ליבי זייני האט אים ניט געלאזט זיין געליבטי איין ליגענד צוא זאגין נאר צוא קאן ער דען איר דיא רייני ווארהייט אצונד ארום געבין אלס זיא איז שוין אזו אוך גידער געשלאגין פון דעם טרום . ניין, דאס איז אום מעגליך :

אוב זייא זענין נאך ביא מיר פרעגסטו, ערווידערט דוד, אך וויא קאנסטו דאס גאר פרעגין מייני טהייערי דינה, שון זשע קאנסטו צווייפלין (אין ספק זיין) אז דייני בריף זענין ביא מיר טייערער וויא מיין לעבין :

ניין איך צווייפיל אין דעם ניט . איך וויים אז מייני בריף זענין ביא דיר גאנץ טייער. נאר וויים אבער מיין ליבער אז כל זמן זייא עקסעסטירין נאך . געפונט זיך אין שרעקין אונזער ביידענס לעבין . אונזער פרייהייט אונזער ליבי . מיט איין ווארט אונזער גאנץ גליק . דרום מיין טייערער טוא מיר צוא ליב אונ אוך זיך אונ פארברען דיא בריף זאגסטו מיר דאס צוא .

איך זאג דאס דיר צוא . ערווידערט דוד מיט אראפ געלאזטי אויגין .

איך דאנק דיר מיין ליבער, אבער זאג מיר דאס אוך צוא אז תיכף וויא דוא קומסט יעצט אהיים פאר ברענסטו זייא שון :

איך וועל דיר דאס אוך צוא ליב טאן :

אדאנק דיר מיין פריינד דעם צווייטין מאל, זאגט דינה מיט פריידין ' אט זעה מיין ליבער איך בין במעט שון גאר איין אנדער מענטש געווארין אין דער מינוט . וויא איך בין פריער געוועזן דורך דעם חלום וואס האט מיין גאנצין מוטה גערובט .

א גיב גאט אז דיין חלום זאל ניט מקיום ווערין טראכט צוא זיך דוד :

ביידי ליבענדי האבין זיך יעצט געמוזט צוא שיידין ווייל דיא דינער האבין זיך שוין געוויזן אין חיטער :

9

דער אנאנימנער בריעף,

הער לוסטמאן פלעגט אלי פאר געניגין פארשאפין זיין פרוי אום זיא זאל ניט באקימערט זיין ; ער האט איר אוך ערלובט אלי טאג נאך מיטאג זיך דורך צוא פארין אין זיין עקיפאזש אין שטאט אויף אפאר שטונדן . אונ דרום איז דינה זיך היינט נאך מיטאג אוך דורך געפארין אונ איז צוריק געקומין ווען עס איז נאכט געווארין אלס זיא איז אריין געקומין

אין

אין איר גאבינעט איז די קאמער מעדכין איר אקעגין גיקומען מיט איין פארנאס אין דר האנד אוף וועלכין עס איז איין בריף גילעגין :

ווער האט אהער גיבראכט דעם בריעף , פרעגט דינה אונ פילט אין דעם מאמענט וויא דאס הארץ אירס הייבט אן שטארקער צוא קלאפין וויא געוויינטליך :

איין פאסילני הט אהער דעם בריף גבראכט צו ריק מיט אפאר שטונדין . ענטפערט דם קאמער מעדכין . אונ גזאגט אז איך זאל אים אייך איבר געבין :

פון וועמין איז ער גישיקט , ער האט דאס ניט גיזאגט דער פאסילנע :

ער איז נאך דא , ניין ענפערט דאס קאמער מעדכין : ער האט גיזאגט אז דער אייגענטהומער פון דעם בריף האט אים שון באצאלט פארין וועג . דרום איז ער באלד אוועק גיגאנגין . גוט , קענסט שון אוועק גיין דאס קאמער מעדכין איז ארוס גיגאנגין פון דעם צומער אונ דינה האט אוף גיריסען דעם קאנווערט אונ ארוס גינומען פון דעם איין בלועם בוגין פאפיר וועלכער ווער באשריבין פון אלי פיר זייטין : זיא האט דאס גינומין צום איבר לעזין אונ פון די ערשטי צוויא צייליך ווס זיא הט איבר גלעזין איז איר גיזיכט בלאס גיווארין . די אוגין גרוס גיבליבין אין זייערי נעסטין . אונ דער גאנצער קערפער איז אין שודער אריין : זיא האט אפ גיליינט דעם בריף אין גאנצין . אונ דאן האט זיא גיחאפט אוף זיך איין היטעלי מיט איין אובער מאנטיל אונ איז גישווינד ארוס גילאפין פון חיטער וויא איין מת פון קבר . זיא איז אפ גילאפין צוויא קווארטאלין האט זיא ענדליך דר זעהן איין פרייע דראזשקי פארין : זיא האט זיך אוף איר ארוף גיזעצט אונ גיהייסין דעם איזוואשציג פארין צום האטעל „כינה" דער גוט הערציגער קוטשער הט גשענקט אפאר בעל הביתעשי שמוץ פון זיין ביימש זייני צוויא קלאטשעם . די אום גליקליכי זשיוואטנעם האבין זיך גילאזט אין איין גאלאפ אוף גאנצי פינף מינוטין ביז זייא האבין פאר געסין די פאר פריערדיגי שמוץ אונ דאן האט דר איזוואשציג זייא נאך איין מאל דר מאנט מיט דר נעמליכי ביימש . דינה איז גיזעסין אוף דער דראזשקי וויא אוף שפילקעס . זיא האט גיקוקט אוף די אן גיצונדעני פאנארין . אוך אויף די הייזער אונ אוף די פאר בייא גייענדי מענטשין נאר זיא האט גאר ניט גיזעהן דען אירי בליקין ווארין יעצט פארארטעט ענדליך איז די דראזשקי צוא גיפארין צום אבענגינאנטין האטעל . אונ דינה באצאלענדיג דעם איזוואשציג טאקסי . איז ארוף גילאפין דורכין גלאוונעם וועסטיבול אין גאסטינעץ אריין . דורך דעם דינער פון דארט איז זיא גיוואר גיווארין אז דוד איז יעצט אין זיין נומער . איז זיא צוא גיקומען צוא דער טיר אונ אן גיצוגין בייא דעם גלאקין שניר . די טיר האט זיך גיעפענט אונ דוד איז ארוס גיקומען . אונ וויא ערשטונט ער איז גיווארין אז ער האט בייא זיך דינהן דער זעהן , ער האט זיא גיארעמט אריין גיפירט אין זיין צומער . דינה האט קוים באטרעטין די שוועל אלס די אוף גיוועקטי שוואכי נערווען וועלכי האבין ביז אהער קום אוף גיהאלטין דעם קערפער האבין זיך אראפ גילאזט . די קרעפטין האבין זיא פאר לאזט אונ די פיס האבין זיך גיבוגין ארונטער : אונ ווען דוד זאל ניט גיוועזן צוא לופין צוא איר וואלט זיא פאלין צוא באדין . זיא האט ארום גינומען זיין האלז מיט ביידי הענד אונ פאר בארגין דאס גיזיכט אין זייני ברוסט פארלארין , פארלארין , שרייט זיא אוים מיט איין קלאגענדי שטומע הערסט מיין ליבער מיר זענין ביידי פארלורין :

א וואס רעדסטו מייני ליבי , ערווידערט דוד מיט שרעק :

פארלארין , פארלארין , קלאגט דינה וועהרענד אירי אויגין האבין מיט הייסע טרערין גיגאסין . וואס זשע האט אונס גיטראפין , גאט מיינער , דינה האט אזוא גיצוטערט פאר די שרעקין וואס זיא האט זיך פאר גישטעלט . אונ אזוא שטארק זיך צוא ווינט אז זיא ווער ניט אין שטאנד אים צוא ענפערין . זיא האט אים גאר גיוויזען מיט

שטומע בליקין אוף דעם בריף וואס זיא האט גיהאלטין אין האנד · דוד האט דאס ביא איר פון האנד ארוס גינומען אונ דאס איבר גילעזין פון אנפאנג ביז ענדע וויא פאלגט :

גיעהרטי מאדאם לוסטמאן :

איר האט גישריבין איין היבשע צאהל בריף צוא אייער גיליבטען דוד לאסטארמאן · פון וועלכי איך האב דאס גליק גיהאט עם זאל פון זייא דרייא בריף ארין פאלין אין מיין האנד ארין נאר אזוי וויא איך בין איין עהרליכער מאן וואס וויל זיך ניט מישין אין פרעמדי אנגילעגענהייטין וויל איך באדורך דיא בריף צוא ריק זייא אייך איבר געבין · צוא מיין אום גליק אבר בין איך איין גרוסער קבצן · אונ וויא אלי קבצנים האב איך אויך דעם חשק רייך צוא ווערין אונ דרום קאן איך ליידער צוא ריק זייא אייך ניט געבין אהן באלונט צוא ווערין פריער פון אייך · אדער אנדערש גירעט ניט אפ צוא לאזין דעם צוא פאל דורך וועלכין קאן ניטרייך ווערין · אייער מאן · מאדאמי באזיצט גאט זייא דאנק איין היבש רייכטהום אונגעפער 80 טויזענד רובעל אוסער דיא איין קונפטין וואס פאלט ארין אים אין איאר פון זיין דרייא גארענדין מוער אין שטאט אונ פון נאך אנדערי גישעפטין וועלכי קלובין זיך צוא זאמין אין איאר ביז אצעהן פופצען טויזנד רובעל · אונ נון לייג איך דיא האנד אוף מיין הארצין אונ פרעג אייך מאדאמי · איז רעכט אזו אז אייער מאן זאל אזו רייך זיין ווערענד איך בין גאנץ ארעם · פאר שטייט זיך אז דאס איז אום רעכט ניט וואר מאדאמי · אונ דרום וויל איך יעצט אום גלייכין פון דער וואג ביידי שאלין אונ ביידי זאלין גלייך וואגין · איך זאל ווערין רייך אונ אייער מאן זאל ניט ארימער ווערין · דער פון מאדאמי קענט איר ארוס נעמין אז איך בין איין איידלער מאן · אונ ניט קיין רובער אונ אזו בלייבט דאס · איין משך פון 3 טעג דאס הייסט פון היינט זונטאג אווענד ביז מיטוואך אווענד ווער איך האבין דיא עהרי צוא אוף האלטין ביא מיר אייערי דרייא בריף אונטער מיין הערשאפט · אונ אלם איר וועט מיר ארין שיקין · אין איין משך פון דיא דרייא טעג · טויזנד רובעל געלד וועט איר האבין צוא ריק ביא אייך אייערי בריף · קום אבער שיקט איר מיר ניט ארין דיא אקארסט גינאנטי סומע אין דעם סראק וועלכין איך האב אייך גישטעלט וועל איך איבר מיינעם ווילין גיצווינגין זיין צוא איבר ענפערין אייערי בריף אייער מאן וועלכער וויא איר אליין פאר שטייט · וועט זיך מיט מיר ניט שטעלין דינגין אוף דער סומע · מיט דער טיפסטער עהרפורכט פאר בלייבט אייער אונטער טעניגסטער דינער וועלכיר דארף נייטיג האבין טויזנד רובעל :

II. 3. איר וועט אפשר דענקין צו שיקין מיר ווייניגער וויא איך פאדער איז אום זאנסט אייער מיה · דען ווייניגער פון טויזנד רובעל וועט זעלבסט ה' לוסטמאן אוך ניט געבין ·

II. 3. דיא דריי אבענגינאנטי בריף אייערי גיפונען זיך יעצט ביא דעם הערין צווייטער צומערמאן פריישער סוחר וועלכין איך האב גימאכט פאר מיין פאוויערעניא ער וואונט אוף דער פאלגעשער שטראזע אום הויז נומער 7 צוכער נומער 4 דיזער האט פון גוט הערציגקייט אוף זיך דיא מיה גינומין צוא אום פירין דאס קליני גישעפטיל : אים מעגט איר גיטרויען דיא סומע אונ ער וועט אייך תיכף דיא בריף אפ געבין · מען קען אים טרעפין צוא הויז אלי טאג פון 5 ביז 7 נאך מיטאג :

דוד האט אפ גילייענט דעם בריף אונ איז שרעקליך אום רוהיג גיווארין :

ניט וואר דוד · זאגט דינה · אז מיר זענין ביידי פארלורין יעצט באדורך וואס דוא האסט דיא בריף ניט אפ גיהיט ביא זיך · דוד האט גישוויגין · דוא שווייגסט א דוד · זאגט ווייטער דינה מיט איין קלאגענדער שטומע · ווילסט ניט אפילו בארוהיגין מיט רייד דעם גרויסין שטורעם וואס אין מיין הארץ עם הערשט · איך זאג צום פינפטין מאל אז מיר זענין ביידי פאר לוירין · לאמיר פראבירין זיך רעטין :

דיא רעטונג איז שון פון אונז גאנץ וייט · ערווידערט ענדליך דוד גאנץ שטיל :
אוועק גיקערט · איך דענק אז דיא רעטונג איז לעבין אונז · עס בלייבט אונז נאר איבר
זיא צוא נעמין מיט דיא הענד און דאן זענין מיר שון גירעטעט :

איך פארשטייא ניט דינה . קיין רעטעניש'ן · איך רעד אפענטליך · זאגט דינה , דוא
דארפסט לוסטמאנין מייטין היינטיגין אווענד און איך וועל פאר נעמין דעם קאפיטאל
זיינעם און וועל מיט דיר אנטלופין קיין אוסלאנד :

דער פלאן גיפעלט מיר ניט ענטפערט דוד · ניט פאר געס אז אונזערי בריף זענין ביי
איין פרעמדין פארזאן אין דיא הענד · און ווער דער מענטש איז , ווייסין מיר ניט · עס קען
גאר זיין אז ער איז פון אייער הויז און דיזער וועט פאר גיווים לוערין נאך יעדין טריט
אונזערין און קום באמערקט ער וויא מיר ווילין דעם פלאן אום פירין אזו מעלדעט ער דאס
באלד לוסטמאנין אדר אין דער פאליציייא · מיר מוזען פריער זעהן ארום צוא באקומין דיא
בריף און נאך דעם וועלין מיר דיין פלאן אום פירין ·

וויא זשע זאלין מיר נעמין אים טוזינד רובעל צוא געבין , פרעגט דינה · אבוואל
לוסטמאן איז גינוג רייך , דאך ווייסטו אז איך אליין בין גאנץ ארעם · צוא זיין קאסי האב
איך קיין צוא טרעט ניט · קיין טשעקין אויף מיין נאמען , פון דעם קאפיטאל וואס ער
האלט אין באנק · האב איך ניט און פאדערין ביי אים אזא גרויסי סומע קען איך דאך
ניט · איך וועל זעהן באקומען דיא סומע · ענטפערט דוד , איך האב איין אום זיכט אויף
איינעם ער איז איין מעקלער פון הייזער און האט קענטשאפט מיט דיא גרעסטי פון
קירבעוו וועט ער מיר דיא טובה טאן צוא לייען פון מיינעט וועגין דיא סומע אויף איין אכט
טאג דאס הייסט ביז מיר וועלין לוסטמאנין טייטין :

10

דער שטילער גנב , אדער אפעריסט ,

גנבים טיילען זיך איין אין פיר כתות אדער ראזראדין נעמליך · קעשעניקעס , מארק
גנבים , שטוב גנבים און שטילי אדר היימעשי גנבים · קעשעניקעס הייסין זאלכי וואס
קריכין בפשוט אין פרעמדי קעשענים ארין און שום צערעמאניעס . זייא קלובין ניט איבר
צוא ביי איין רייכער דאמי · צוא ביי איין ארימער יודעני · צוא ביי איין רייכין הערין
אדער ביי איין ארימען יודען . זייא דארפין דאס ניט ווייסין , אבי זייא זעהן נאר איין
קעשעני דארפין זייא אהין ארין לייגין דיא האנד . טרעפין זייא דארטין אפארטמעני מיט
געלד איז מה טוב . טרעפין זייא אפארטמעני אן געלד · איז אויך קיין אום גליק . פר
קופין זייא דעם פארטמעני האבין זיי אויף איין פארטהע פון אים ; טרעפין זייא נאר דארטין
איין נאז טיכעל . פאר קופין זייא דאס פאר אדרייא פיר קאפעקין און האבין אויף אהאלב
ברוט זיך צוא קופין . טרעפין זייא דארטין גאר ניט ווערין זייא אויך ניט ביי זיך פאר
שעמט · ווארין זייא זענין שון דער צוא גיוואונט אין דיא שלעכטי צייטין . אזעלכי רייט
איעדער אז זייא זענין גנבים דען מען דער קענט זייא אין גאנג : אין זייערי אפ גיריסעני
קליידער און אין זייערי אראפ גילאזטי הענד . זייא גיפונין זיך אם מערסטין נאר אויף דיא
ערטער וויא עס איז איין גרויסער פובליקום פערזאן צום ביישפיל . ביי איין פאזשאר · ביי
אריכין פאכאר ביי איין מאניעוור און אזו ווייטער . צוא דיזע קעשעניקעס גיהערין ניט
נאר מענער אליין נאר אויך פרויען צוא אונזערי שאנדי · און גראדי אזעלכי פרויען וועלכי
ווייזין אום אויף דיא גיזיכטער און פון זייערי רייד פאר פרומע גבאיתעם · וויינין העכער

פון אלי ביא דעם ונתנה תוקף אין שול: גיסין מיט טייכין טרערין ביא דיא ליכט בענטשין פאר כל נדרי קוועטשין דיא אויגין ביא דיא קנייטליך ליגין אונ עס קומערט זייא נ ט ארום צוא שלעפין ביא איין ארימער בעל הביתתי דעם לעצטין רובעל וואס זיא טראגט טראגט דאס אין מארק אום צוא איין קויפין אוף שבת אונ באלד טאקי זעהן זייא דיא נעמליכי ארימע יודעני ארום לויפין אין מארק · ברעכט מיט דיא הענד · רייסט זיך ביא דעם קאפ · גיסט מיט זידיגע טרערין אונ שרייט אונ יאמערט אוף דעם לעצטין רובעל וואס מען האט ביא איר ארוס גישלעפט אוף וועלכין זיא האט דיא גאנצי וואך זיך גימאטערט ביז זיא האט אים פארדינט :

מארק גנבים הייסין נאר זאלכי וועלכי גנבינן אין דיא מארקין פון דיא וועגין אראפ ז צום ביי שפיל אין איין זונטאג ווען עס פארין זיך צוא גויף פיל פויערין פון דיא דערפער · מיט זייערי וועגין סחורות · גרינוואַרג אדר מאלאטשני · קלויבין זייא זיך ארום דיא וועגין אונ אלס זייא זעהן וויא דער בויער האט שון אפ גילאזט באלד פאר זיין סחורה שטולין זייא דאס געלד ביא אים אוועק ווייל ער האלט דאס אוף דעם וואגין נאר פאר שטייט זיך אז ניט תמיד גליקט זייא צוא באקומין אזא גניבה · דרום באגניגין זייא זיך אויך מיט וואס זייא קאנין אראפ חאפין פון דעם וואגין · איין אלטין פעלץ · איין סוויטע · איין זאק · מיט איינעם ווארט אבי ניט ליידיג אוועק גיין פון דעם מארק אזעלכי לייט קאן ניט יעדעריר דער קענין אז זייא זענין גנבים ווייל זייא גייען בעל הביתעש גיקליידעט אום דער פויער זאל אוף זייא קיין פאר דאכט ניט האבין צוא זייא גיהערין נאר מענער אליין · פרויען גאר ניט · דיזע כתה האבין איין פארבינדונג אויך מיט דיא קעשעניקעס :

שטוב גנבים הייסין זאלכי וואס קריכין דורך דיא פענסטער ביא נאכט אין פרעמדי שטיבער ארין אונ באגנבינין · רייסין מאנכי מאל אוף שלעסיר פון טירען אונ טאן אמאל אפ רציחות אויך · דאס הייסט ווען מען שטערט זייא אין דער גניבה · זייא טראגין מיט זיך שטענדיג ווען זייא גייען גנבינין איין מעסער · איין לאן אונ איין שטריק דאס באטייט אז זייא זענין ספאסאבני צוא קולין · צוא קעקערין דעם מוח אונ צוא בינדין דעם וואס וועט זייא אפ האלטין פון ניט צוא גנבינען זייער ארבייט איז נאר ביא נאכט אום מערסטין מאנכי גייען אויך ביא טאג גנבינין צוא זייא גיהערין בלויז מענער אום מערסטין באווייבטי וועלכי פירין איין פאמיליען לעבין וויא יוסטע בעלי בתים לעבין אין ראסקאש נאר פון גניבה אונ רציחה · דיזע כתה גיהערין זיך ניט מיט דיא ערשטי צווייא כתות אונ דרום אנטלופט דיא כתה פון יעני אימער וויל זיך קיין מאל מיט זייא באגעגנין ·

שטילי אדר היימעשי גנבים זענין צוואר וויא איין כתה גירעכענט דען ביידי גנבינין אונ דער באגנביתער זאל אזו גיך זיך ניט ארום קוקין אז ער איז באשטולין דאך וועלין מיר זייא טיילין אוף צווייא באזונדערי ראזראדין ווייל זייא גנבינין אוף צווייא פארשידעני ארטין · היימישע גנבים הייסין אזאלכי וואס האלטין זיך אוף גוט פריינד שאפט מיט איין פאמיליע זייא וואונין דארטין אדר גייען אהין אפט ארין אונ קוקין אום וויא עס ליגט דער קאפיטאל אדער צירונג אונ דאן באקומין זייא איין שליסעל שליסין אוף דעם קאסטין אדער דעם שיפלאד פון דער קאמאדי גנבינין ארום וואס זייא נוצט אונ פאר שליסין צוא ריק אזעלכי גנבים זענין העכסט שעדליכע , פאר זייא דארף זיך דער ערענטליכער מאן שטארק היטין נאר ניט איטליכער קאן זיך פאר זייא איין היטין · ווייל קיין שלאס איז פאר זייא ניט באווארענט אונ ניט איטליכר פאר שטייט אז זייא זענין גנבים · דאס קען נאר פאר שטיין איין קליג אונ פון מענטשין · דיזע לייט זענין אפענבאר וויא דיא ערליכסטי מענטשין · העלפין פאטשין איין גנב ווען מען חאפט אים אין הויף · שלעפין אליין איין קעשעניק אין פאליציא ארין ווען זייא דער וויסין אים ביא איין קעשעני מסרין שטענדיג דיא מארק

גנבים

גנבים ביא דיא וועגין אונז אליין שטולין זיא אויף שטילער וויזי אונ זענין אויף זיך קיין מבינים ניט · צוא זייא גיהערין מענער מיט פרויען :

שטילי גנבים הייסין אזעלכי וואס באטראגין יענעם אויף ערליכער וויזי · אונ דרום רופט מען זייא אויך · אפעריסטין (פון דיא פאר ווערטער · אפ (אויף) עהרע) דאס הייסט זייא נארין יענעם אפ אויף ערליכער וויזי אונ יענער טרויעט זיך איין אין זייא · וויל זייא שטעלין זיך פאר עהרע לייט גייען ראסקאשני גיקליידעט וויא דיא גרעסטי אריסטאקראטין · זייער באטריג איז פארשידין · מאנכי נארין נאר אפ מיט קליינינקייטין · למשל · מיט איין מעשין רינגעל פאר איין גאלדענם · אדר איין מעשין קייטיל אדר ציגערני לעפיל פאר זילבערני נאר צווישין זייא איז אויך פעראן גרויסי אפעריסטין וואס נארין אום גרויסי סומען געלד מיט זייערי אפערעס אונ דרום רופין מיר זייא שטילי גנבים וויל ביא אונז קומט אום אזוי אפ נארין יענעם אדר באגנבינין יענעם איז אלם איינם · צוא דר לעצטער כיתה האט אויך גיקערט הערמאן אונזער אלט באקאנטער העלד פון דעם ראמאן · הערמאן איז אליין גיבוירין אום דאסי אין דעם יאר 1830 ער וואר איין איינציגער ביא זייני עלטערין · דער פאטער זייגער וואר ניט קיין בעל מלאכה · אויך ניט קיין סוחר נאר איין פשיטער זוליק · ער פלעגט שטענדיג ארום טראגין איין קארב מיט פיאנם אונ דאס אום שפילען אין גאס מאכי תיכף וויא מען האט ביא אים איין נומער גינומען גיקאסט האט נאר איין נומער ביא אים אויף אזאך 10 קאפייקין דרום האט יעדער זאלכי נומערין גיצוגין נאר פאר שטיט זיך אז מען האט קיין מאל ניט גיווינען ביא אים · וויל דיא גרויסי נומערין האט ער אימער באהאלטין אין הארביל אונ אלם איינער פלעגט ביא אים שון פארשפילין ביז 3 רוביל הט ער אים אזאלכין נומער אונטער גיווארפין אונ האט גיווינין איין סאכארניצי פאר 20 קאפייקין · אדר איין טשייניק פאר איין האלבין רוביל · דאס האט שון גיהייסין פון אים אחסד · נאר גיוויינליך האט ער דאס באוויזין ניט אום מיטלייד צוא יענעם נארין · זאנדערין אום צוא ציהען מער מענטשין אויף צוא שפילין · ער פלעגט שון האבין זייני באקאנטי צוא וועלכי ער פלעגט אונטער געבין גרויסי נומערין אונ זייא האבין תיכף גיווינין גרויסי זאכין אום מער חשק איין צוא געבין דער מיט דעם פעביל וואס פלעגט זיך פאר זאמלין ארום זיין קארב · פון דעם גישעפט האט ער גאנץ רייך גילעבט פיל יארין ביז דיא פאליצייא איז גיוואר גיווארין פון דעם אבמאן אונ האט ביא אים אוועק גינומען דעם קארב אונ אים איין גיזעצט אויף איאר אין אסטראג : דאמאלס ווען ער איז פון דעם אסטראג ארום איז שון הערמאן אלט גיוועזין 20 יאר · אונ פיל שלעכטער אום גיוואקסין וויא דער פאטער · יעצט האט דיא פאמיליע זיך גינומען קלערין וואס מען זאל טאן אונ עס זאל זיין פון וואנין צוא לעבין · דיא מוטער האט גיגעבין איר פלאן אז מען זאל זיך מאכין איין שפייז קלעטיל · נאר אויף דעם פלאן האבין ביידי (דער פאטער מיטין זון) איר אום גילייכט · איך וועל דיר איין בעסערי עצה געבין טאטי האט הערמאן זיך אפ גירופין , לאביר ביידי ווערין אפעריסטין · דוא וועסט יענעם פאר קויפין אונ איך וועל שטענדיג זיין ביא דיר דער מבין וואס וועל שאצין וויפיל דיא זאך האט דיא ווערט · דעם פלאן האט דער פאטער אן גיחאפט מיט ביידי הענד · דען איין אפעריסט צוא זיין איז איין גרינגי פרנסה מען קען מיט איין מאל פארדינין אהונדערטער אונ נאך מער · דאס איז נאך בעסער וויא זיין פריערדיגער לאטעריא · אונ אלזא איז דער פאטער מיטין זון גיווארין אפעריסטין · דער גישעפט איז זייא גוט גיגאנגין איין גאנץ יאר אונ פילייכט נאך ווייטער ווען ניט דיא סבה וואס האט זיך זייא גימאכט · דער פאטער איז אמאל אין איין אוונד אהיים גיקומין גוט בארושט · ער האט זיך גישטעלט צאנקין מיט זיין פרוי דיזע האט אים ניט פארשוויגין אונ האט אים אקעגין גיענפערט · דאס האט אים פארדראסין איז ער אין כעס צוא איר צוא

גילאפין

גילאפין אונ איר אפ גיביסען דיא גאנצי נאז . דיא אום גליקליכי פרוי איז אין דעם אווענד גישטארבין , אונ דעם פאטער הערמאנס האט מען אוועק גישיקט אין סיביר אויף עוויג צוא ארבייטין קאטארזשני · הערמאן האט מער אין דאסי ניט גיקענט בלייבין ווייל ער האט זיך גישעמט איז ער אוועק אהער אין קירכעוו . אונ דא האט אים גיראטין דיא געמליכי אפערים צוא שפילין וויא אין דער היים . ער האט נאך איין גניבה אויף גיטאן דאס ער האט אוועק גישטולין אויף דעם באהן עטליכע מיילין פון קירכעוו לוסטמאנס זאהן אונ דאדורך האט ער שון צוא ריק אין קירכעוו ניט גיקאנט קומען באלד · ער האט איאר 15 אום גיוואנדערט אין רוסלאנד אין דער צייט האט ער צוויא מאל שון גיהייראטעט נאר ביידי מאל זענין אים דיא פרויען גישטארבין אן קינדער אים צוא לאזין :

יעצט זעהן מיר אים צוא ריק אין קירכעוו אונ ווייסין אז ער איז איין אפעריסט נאר גיזעהן זייני קינצין האבין מיר נאך ניט אונ דרום וועלין מיר זיך פלייסין זייני אפערים אדער זייני שטיקלע גניבות ארום צו שטעלין אין דיזען אונ אויך אין דיא נאכסטי קאפיטליך :

דיא נאכט איז פאר שווינדין אונ דער טאג איז גיקומען . דיא זון האט ערשט באשטיגן דעם הימעל גאריזאנט אויף וועלכין זיא דארף אפ לויפין אין איין משך פון 14 שטונדין 21 טוזינד ווערסט צוא מעריב זייט . הערמאן פון באגינען אן שטייט אין גאס פיליימט וועט זיך אים טרעפין איין פארדינסטיל שלעכט , רעט ער צוא זיך קוקענד מיט זייני קאצעני אויגין אויף אלי פערביא גייהענדי מענטשין . דער קאפ ווערט מיר שיער ניט צוא דולד . איך ברוך השם צוא האבין 10 רוביל גאנץ גייטיג · אונ איך זאל קענין דינגין צוויא צומערין פאר מיין נייע אפערע וואס איך דארף אויף סטרויען חלילה אז איך פארדין דם היינט ניט בין איך אום גליקליך . שא , ווער גייט דארט עפעס מיט איין טשאמאדאן . איאלד חלעבין , בראווא , אט דא דאכט מיר וועל איך באלד שון געלד פארדינין . אונ דאס אפ רייהענד האט ער זיך אים גילאזט אקעגין גיין · דיזער איז ווירקליך גיוועזין איאלד איין יונגער מאן . קיין בארד האט נאך ניט גישפראצט אונ דאך האט ער שון גיטראגין אונטער זיין קארטיז איין יארמילקע וואס דאס באווייזט אז ער איז שון איין באווייבטער . זיין אנציג איז באשטאנין פון איין לאנגי טוכעני קאפאטי אונ דיא ווייסי תחתונים אריין גישטעקט אין קארעני זאקין אויף וועלכי עס ווארין שיך אן גיטאן . אין איין האנד האט ער גיטראגין איין קליינעם טשאמאדאן אונ אין דער אנדערער האנד איין שטעקין . הערמאן איז צוא אים צוא גיגאנגין אונ פרעגט אים . יונגער מאן ווייסט איר ניט וויא מען גייט אין שול גאס אריין , ניין איך וויים ניט ענפערט דער יונגער מאן איך קום ערשט אן דעם ערשטין מאל אין קירכעוו . הערמאן איז פון אים אוועק גיגאנגין , אונ מיט איינינע מינוטין שפעטער האט ער זיך צוא ריק גיקערט · אונ האט דער יאגט דעם יונגין מאן . אונ אלס ער אים איבער גילאפין האט ער זיך אראפ גיבוגין אויף דער ערד אונ האט עפעס אויף גהובין אונ זיך גישטעלט אין איין זייט דאס צוא באטראכטין . דאס וואר איין מעשענער גראנאטיר · איין שפילקי מיט איין פאר אורונג . יחדו , יחדו , האט גישריגין דער יונגער מאן צוא לופענדיג צום אפעריסט וואס יחדו , ווער יחדו · ענפערט הערמאן אוועק לופענדיג פון אים . דער יונגער מאן האט אים אן גיחאפט פאר דער האנד אונ גישריגין . וואס הייסט איר ווייסט גאר ניט דיא טייטש פון דעם ווארט , איר זענט דאך איין יוד , יחדו איז דיא טייטש אז איך האב אויך איין חלק אין דעם · ווער , איר האט איין חלק . ערוויעדערט הערמאן , איך הער אייך וויא טרייטעלם קאטער :

וואס הייסט איר הערט מיך ניט , איך האב דאך אבער גיזעהן וויא איר האט דאס אויף גיהובין :

אז איר האט גיזעהן , זאגט זשע מיר וואס האב איך אויף גיהובין :

איך ווייס ניט . איך האב ניט צייט געהאט דאס צוא באטראכטען :

אז איר ווייסט יא ניט . קישט זשע מיר זייט מוחל אין דיא פיאטעס אונ עס קומט אייך קיין חלק ניט . ערוויעדערט הערמאן אוועק גייענדיג פון אים :

ניין ניין , הערט איר רעב יוד איך לאז אייך ניט אפ שרייט דער יונגער מאן נאך אים . איך שווער אייך באמונה שלי אז איך האב געזעהן וויא איר האט עפעס אויף געהובין לעבין מיינע פיס . דרום מוזט איר מיר געבין חלק על פי דין . אונ עס קען גאר זיין אז אין מיין מזל האט איר דיא זאך אויף גהובין . איין קשיא אויף איין מעשה הא . הערמאן האט אביסיל געטראכט נאך דעם רופט ער זיך אפ . איר האט רעכט רעב קרוב . אז איר שווערט אייך אז איר האט געזעהן וויא איך האב עפעס אויף געהובין גלויב איך אייך קומט זייט מוחל מיט מיר אין איין זייט וועלין מיר ביידע דיא זאך באטראכטין , אונ אוב דאס האט דיא ווערט געלד וועלין מיר זיך שון יאקאש אום גלייכין . ביידע זענין אוועק געגאנגין אין איין זייט :

נוא וואס זאגט איר יונגער מאן . איז דאס , פרעגט הערמאן ווייזענדיג אים דעם גראנאטור אין זיין האנד . ווייס איך , מיר דאכט אז דאס איז אפראסט שטיקעל מעש :

אפראסט שטיקעל מעש זאגט איר , אוב אזוי נאט אייך 10 קאפייקין פאר אייער חלקי אונ זאל דאס שטיקעל מעש בלייבין ביא מיר . איך וועל אייך בעסער געבין צעהן קאפיקעס , זאגט דער יונגער מאן . אונ זאל דאס בלייבין ביא מיר :

איר זענט צוא פיל קליג , ענטפערט הערמאן , איר רעכענט אייך אז נאר דיא גמרא קעפליך האבין שכל אונ דיא דייטשין גאר ניט . ווייסט זשע יונגער מאן אז איר האט ניט דער טאפט קיין פריץ . איך האב נאך אזוי פיל שכל וויא איר פאר שטייט איר מיך . חלילה חלילה , פאר ענטפערט זיך דער יונגער מאן , זאל מיך גאט שטראפין אוב איך מיין דאס ביא אייך אום צוא נארין , איך זאג דאס גלאט אקעגין דעם . דיא קשיא , אוך דיא אייגעני מעשה אז איך וועל ביא אייך נעמין 10 קאפיקעס וועלין זייא דאך באלד צוא קראכין ווערין . וויל איך דאס בעסער ביא אייך אום קופין אונ אם ירצה השם אז איך וועל אהיים פארין וועל איך דאס ברענגין מיין זונדעלי זאל לעבין וועט ער זיך האבין מיט וואס צו שפילען :

אונ איך זאג נאר אנדערש , זאגט הערמאן . אז איך וועל ביא אייך נעמין דער פאר 10 קאפייקין וועלין זייא דאך באלד צוא קראכין ווערין . וועל איך בעסער אייך ארויס צאלין דיא עטליכע קאפייקין אונ איך וועל דאס פאר קופין נאך דעם פאר 50 אדער הונדערט רובּיל . וואס רעט איר רעב יוד , אזוי פיל האט דאס דען דיא ווערט :

איך בין מער מבין פון אייך , אז איך זאג מסתמא ווייס איך :

וואס זשע איז דאס אחנם . וואס זאל דאס זיין , דאס איז געלד . ווער זעהט דאס ניט :

איך גלייב דאס ניט , זאגט דער יונגער מאן . מיר דאכט אז דס איז נאר אפ געגאלדעט . וואס דארפין מיר זיך שפארין , ערוויעדערט הערמאן . לאמיר זיך אן פרעגין ביא מענטשין . אט גייט איין גאנץ רייכער מאן וואס ער איז מסתמא איין מבין אויף געלד וועלין מיר אים דאס פרעגין :

דיא אפעריסטין . וויא עס איז באקאנט . גייען קיין מאל ניט אין גאס אן חברות אונ דרום איז הערמאן היינט אוך ניט אליין געוועזין אין גאס . דען דער רייכער מאן אויף וועלכין הערמאן האט אן געוויזין דעם יונגין מאן וואר אוך אזא אפעריסט וויא ער . ער וואר גאנץ ריין געקליידעט מיט לאנגע לאקין האר אויף דיא אויגין איין בלויען פאנסנע . אויף דעם הויפט איין צוקענעדער הוט אונ דיא בארד אין דער מיט אום רעזירט . דיזער איז פארביא געגאנגין לעבין דיא ביידע פארזאנין גאנץ שנעל אונ פאר טראכט . הערמאן האט אים אפ געשטעלט אונ אראפ גענומען פאר אים זיין הוט . דער יונגער מאן האט אוך דאס נעמליכע געטאן אונ

איז

איז געבליבען שטיין אין דר יארמילקי • ליבר הער זאגט הערמאן • נעמט ניט אן פר אומגוט וואס מיר באמיהען אייך אונבאקאנטער ווייזע • מיר זענין ביידי פראסטי מענטשין וואס פאר שטייען ניט אוף קיין גאלד דרום ווילין מיר דאס ביא אייך פרעגין אוב דער גראנאטיר איז פון גאלד אדער מעש •

דער רייכער מאן האט דאס גינומען באטראכטין • האט דאס גיוויזט מיט זיין נאז טיבעל נאך דעם האט ער דאס הערמאנין צוריק גיגעבין זאגענד • דער גראנאטור איז פון ריין רענדיל גאלד גיארבייט • אונ וויא פיל האט דאס דיא ווערט , האט דער יונגער מאן מיט פרייד גיפרעגט • פאר איין סוחר האט דאס דיא ווערט 50 רוביל , אונ פאר איין קונה האט דאס דיא ווערט ביז הונדערט רוביל • אוך איר ווילט דאס פאר קופין • קאן איך זיין דער סוחר אונ אייך תיכף באצאלין 50 רוביל , ווילט איר דאס , נאט אייך שון געלד :

וויא זאגט איר יונגער מאן , זאלין מיר דאס פר קויפין פאר דער פרייז , פרעגט הערמאן. וויים איך , דאס איז זייער איין קליינע פרייז • אפשר וועט אונז איין אנדערר מער געבין:

קורץ גירעט • זאגט דער רייכער מאן • איך האב קיין צייט ניט מיט אייך צוא שטיין: ווילט איר 50 רוביל נאט אייך שון :

ניין , ענטפערט דער יונגער מאן 50 רוביל איז ווייניג , גיבט אונז הונדערט רוביל :

ניין מער גיב איך ניט רופט זיך אפ דער רייכער מאן: אונ איז תיכף פאר שווינדין גיווארין • זאל ער גיין צום רוח , זאגט דער יונגער מאן. לאמיר אריין גיין צוא איין ברילאנטשיק וועלין מיר האבין איין הונדערטער דער פאר :

ניין רופט זיך אפ הערמאן , איך האב קיין צייט ניט מיט אייך ארום צוא גיין זוכין ברילאנטשיקעס • איך וואלט אייך איין אנדערי עצה גיגעבין , אז איר זאלט דאס בעסער פאר זיך דער האלטין מאכטייסי פאר וואס דען ניט , זאל אייער ווייב האבין איין רעכט שטיקעל צורונג וועז איך זאל זיין איין באוויבטער וואלט איך אייך ארום גיצאלט איין פופציגער אונ וואלט דאס זיך צוא גינומען :

איר האט חלעבין זייער רעכט , זאגט דער יונגער מאן מיין ווייב וואלט זיך אוודאי שטארק משמח גיוועזין מיט דעם צורונג , נאר וויא זאל איך אבער אייך נעמין איין פופציגער ארום צוא צאלין :

ווייסט איר וואס , ענטפערט הערמאן • אזוי וויא איך האב קיין צייט ניט דא צוא שטיין מיט אייך • גיבט מיר א 25 גער בלייבט ביא אייך דער גראנטור :

איך וועל אייך געבין איין צענעריל (10 רו"כ) :

קישט מיך אין דיא פיאטעס , איר מיינט אז איך האב שון גאר קיין שכל ניט :

איך האב דאך אבער מער ניט :

אז איר האט ניט דארף מען ניט , גייט אייך גיזונטער הייט :

נוא אין דעם גראנאטור • דער גראנאטור בלייבט ביא מיר ענטפערט הערמאן מיט איין שמייכיל • שטייטש איך האב דאך חלק אין דעם אבר :

נוא וועט איר מיך גיין לאדין צום רב :

האט דאך גאט אין הארצין בעט זיך דער יונגער מאן • איר זענט דאך איין יוד • מעג מען אזא עולה טאן איין יודען :

איר צווינגט דאך מיך אליין צוא דער עולה איך זאל טאן • איך וויל זיך אייך ניט אבידזין • גיבט מיר דעם 25 גער אונ נאט אייך דעם גראנאטיר :

באמונה שלי אז איך האב ניט קיין 25 גער • זאגט דער יונגער מאן • נאט אייך 15 רוביל אונ גוט דאס אהער :

גיין ווייניגער איין קאפיקע ניט • דער יונגער מאן האט ארום גינומין פון בוזעם איין

קליינים

קליינעם געלד בייטיל אונ דם אוף עפענדיג זאגט ער צום אפעריסט . זעהט רעב קרוב איך האב מער ניט וויא דיא צוויי צענערליך . נעמט זיי אייך אוועק איך שווער אייך אוף מיין ווארט אז מיר שטעלט זיך ניט אפ אפילו אוף קיין איבער בייסין . אז איין יוד שווערט זיך דארף מען אים גלויבין . ערוויעדערט העררמאן . אונ דאס ריידענדיג האט ער דעם יונגין מאן אוועק גיגעבין דעם גראנאטיר אונ פון אים צוא גינומען דיא לעצטי צוואנציג רוביל :

ביידי זענין גאנץ צוא פרידין אונ פריילאך זיך צוא לאפין אין זייערי וועגין וויא אהין זייא האבין גידארפט צוא גיין . ביא ווען דער פרייד האט מער גידוערט , צוא ביא דעם אפעריסט , אדר ביא דעם יונגין מאן . ווילין מיר ניט דעם לעזער ערקלערין וייל ער קאן דאס פון זעלבסט פאר שטיין :

אין עניגי מינוטין שפעטער זעהן מיר וויא העררמאן באגעגונט זיך מיט דעם פאריגין רייכין מאן וועלכער האט תחלת גישאצט דעם גראנאטור אין הונדערט רו"כ . אונ טיילט זיך מיט אים איין מיט דיא צוואנציג רוביל אוף העלפט :

11

פארטזעטצונג פון 10 טען קאפיטעל ,

דער שטילער גנב אדער אפעריסט ,

קענין מיטאג . זעהן מיר וויא העררמאן זיצט אין זיין צומער גאנץ בריט אויף איין שטיל האלט איין אוונד בלאט אין האנד אונ ליינט אין דעם פאלגענדעס . 25 רוביל גיבט מען דעם מענטשין וואס וועט צוא שטעלין אין האטעל בינא אין נומער 7 איין פארטפעל פון רוסיש רוט לעדער אין וועלכין עס איז גילעגין דרייא בריף אוף רוססעשע שפרייבי גישריבין אונ וועלכין מען האט דאס פארלורין געסטערין אין אוונד אין „שטאט טהעאטער„ אין זאל אדר אוף דעם קארידאר :

חע , חע , חע , לאכט העררמאן צוא זיך . (פאר שטייט זיך אז דוד) מעג אפילו שון צוא זאגין הונדערט רוביל וועט דאס אוך קיינער ניט צוא שטעלין . איך דענק אז אצונד דארף שון זיין איין נוטער ראספאלאך (בהלה) ביא דיא צוויא ליבענדי דינה האט מסתמא נאך געסטערין איבר גילעזין דעם בריף מיינעם וועלכין איך האב צוא איר אריין גישיקט מיט איין פאסילגע . איך גלייב אז זיא וועט זיך ניט לאנג לאזין בעטין אונ וועט מיר אריין ברענגין דיא טויזנד רוביל אוף דעם קוואטיר וויא איך האב היינט גידינגין אונטער דעם נאמען צומערמאן . אונ דאן וועל איך ערשט דיא בריף איבער געבין לוסטמאנן אונ פון אים אוך באקומען אזא סומע אט דאס וועט היסין איין אפערע אפ גיטאן :

אין דעם האט דיא טיר זיך גיעפענט אונ דוד איז אריין גיקומען . העררמאן איז שטארק אונ צו פרידין גיוועזין פון דעם אום גירעכטין גאסט . דאך האט ער אים גיוויזין איין פריינדליך גיזיכט . אייער יעצטיגער וויזיט . וויא אוך אלי וויזיטין אייערי מאכט מיר איין גרוסי עהרע יונגער מענטש . זאגט העררמאן מיט איין שמייכיל . נאר אזו אונמיטהיג אונ צו טראגין זענט איר צו מיר קיין מאל ניט גיקומין קאן איך פרעגין דיא פריטשיני פון דעם :

די פריטשינע דר פון איז . ענטפערט דוד מיט איין זיפץ . דער אום גירעכטיר אום גליק :

גאט , וואס פאר איין אום גליק האט אייך דען גיטראפין :

ליידער . זייער איין ביטערער אום גליק . זאגט דוד . אונ וויא דער שטייגער איז . ווען יעמאנדין איין אום גליק טרעפט גייט ער צוא זיין פריינד מיט דעם האפנונג פון אים

הילף

הילף צוא באקומין אונ דאס טוא איך אוך יעצט . איר זענט דער איינצעלנער פריינד מיינער דא אין קירכעוו אונ נון בין איך צוא אייך גיקומען מיט דעם זעלבין האפנונג וואס אלי נידער גישלאגעני קומען צוא זייערי פריינד . איך דאנק אייך זייער ליבער דוד . ערווידערט הערמאן פאר אייער צוא טרויען צוא מיר . איך גלויב אז אייער אום גליק באשטייט אין דעם וואס מען האט ביי אייך . געסטערין דעם פארטפעל גישטולין . ווען אזוא האט איר דאך ניט וואס צו בעאונרוהיגין דען איר האט דאך ערשט דאס אביאוויט אין צייטונג אונ מעגליך איז אז דער גנב וועט פון דעם זיך וויסין וועט ער אייך תיכף אפ ברענגין דיא בריף :

א ער וועט שון ניט אפ ברענגין . קלאגט דוד . ער האט דאס מיר אנגימעלדעט שון זאגאר . אז איך וועל אים ביז מיטוואך ניט אריין שיקין טויזנד רוביל וועט ער באנוצין דיא בריף מיך אום גליקליך צוא מאכין מיט זייא . א רעטעט מיך ליבער פריינד . איך שטייא אין איין גרוס גיפאר יעצט . קוים גיב איך אים ניט דיא סומע גייא איך אוף עוויג אוועק אוף קאטארזשנע צוא ארבייטין :

א הימעל . שרייט הערמאן אוס . אין אזעלכין גיפאר שטייט איר :

יא אין אזאלכין גיפאר . וואס זאל דאס באטייטין . פרעגט הערמאן :

אך פרעגט מיך ניט ליבער פריינד . איך קאן אים יעצט פאר קיין מענטשין ניט דער ציילין ביז איך וועל פון אים (פון זיין אום גליק) גירעטעט ווערין . א ליבער הערמאן . בעסטער פריינד מיינער . איר זענט באקאנט מיט דיא גרעסטי בעלי בתים פון קירכעוו טוט מיר דיא טובה לייט מיר אוף אייער פארוטשעניע ביי זייא טויזנד רוביל אוף 8 טאג נאר ביז איך וועל איין שטעלע באקומין . איך באשטייא אוף דעם גרעסטין פראצענט צוא צאלין אבי איך זאל מיר מיין לעבין מיט מיין פרייהייט אום קופין :

ליבער דוד . ערווידערט הערמאן אין דער טיעפי פון מיין הארץ רירט אן דער אום גליק אייערער . אונ וויא גליקליך איך מעכטי מיך שאצין ווען איך וואלט אייך דיא טובה גיקענט טאן . גלייבט מיר בעסטער פריינד אין נאמין אונזער וואהרי פריינדשאפט שווער איך אייך אז ווען איך זאל ביי זיך האבין דעם קאפיטאל וואלט איך אייך דאס תיכף אוועק גיגעבין . ליידער אבער ניט נאר אזא סומע האב איך . נאר אפילו איין אום זיבט וויא דאס צוא לייען האב איך אוך ניט . ווייל איך בין יעצט זייער גימיין וועט מיר קיינער אזא גרויסי סומע ניט גיטרויען נאר מיין עצה וואלט גיוועזין ליבער דוד אזוי וויא איר שוועבט אין איין ביטערין אום גליק זאלט איר אריבער גיין צוא לוסטמאנס פרוי דיא אמאליגע גיליבטע אייערי . פיליכט וועט זיא אייך קענין דיא סומע לייען :

איך בין שון ביי איר גיוועזין . ענטפערט דוד אונ זיא האט מיר גישוואורין אז זיא האט ניט אין איר מאכט אזא גרויסין קאפיטאל . א וויי וויא . עס קומט מיר אויס נאר זעלבסט איין מיתה זיך אן צוא טאן :

דוד האט פאר שטעלט זיין גיזיכט מיט ביידי הענד אונ האט זיך ביטער צו וויינט . הערמאן האט עניגע מינוטין גיטראכט נאך דעם רופט ער זיך אפ . הערט אום ליבער דוד מיאש זיין דארפט איר אייך ניט . דאס גלייכין וויינין אונ קלאגן פאסט נאר פאר איין פרוי . דען דער מיט וועט איר אייך ניט רעטין . איר האט נאר סראק צוויא טעג . היינט אונ מארגין דרום דארפט איר אייך ווארפין אוף אלי זייטין . ארבייטין מיט ענערגיע אונ ניט אראפ פאלין ביי זיך . ווען דינה האט אייך ערקלערט אז זיא האט גיט אין אירין מאכט אזא קאפיטאל דאך ווייס איך אז זיא האט אין איר רשות צורונג וואס באטרעפין אריבער דער סומע אונ דאס קען זיא אייך געבין אונ אין איר מאן זיך ניט אן צוא פרעגין :

אונ וואס קען איך מיט דעם טאן . פרעגט דוד . צוא דען קען איך מיך מיט דעם ארום

טראגין

טראגין דאס פאר זעצין · איך ווייס דאך ניט וויא עס וואונט אזא שקאנטינסט וואס זאל לייען אזעלכי גרויסי סומען :

אונ דאס ווייס איך · ענטפערט הערמאן · אוף דער קערקער שטראזי · אין הויז באליסמאן אין 2 טען נומער אין דעם דריטען עטאזש וואונט איין גאנץ ערליכער שקאנטיסט מיט דעם נאמען שמואל בימבאם · ער לייט געלד אוף אזעלכי גרויסי סומען אונ נעמט ניט קיין גרויסי פראצענטין · איך וואלט אייך נאך גיראטין אז איר זאלט זיך היינט צוא אים דורך גיין אונ זיך אן פרעגין דאס בייא אים :

דודין איז דער פלאן גיפעלין · גוט , זאגט ער אוף שטייהענדיג פון ארט ; איך וועל שון צוא אים אריבער גיין אונ אים פרעגין אוב ער וועט מיר אין שטאנד זיין צוא לייען אזא סומע געלד · יעצט וועט איר אים דאכט מיר ניט טרעפין אין דער היים ערווידערט הערמאן· דען ניט לאנג האב איך אים באגעגענט אין קלוב נאר אין איין שטונדע ארום קענט איר צוא אים גייען · ווייל וויא איך ווייס · מיטאגט ער אלי טאג פון פינף ביז זעקס אוהר :

אלס דוד איז ארום גיגאנגין פון צומער רעט הערמאן צוא זיך · אצונד אז איך וועל דיא אפערי אפ טאן מעג איך מיך מיט רעכט רופין ערשטער אפעריסט אוף דער וועלט · חע · חע , חע , עס גייט וויא גישמירט בנאמנות · איך האב גידארפט היינט האבין 10 רוביל אוף צווייא צומערין איין אדאראף צו געבין · אונטער דעם נאמען צומערמאן אויף דער פולישער גאס · אונ אונטער דעם נאמען שמואל בימבאם אוף קערקער גאס האט מיר גאט דאס באשערט · דרום גלויב איך אז ווייטער וועט מיר אוך גיראטין · דוד וועט מיר איבער געבין דם צורונג אונ וועט ניט וויסין וועמין ער גיבט דם · דען איך וועל מיך פרמאסקירין דאס גיזיכט אוך מיין שטימע איבער ענדערין אונ וועל אים אן פייפין אין דיא בריליאנטין · אט דאס וועט הייסין איין אפערי · ער וועט דער נאך גיין זיכין דעם שקאנטיסט שמואל בימבאם וועלכער וואונט גאר פון 8 טאג שון אוף דער גרובעשער גאס · אמצוה אוף אים (דודין) זאל ער וויסין דער יונגער שנעק איין אפעריסט נאך אמאל צוא נארין וועלין · ער בהאלט זיך פאר מיר מיט זיין גליק · ער וויל מיר ניט אום זאגין דעם אמת אז ער פירט אין גיהיים מיט דינהן איין ליבי אונ דענקט אין דער שטול קוסטמאנין צו ערמארדין· אונ ער מיינט אז איך ווייס דאס ניט · אך דוא יונגער שנעק · דוא אליין ווייסט ניט אזוא פיל פון דיר זאגאר · וויא פיל איך ווייס · זאג מיר לעמיל · ווייסט ווער דיך האט גיבראכט פון וויען אין פליש · ווייסט ווער דיך האט אפ גילאזט גאנץ פריא אוף פילישין מארק · ווייסט מיט וועמין דוא האסט דיך צוא ריק מיט עניגע מאנהייטין דא אין קירכעוו באקאנט · ווייסט ווער עס איז דער מאן וועלכין דוא רופסט אים אן דיין בעסטער פריינד ; ענדליך , ווייסט וועמין דוא ווילסט טייטין · איך בין גאנץ זיכער אז ניט איינס פון דיא אלי סודות ווייסטו אונ איך ווייס דאך פון אלי · אונ דאך ווילסטו מיך נארין · א לעמיל לעמיל , נאך זאלכי ראזסוושדעניעס האט הערמאן אן גיטאן זיין אויבער ראק אונ איז אוועק גיגאנגין צוא דער קערקער שטראסי אונ צוא שפילין דיא ראליע פון שקאנטיסט ·

אלס עס איז גיווארין פינף אוהר איז דוד אוועק גיגאנגין צוא דער קערקער שטראסי · ער איז צוא גיקומען צום הויז באליסמאן וויא דער שקאנטיסט שמואל בימבאם האט גיוואונט ; ער איז ארוף גיגאנגין אוף דיא טרעפ וועלכי ווארין באלד בייא דעם טויער אינווייניג · דיא טרעפ ווארין גאנץ שמאלי · אונ מיט איין דוקין שטוב באדעקט עס האט אום גיוויזין אז אוף זייא איז שון לאנג קיין פרוען האנד גילעגין · דער קארידאר וואר איין פונסטערער אזוי דאס דוד האט גימוזט מיט דיא פיס זוכין דיא טרעפ · אלס ער איז ארוף גיקומען אוף דעם דריטין עטאזש האט ער קעגין זיך גיזעהן איין פארמאכטי טיר אוף וועלכי עס וואר צוא גישלאגין איין קארדאן אונ אן גישריבין אוף דעם דיא פאר ווערטער

שמואל בימבאם · דוד האט איין שלעפ גיגעבין צוא זיך דיא טיר וועלכי האט זיך גאנץ שווער גיעפענט דורך איין מעחאניזם · אוף איין שטריק · וויא עס עפנין זיך אום ווינטער דיא טירין פון דיא פראסטי רעסטאראציעס אונ טייא הייזער · דוד האט זיך גיפונין אין איין פונסטערין צומער וויא ער האט ענדליך קענין איבר דער זעהן איין האלב אפעני טיר אונ איין זאיקיוואטע שטימע פון דארטין רופין · אאאהער · אהער גגגיים זזזייט מוחל · נאר פפפארמאכט פפפריער דיא טטטיר פון דדדרויסין : דוד האט גיפאלגט · ער האט דיא הויז טיר פאר מאכט אונ איז ארײן גיגאנגין דורך דער האלב אפעני טיר אין איין צווייטין זאל אריין אין וועלכן עס איז גיוועזין דרייא שטילין מיט איין טישעל אום גישטעלט בייא דיא צווייא פענסטער וועלכי זענין אין גאס ארוס גיגאנגין : אונ צוא צפון זייט איז גישטאנין איין שפאניע ווענטיל פונים פאל ביז אין סטעליע אונ פאר האנגין מיט איין גרינעם פארהאנג · קיין מענטש אין דעם זאל האט ער נים גיזעהן · אונ נאך טירין צוא אנדערי צומערין איז אויך נים גיוועזן · דוד האט גירעכענט אז אונטער דעם ווענטיל איז דעם שקאנטיסט שלאף צומער אונ פארמוטליך שלאפט ער יעצט דארטין · אונ ער האט זיך נים גינארט · דען באלד האט זיך ארוס גיוויזין פון אונטער דעם פארהאנג איין קאפ פון איין אלטין מאן אוף וועלכי עס איז גיוועזין אן גיטאן איין יארמילקע מיט פעדערין באדעקט איין פאר בלויע ברילין פאר שטעלט אוף דיא אוגין אונ איין לאנגי גרויע בארד :

וואס דדדארפט איר , פרעגט איין שטימע פון דעם קאפ דוזין :

איך ברויך מיך צוא זעהן מיט דעם הערין שמואל בימבאם · ערוויעדערט דוד צוא גייענדיג נהענטער צום ווענטיל · איך בבבין דאס , זאגט דער קאפ , וואאאס דדדארפט איר מיך :

איך וויל אייך פארלייגין איין גישעפט :

אאאפשר איין בבבלינד גגגישעפט · ניין , זאגט דוד ; איין כשרם :

איר ווווילט קקקופין אדר פפפאר קופין :

איך וויל ביידי נים · ערווידערט דוד · איך וויל נאר פאר זעצין מיט דעם תנאי אוף אכט טאג נאר · נאך דעם זאל איך דאס בייא אייך אום לייזין :

וואאאס פאר איין סחחורה , ברילאנטין :

אין וויפפפיל שששאצט איר זייא · אין 18 הונדערט רובל ·

אונ זזזייא זענין אאאייערי אייגגגעני . ניין :

וווועמענס דען , זייא גיהערין צוא איין דאמי פון גרוסין שטאנד נאר יעצט איז זיא שטארק נהענגט אין געלד :

יא יא , צצצונד פפפארשטייא איך שון · אונ איך ווווער האאאבין איין גגגישעפט מיט אייך אדר מממיט דער דדדאמי :

ניין , מיט מיר אליין · אונ וויפפפעל דדדארפט איר גגגעלד :

טויזנד רובל ערווידערט דוד · גגגוט , הט איר בבבייא זיך דדדיא בבבריליאנטין · ניין , איך וועל זייא אייך מארגין ברענגין · באשטעלט מיר איין צייט ווען איך זאל אייך קענין טרעפין אין דער היים :

איר זזזאלט קקקומען פון פינף בבביז זעקס פפפאר נאכט : ווען איר מממיך דא טרעפין · אונ אז איך ווווער בבבאטראכטין דיא בבבריליאנטין וועל איך אייך לייען וויפפפעל איר דדדארפט :

דוד האט זיך טיף גינייגט אונ איז אוועק גיגאנגין · אין איין פינף מינוטען שפעטער האט דער פארהאנג אין גאנצין זיך אוף גיהובין אונ אוף דער שטיל וואס ווער אונטער דעם

ווענטיל

װענטיל איז געבליבן דיא יארמילקע . מיט דיא בלויע ברילען אונ מיט דער גרויער בארד . אונ דער אפעריסט הערמאן איז פון דארטין ארוס גיגאנגין שמייכלענד צוא זיך זעלבסט :

12

באקומען דיא ברילאנטין , איין קליינער איבער שרעק ,

עס איז גיװארין האלבי נאכט . דער זייגער האט אום גישלאגין צװעלף דוד איז אװעק גיגאנגין צום חיטער אונ צוא זיינעם גרוסין ערשטוינין האט ער יעצט דעם טויער גיטראפין פאר שלאסין . װאס זאל באטייטין , פרעגט ער זיך . שטענדיג װען איך קום איז ער דאך אפען . איבריגענס האט ער ניט פיל גיקלערט אונ איז אריבער גישפרינגין דעם פארקין אונ איז בשלום אריין גיקומען אין חיטער דאס הארץ הט אין דעם יונגין מענטשין האסטיג גיקלאפט ער האט פארשטאנגין אז דורך זיין ניט פארזיכטיגקייט ביא דיא בריף האט ער אויף זיך מיט דינהן איין גיפאהר ארוף גיצוגין . אונ יעצט װעט ער איר דארפין זאגין : דינה , ניט גינוג װאס דורך מיר שװעבסטו אין גיפאר . קאן איך דיר גאר ניט העלפין דוא מוזט זיך אליין רעטין . גיב מיר אװעק דייני ברילאנטין :

אין װעלכי פארמע מיר זאלין ניט אריין געבין דיזע װערטער װעלין זייא דאך פארט מוזין פון זיין מויל ארוס גיין , אונ ער מוז איבער לעבין דיזע שאנדי . צוא בעטין געלד ביא איין פרוי זייני ליבענדי אונ אום צוא קויפין איר לעבין מיט זיינעם צוא זאמין .

דוד װען ער זאל קענין פאר זיין בלוט דיא סומע געלד באקומין . מיט װעלכי פריידין אונ פארגעניגין װאלט ער אצונד פארגאסין פאר איר ביז אין זיין לעצטין טראפין בלוט . װיא איך בין מקנא דיזע מענטשין װאס האבין דאס רעכט ביא זיך דאס לעבין אװעק צוא נעמין . רעט ער צוא זיך זעלבסט גייהענד צום פאװיליאן . אונ מיר אום גליקליכין איז דאס לײדער ניט ערלויבט . דען מיט מיינעם זעלבסט מארד װעל איך מיט שלעפין נאך איין קרבן דיא ארימע אום גליקליכי דינה װעלכי װאר ביז יעצט אום גליקליך אונטער דעם מאכט פון דעם אלטין לוסטמאן . אונ אצונד שטייט זיא דורך מיר אין גרעסטין גיפאר . קוים טייט איך מיך פאלט זיא לעבענדיג אריין אין דעם גרוב װעלכין איך האב אליין אום גיגראבין :

ער איז אריין גיקומען אין דעם פאװיליאן אונ פון דארטין הט ער גיקוקט צום פענסטער פון דינהס צומער . װיא עס האט פון דעם איין ליכט ארוס גישיינט אונ פון דיא איבריגע פענסטער װאר קיין ליכט צוא זעהן . אין עניגע מינוטען שפעטער האט ער באמערקט װיא דאס ליכט פון דעם פענסטער איז אום גילאשין גיװארין . „זיא װעט באלד קומען צוא מיר" טראכט זיך דוד זיך זעצענדיג אויף איין שטיל אונ האט ארוס גיקוקט פון דארטין אויף דעם חיטער אונ צוא באמערקין אוב דינה גייט שון . ניט מער װיא נאך דרייא מינוט הט ער דער פילט גרינגי טריט אויף דעם גראז אונ כמעט אין דער נעמליכער זעקונדע האט זיך פאר אים גיװיזין איין רייצענדער גישפענסט אין װייסי קליידער קומענד אלי מאל נעהענטער צוא אים דיזע װאר זיין ערגעבעני דינה װעלכי איז גלייך אריין גיקומען צו אים אין פאװיליאן . מיין טייערי דינה . שרייט ער אום מיט ענטצוקין אויף שטייהענדיג קעגין איר מיין טייערער דוד . ערװידערט אים דינה ארוף װארפענדיג זיך אויף זיין האלז . װיא אזו ביסטו אריין גיקומען יעצט אין חיטער , דער טויער איז דאך שון פאר שלאסין דורך לוסטמאנס באפעל װייל ער פירכטעט זיך פאר גנבים . איך בין אדיבער גישפרינגין דעם פארקין זאגט דוד :

נאר דוא האסט דאך אבער געקענט זיך איין קלאפ געבן :

דעם גרעסטן קלאפ מייני טייערי . ערווידערט דוד . וואלט מיין קערפער ניט פילין ווען איך דענק מיט דיר מייני ליבי זיך צו זעהן :

דאס זאגסטו אום ליבי . אונ אין נאמן אונזער ליבי בעט איך דיר אז דוא זאלסט מער דאס ניט טאן ווען דוא טרעפסט דעם טויער פאר שלאסן זאלסטו זיך ווענדין צום גארטין טירעל וועלכעס איך וועל לאזין מיט אבזיכט אימער אפען ווען דוא ווערסט מיט מיר זיך דארטין זעהן . זאגסטו דאס מיר צו דוד . יא זייער גערן : ענטפערט ער :

אויף עניגע מינוטין האט ביי זיא געהערשט איין פויזי דוד האט ניט געקענט געפונין א פאוואד דורך וועלכין ער זאל איר אן מעלדין קענין פון דיא בריליאנטין איהרי .

דינה האט איבער גירסין דם שווייגין . וואס הערט זיך דוד , פרעגט זיא האסטו שון באקומין איין ארט וויא דיא טויזנד רובל צו לייען :

מייני טייערי דינה , רופט ער זיך אפ . ביי וועמין קען איך עלענדער יונגע בעטין אזא סומע צו לייען . ווער קאן דאס מיר אן גיטרויען . דער איינער אום זיכט אויף דעם מעקלער איז ליידער אויך צו ניכטס גיווארין ער האט מיר נאר איין ראט גיגעבן אבער קיין געלד . וועלכי עצה האט ער דיר גיגעבן . צוואר איז זיין עצה זייער איין גלייכי נאר איך וויים אבער ניט אויב דוא ווערסט אויף איר באשטיין :

ווארום רעדן ניט . פרעגט זיא . ווען עס איז נאר מעגליך זיא אן צו נעמין אונ ווען נאר אונזערי עהרע דארף דער ביי ניט ליידין :

דוד האט איין עטוואס גישוויגין נאך דעם זאגט ער . דינה , מיין עהרע וועט דער ביי גאר ניט ליידין איך גלויב אבער אז דייני אויך ניט דען רייכטהום האט ביי דיר גאר קיין ווערט יעצט ניט דוא ביסט איבער צייגט אז מיט דעם אליין קאן דער מענטש ניט גליקליך זיין דען דוא ביסט דאך איין רייכי דאמי . דיין מאן פארמאגט 80 טויזנד רובל אונ דאך קען דאס עשירות ניט ערפרייען דיין הארץ . אזו איז דאס דינה :

אקעגין וואס זאגסטו דאס מיין ליבער :

איך זאג דאס קעגין דעם . ענטפערט ער , מיר שטייען יעצט אין איין גרויסי סכנה צו דאנקין מיין ניט פארזיכטיגקייט ביי דייני בריף . אונ ליידער איז שון מארגין דער לעצטע טאג פון דעם סראק אין וועלכין מיר דארפין דיא סומע געלד אריין טראגין אונ נאך האבין מיר זיא ניט אונ קיין אנדער אויס זיכט וויא דאס צו באקומין איז ניט דא אוסר דעם . דאס דוא זאלסט מיר געבין דייני בריליאנטין וועל איך זייא פאר זעצין אויף דער סומע אונ וועל אונז ביידי באפרייען :

דינה האט איין פאר סעקונדין גישוויגין נאך דעם רופט זיא זיך אפ ; אבוואל דיא בריליאנטין זענין אין מיין רשות נאר וויא אזוי קען איך זייא דיר אוועק געבין . וואס וועל איך ענטפערין לוסטמאנין ווען ער וועט מיך אויף זייא פרעגין :

דעם תירוץ קענסטו באלד האבין , ער קען דאך דיר נאר פרעגין דאמאלס אויף זייא ווען דוא ווערסט מיט איהם זיך דארפין דורך גיין . ווערסטו זאגין אז דוא ביסט ניט גיזונד ווערסטו זיך פארשפארין שון צו פאר פוצין . איבריגענס האבין מיר דאך דעם האפענונג פון איהם אין אפאר טעג לויז צו ווערין וועט ער במילא שוין ניט פרעגין דיר אויף דיא בריליאנטין :

גוט , ערווידערט דינה , ווארט דא אום איך קום באלד צו ריק מיט דיא בריליאנטין .

נאך צעהן מינוט איז דינה צו ריק גקומין מיט איין קליין קעסטאלי פון שווארץ האלץ מיט זילבער באלייגט אויף אלי פיר קאנטין אונ אויבין אויף דעם דעקיל וואר אום גקריצט צווייא בוכשטאבין Л. אונ Д. (דאס מאכט דינה לוסטמאן) . נעם דיר דיא שקאטולכי מיין ליבער

ליבער זאגט זיא. דא ליגט אלס וואס איך פארמאג אונטער מיין מאכט, אט הענגט אוך דאס שליסעלי פון דעם אונ יעצט גייא צוא הוז נאר דאס בעט איך. שפרינג מער ניט אריבער דעם פארקין, קום מיט מיר וועל איך עפנין דאס גארטין טירעל. נאר למען השם זאלסט מיט מיר ניט רעדין אין גארטין איך שרעק מיך. זייער צוואר איך וייס ניט פאר וואס · אונ דאס רייהענדיג איז זיא צוא גיגאנגין צוא דער טיר אונ האט זיא גיעפענט אונ שון גיוואלט פון איר ארום גיין נאר פליצום איז זיא צוא ריק שטיין גיבליבין אונ גאנץ שטיל זיך אפ גירופין צוא דודין. איך הער וויא יעמאנד שפאצירט אין גארטין. דוד איז צוא גלייך מיט דינהן ערשראקין גיווארין. ביידי האבין אוף גישטעלט דיא אורין צום גארטין ארום · אונ צוא באמערקין וואהין דיזער שפאצירט: דינה האט זיך דעם מאל ניט גינארט דען דר סקרופ פון דעם זאמד האט צוא וויסין גיגעבין אז מענטשליכי פיס טרעטין אוף זייא ·

דוא קענסט שון יעצט ניט ארום גיין פון דאנין · זאגט גאנץ שטיל דינה צוא דודין:

דער סקרופ פון דעם זאמד איז אלי מאל נעהענטער גיהערט גיווארין צוא דיא צוויא ליבענדי · א, שרייט דינה אום אין דודס אוערין · דאס איז לוסטמאן, יא דאס איז, ער איך ערקען אים אין זייני טריט · וואס טוט מען דוד · א רעטע, זאנסט זענין מיר פארלארין · איך רעטע דיך · ערווידערט דוד · אונ דאס רייהענדיג האט ער באפרייט זיין האנד פון דינהם אונ איז צוא גילאפין צוא דער צווייטער טיר וואס וואר צוא דער אנדערער זייט אין פאווילאן אונ וואס האט ארום גיפירט גלייך צום טוער. דוד האט גיעפענט דיא טיר · וס ווילסטו טאן: פרעגט דינה אים מיט שרעק · שווייג דינה זאגט ער זאנסט גיסטו מיך אום פאר אים · אונ דאס רייהענדיג איז ער ארום גילאפין פון דער טיר · אונ קריכענד אוף אלי פיר צווישין דיא קוסטארניקעס איז ער אזו צוא גיקומען ביז צום פארקין איבר וועלכין ער האט פריער אריבער גישפרינגין, אלס דוד איז גקראכין וויא איין טהירע האט זיך גיהערט לוסטמאנס שטומע אין גארטין:

דינה, פרעגט ער גייענדיג צום פאווילאן. דוא ביסט דא:

דינה האט אים ניט גיענפערט. אונ שודערט מיט אלי אברים זיצענדיג אוף דער שטיל. האט זיא גיקוקט וויא דוד קריכט אוף דעם פארקין ·

דינה, האט לוסטמאן ווידער האלט. דוא ביסט אין פאווילאן צוא גיין:

דינה האט וייטער גישוויגין אונ גיקוקט וויא דוד איז שון ארוף גיקראכין אוף דעם פארקין אונ באלד האט ער זיך פון דעם פארקין. וועלכי וואר ביז 15 פוס דיא הויך: אראפ גיווארפין צוא באדין. אים האט גאר ניט גישאט דען ער איז צוא ריק פריש אונ גיזונד אוף גישטאנין נאר דינה האט זיך שטארק דער שראקין דאס דער זעהענדיג אונ דער צוא האט זיא נאך דער שפירט וויא לוסטמאן איז שון בייא דעם פאווילאן ביידי שרעק האבין זיך באגעגענט אונ דינה האט איין שרעקליכין גישרייא גיגעבין איז אראפ גיפאלין פון דער שטיל אונ גיבליבין אין אן מאכט ליגין אוף באדין:

לוסטמאן איז ארין גיקומין אין דעם פאווילאן · דער נאכט נעביל האט אים תחלת גישטערט באלד צוא באמערקין וואס דא טוט זיך: נאר שפעטער האט ער באמערקט וויא אוף באדין ליגט עפעס ווייסעס · ער האט זיך צוא גירוקט נעהענטער אונ זיך אן גיבויגין אוף דעם פאל אונ דאס אן גיטאפט מיט דיא הענד. דינה, שרייט ער אום. יא דאס איז זיא · ער האט זיא גיוואלט אוף הייבין פון ארט נאר דיא אפעני טיר פון צווייטען זייט האט פליצלונג צוא גיצוגין זייני גידאנקין · דער אונ ערווארטענדער צווייפיל האט זיך ארין גשטוקן צו אים אין קאפ. ער איז ארום גגאנגין דורך יענע טיר אונ האט זיך ארום גיקוקט אוף אלי זייטין אין גארטין. איין טאדעס שטילע האט גיהערשט איבר דעם גאנצין גארטין קיין צווייג אונ קיין גרעזיל האבין זיך ניט באוואוגין. גאט זייא דאנק. רעט דער אלטער

צוא

צוא זיך: אריין גיהענדיג צוא ריק אין פאוויליאן. איך האב איין טעות גיהאט. דינה איז דא גאר אליין גיוועזן. ער איז אריין גיקומין אין פאוויליאן האט אויף גיהובין דינהן פון דער ערד אונ האט זיא גילייגט אויף איין דיוואן אונ אליין איז ער גישווינד צוא ריק גילאפין צוא זיין צוימער:

מאנכי לעזער ווערין פערמוטהליך זיך וואונדערין דאס לוסטמאן זאל אום האלבי נאכט גאר ארום גיין אין גארטין זוכין זיין פרוי ווערענד ער טוט דאס קיין מאל ניט אבער דאס איז גאנץ נאטירליך. אלס דינה האט גיעפענט דיא קאמאדע אין זאל אונ ארום צוא נעמין דיא ברילאנטין. איז אין דער צייט לוסטמאן ניט גישלאפין. ער איז גילעגין אין בעט וועלכי איז גישטאנין אין אנדערין צומער מיט אפעני אויגין אונ גיזעהן דורך דעם לאך פון שלאס וויא עס שיינט איין ליכט אין זאל. אים האט דאס שטארק גיוואונדערט באלד האט ער באמערקט וויא דאס ליכט איז אום גילאשין גיווארין אונ יעמאנד איז פון דעם זאל ארום גגאנגין מיט דעם וועג וואס פירט אין גארטין. לוסטמאן האט זיך באלד אויף גיהובין פון בעט האט אן גיטאן זיין חאלאט אויף זיך אונ איז ארום גיגאנגין פון זיין שלאף צומער. ער איז גראד פאר ביא גיגאנגין דינהס שלאף חדר; ער איז אין דעם אריין גיגאנגין אונ אלס ער האט גיטראפין וויא דאס בעט איז פאר שפרייט וויא ביא טאג אונ דינה איז אין דעם חדר ניטא. איז אין אים תיכף אריין דר צווייפיל אין איר ארענטליכקייט „ווער ווייס" האט ער זיך גיטראכט פיליכט איז דוד צוא ריק גיקומען פון גירשעוו אונ זיא זעהט זיך מיט אים אלי נאכט אין גארטין. ער האט גיעפענט דאס פענסטער פון איר חדר אונ האט פון דעם ארוס גיקוקט אין חיטער אריין. אונ האט באמערקט וויא איין פרויען צומער אין ווייסי קליידער גייט גלייך צום פאוויליאן דער אלטער איז אויף גישפרינגין פון ארט אום אייפערזיכט ער איז ארום גילאפין פון דעם חדר אונ האט זיך גישטעלט אופין קארידאר אונ נאך גיקוקט אזו לאנג דעם ווייסין גישפענסט ביז דיזער איז פאר שווינדין גיווארין פון זייני אויגין. דאס איז דינה. טראכט ער זיך ווער דען קאן גיין צום פאוויליאן אז ניט זיא, זיא גייט פערמוטהליך צום גיליבטין אירין: אונ מיט זאלכי שודער האפטי גידאנקין איז דער אלטער צוא גיקומען צום פאוויליאן אונ איבער דעם וועג האט ער צווייא מאל גיפרעגט. דינה ביסט דא. ביז ענדליך ער איז אריין גיקומין אין פאוויליאן אונ זיא גיטראפין אונ אן מאכט ליגין דארטין. אונ אלס ער האט זיך ערקונדיגט אז מיט איר איז דא קיינער ניט גיוועזין האט ער זיא גילייגט אויף איין דיוואן אונ אליין איז ער אין זאל אריין גילאפין האט פון דארטין ארום גיטראגין דעם לאמפ מיט איין גראפין וואסער אונ איין פלעשילי טראפין אונ האט מיט דעם זיך צוא ריק גיקערט תיכף צוא דינהן ער האט איין שפריץ גיטאן וואסער אויף אירין גיזיכט אונ צווייא מאל צו גילייגט דיא טראפין צוא איר נאז. דינה האט גאנץ לאנגזאם גיעפענט דיא אויגין. נאר קוים האט זיא פאר זיך ערזעהן לוסטמאנין שטיין האט זיא אזאלכין ווילדין גישרייא גיגעבין דאס דעם אלטין האט גיגעבין איין שטאך אין הארץ פון דעם. גלייך וויא איינער וואלט אים מיט איין שפיז דער לאנגט. אין אזעלכי זאנדערבארי קריזיסין קומט באלד צוא ריק דער גידאנק מיט דעם אטהעם אלס דער אן מאכט גייט פאר איבער. דינה האט זיך דער מאנט אז דוד איז יעצט לעבין איר ניטא אונ דאס ער האט גינוג צייט גיהאט צוא אנטלויפין ניט גיזעהן צוא ווערין פון אירין מאן; זיא האט אויף גיהובין אירי אויגין אויף לוסטמאנין אונ גיזעהן פון זיין גיזיכטס ציגע אז ער קוקט אויף איר ניט צארענדיג זאנדערין מיט מיטלייד. וואס האט זיך מיט מיר דא גיטאן. פרעגט זיא מיט איין שוואכער שטוממע לוסטמאנין. דאס דארף איך ביא דיר פרעגין מייני טייערי. ערוויעדערט ער:

איך ווייס שון גאר ניט. שטאמעלט דינה, ביא מיר. ארום מיר הערשט אגנצער חאאס:

געם

נעם צוא אוף דייני גידאנקין אונ ענפער מיר זאגט לוסטמאן . איך האב דיך דא גיטראפין ליגין איין פאר צוויי פילטע וויא אזו קומסטו אהער . אונ וואס האט מיט דיר דא פאסירט :

דינה האט איין פאר מינוטין גישוויגין נאך דעם ענפערט זיא אים . קוים האב איך מיך מיט אייך גיזעגינט אונ בין אין מיין צוטער אריין גיגאנגין איז מיר שרעקליך איבעל גיווארין . אונ דער קאפ האט אין מיר אן גיהויבין זיך צו דרייהין . איך האב גידענקט ארוס צוא גיין אין גארטין פיליכט וועט דיא ארמאטישע לופט אוף מיר ווירקין . פליצום האב איך גאר אריין גיבלאנדזעט אין זאל . איך האב קוים אן גיצונדין דעם לאמפף אום צוא גיפונין איין ארוס גאנג צום גארטין . אלס איך בין נאר אריין גיקומין אין פאוויליאן האט מיך איין הייסער שוויס באשלאגין אום אנגסט . דא האב איך גיעפענט ביידי טירין אונ דיא לופט זאל פרייער צוא מיר אריין גיין נאר קוים האב איך מיך גיזעצט אוף דער שטיל האבין דיא אוגין מיר אן גיהויבין צוא שווינדלין דער קאפ זיך צוא דרייען מיר איז גיט גוט גיווארין אונ בין גיפאלין צוא באדין :

נוא אונ יעצט איז דיר שון בעסער . פרעגט ער :

יא בעסער . אדאנק פאר אייער מיהע . נאר איך בין נאך זייער צוא בראכין :

ועסטו אין שטאנד זיין אריין צוא גיין אין שטוב :

אלס איך וועל מיך אן שטיצין אין אייער האנד מיין איך אז איך וועל קאנין אריין גיין לוסטמאן האט זיא גינומין גיארעמט אונטערין ארעם אונ איז מיט איר לאנגזאם אריין גיגאנגין אין זייערין וואונונג . ער האט ארוס גישיקט איר קאמער מערכין אונ דיזע האט דינהן אריין גיפירט אין איר שלאף צוטער אונ זיא גיהאלפין אריין גיין אין בעט :

נאך עניגע מינוטין איז דינה גישמאק אנשלאפין גיווארין :

13

פארטזעטצונג פון דעם 11 טין קאפיטעל ,

דער שטילער גנב אדער אפעריסט ,

מערקווירדיג איז מיט אונז מענטשין מיר האלטין אונז פאר דיא קליגסטי בריאה אום אלי ברואים גאטס . מיר זאגין דאס מיר זענין דאס אום ערוויילסטי אונ טרעפליכסטע באשעפעניש אוף דער וועלט . אזו דאס מאנכי שרייבער שטעלין זיך אונטער אונז צוא שמייכלין דאס דער מענטש איז דער קעניג פון דער נאטור נאר אלס מיר ווילין אוף אונזערי טהאטין קוקין מיט קריטישע בליקין זעהן מיר דאס מיר זענין אין אונז זייער פיל גינארט מיר רופין זיך אן ביא אונז קלוגי אין דעם ווען מיר באגייען זיך וויא פשוטע נאראנים למשל . אז איינער גייט קויפין איין סאלאווייא . קופט ער אים דען דער פאר נאר וואס ער זיצט אין איין שיינער שטייג , פאר שטייט זיך אז גיין מיר קוקען אוב דער סאלאווייא איז גיזונד אונ שיין אוף דעם קערפער . אונ אוב זיין שטומע איז ריין . נאך איין משל . אלס איינער גייט קופין איין פערד . קופט ער דאס דען נאר דער פאר וואס דאס איז אין איין שיינער אפריאזשע גישפאנט , גיוויינטליך אז גיין ער קוקט אים פריער אוף דיא ציינער דער נאך טאפט ער אים אום אוף אלי זייטין . באטראכט זיין וואוקס , זיין גאנג זיין לופין אונ נון פאר וואס אלס מיר ווילין איין פריינד צוא זיך ציען ווארום קוקין מיר אוף אים ניט אזו פיל וויפיל מיר קוקין אוף איין טהירע . ווארום האבין מיר אוף אונזער געלד מורא דאס אום צוא ברענגין אומזיסט אוף אונ נוציגי זאכן אונ אוף אונזער לעבין

אכטזי

אכטין מיר יא ניט · מיט שאצין איין מענטשין נאר פון זיין אוסענוועניגסטין · אויב ער גייט נאר ארענטליך גיקליידעט באזיצט איין שייני אום שפראכי · האט איין פריינדליכין בליק פארמאגט קאמפלימענטין מיט שמייכלין דאס הייסט שון פאר אונז גינוג אים קענין צוא לערנין · מיר נעמין אים פאר אונזער פריינד אונ גיטרויען אים איין אונזער לעבין · אונ ווארום זאלין מיר ניט קלערין פיליכט ליגט אין זיין הערצין איין בארג מיט באזהייט · פיליכט איז דער קאפ זיינער פול מיט טיראנעשי גידאנקין · פיליכט איז זיין שמייכיל האפטי ציינגע מיט גיפט באשמירט · פיליכט זינד זייני פריינדליכי בליקין אן גישלאגין מיט ענאיזמוז · מיר קלערין אוף דעם אבער ניט אונ דאדורך קומט אונז צוא רופין נאראנעם ניט איבערלייגטי מענטשין · אלס פאקט צוא אונזערי רייד קען אונז דינען אונזערי פאר העלדין פון דעם ראמאן הערמאן אונ דוד · דער צווייטער האט דעם ערשטין גירעכענט פאר זיינעם בעסטין פריינד · ווארום ; ווייל הערמאן איז גיגאנגין ריין גיקליידעט · האט גיקאנט שמייכלין · אביסעל גיבילדעט איז ער אוך גיוועזין נון גינוג דער מיט פריינדשאפט צוא פר דינין פון ניט אפימגע מענטשין · פון וועלכי דוד איז איינער גיוועזן אונ צוא וועלכין רעוולטאט האט גיפירט דודין הערמאנס פריינד שאפט ; ווייסין שון די לעזער איין עטוואס אונ וועלין באלד נאך מער וויסין :

די נאכט איז פארשווינדין אונ דער מארגין האט איהרי שטעלי באטראטין · דוד האט קוים מיט די ציין דער שלעפט דעם נאך מיטאגס ; עס איז גיווארין 5 אוהר איז ער באלד אוועק גילאפין צוא דער קערקער שטראזי צום שקאנטיסט שמואל בימבאם ער האט וויא געסטערין אוף דער טיר גיטראפין דעם קארדאן אן גישלאגין אוף וועלכין עס וואר אן גישריבין דעם פראצענטניקס נאמין אונ פאמיליע · ער איז אריין גיגאנגין דורך דעם נעמליכן פינסטערין פארצוטער אין זאל אונ גיטראפין דארטין וויא געסטערין דאס וועגטיל שטיין אין דער מיט זאל צוא צפון זייט פארהאנגין מיט דעם גרינעם פארהאנג · אלס ער איז אריין גיקומען האט זיך דער נעמליכער גרוער קאפ ארויס גיוויזין פון אונטער דעם פארהאנג אונ מיט איין שמייכיל זיך אפ גירופין צוא דודין · א , דדדאס זזזענט איר יונגגגער מענטש · חחחלעבין אז איר זזזענט וויא איין זזייגגער · איר זענט אקקקוראט גגגיקומען וויא איך האב אייך גגגיהייסין · נוא האאאט איר גגגיבראכט די שטטטיינדליך וועלכי די דדדאמין ליבען בבבעסער פון אאאלם דינג :

יא ערוויידערט דוד · די בריליאנטין זענין ביא מיר :

גגגוט , ווווייזט זייא מיר אאאהער · אונ דאס רייענד האט ארוס גישטעקט איין האנד פון אונטער דעם פארהאנג אונ וועלכי דוד האט אריין גילייגט דאס שאכטעל מיט בריליאנטין · דער פארהאנג האט זיך צוא ריק אראפ גילאזין אונ דער קאפ מיט דער האנד זענין אונטער אים פאר שווינדין · דאך איז דוד גיבליבין רוהעג · ער האט גיהערט וויא דער אלטער האט גיעפענט דאס שאכטעל מסתמא אונ צוא באטראכטין די בריליאנטין פון דארטין · יא אאאמת יונגער מענטש · האט די שטומע פון אונטער דעם פארהאנג צוא דודין גירעט · דדדיא ששששטיינער זענין גגגאנץ גוטע · איך וועל אייך גגגעבין געלד זזזאגט וויוויפיל דארפט איר :

טויזנד רוביל · ערווידערט דוד , ברויך איך אוף 8 טאג צייט נאר :

גגגוט , איך קקקען אייך דאס געבין · אאאבער זענט איר גגגעוויס בבביא זיך אאאז אין אכט טאג ארוס וועט איר קקקענין ארוס נעמין די בבבריליאנטין :

איך וויים דאס אוף געווים · אונ טטטאמער ניין :

וועלין זייא בלייבין פאר אייך · נוא אאאויב אזו נעם איך בבביא אייך איין קקקליינעם פפפראצענט נאר , ניט מער וויא 25 רוביל · באשטייט איר :

איך

איך באשטייא , ענטפערט דוד . דדדיא סומע וועל איך אייך תיכבכף באצאלין מיט קקקרעדיטני בבבילעטין אדער מיט איין טשעק אין בבבאנק :

זאל זיין ליבערסט קרעדיטנע בילעטין . זאגט דוד :

וויא אאאזוו איר פפפארשטייט . גאר איך מוז אפ צצציהן איין האלבי שעה אונ צוא איבבבער וועגן דדדיא ברילאנטין . צוא נוף שששטעלין איין רעכענונג . אונ אפ שרייבין : צצצווישין אונז איין אוסלאוויע . האאאט גגגעדולט יעצט אייך צוא אוף איינ פפפון דיא דדדרייא שטולען . איך וועל זזזעהן צוא מאכככין דאס אין גגגיכין :

דוד האט דיא שטומע גיפאלגט . ער האט צוא גירוקט איין שטיל אונ אוף דעם זיך גיזעצט אונ זיך פאר טיעפט אין גידאנקין ביז אין אוועגד דענק איך אז דער גיפאהר וועט איין ענדע נעמין טראכט זיך דוד . באלד נעם איך ביא דעם שקאנטיסט דיא טווינד רוביל אונ וועל תיכף אריבער לופין צוא דעם אום באקאנדטין צומערמאן אום צוא לעזין דיא בריף אונ 12 איין זייגער אין אוועגד וועל איך אריבער גיין צוא דינהן אונ וועל זייא פאר ברענגין פר אירי אויגין . אך וואס פר איין פרייליכי אילומינאציע דם וועט זיין ביא אונז :

דורך זאלכי גידאנקין האט דוד ניט גיפילט דיא לאנג ווייליגקייט פון דער צייט אום דא צוא זיצין ענדליך האט ער איין קוק גיגעבין אוף זיין מאשין אוהר אונ גיזעהן אז עס איז שון 6 אוהר שון דרייא פערטיל שטונדע אז דוד זיצט דא צוא ריק מיט איין האלבי שעה האט דער שקאנטיסט ביא אים גינומען דיא ברילאנטין צום איבר וועגן זייא . דוד איז אוף גישטאנין אונ זיך צוא גיהערט צום וועגטיל . וויא עס האט גיהערשט איין טיעפע שטולע . אונ קיין מינדעסטער קלאנג אדר גירויש פון איין עטוואס האט זיך ניט גיהערט . ווארשיינליך מאכט דער שקאנטיסט יעצט דעם סך הכל וואס דיא ברילאנטין טרעפין אן רעט צוא זיך דוד . נאך עניגע מינוטין איז ער צוא גיגאנגין צום וועגטיל אונ זיך אפ גירופין . הער בימבאם זענט איר שון באלד פארטיג :

אוף דער פראגי האט ער קיין אנטווארט ניט באקומין :

הער בימבאם , זאגט ווייטער דוד . איר הערט מיך דען ניט וויא איך פרעג אייך . ווארום שווייגט איר , אונ וואס טוט איר דארטין אזוו לאנג :

אוך דעם יעצטיגין מאל איז ער גיבליבין אונ בעאנטווארטעט :

ביא דודין אין הארצין האט אוף גיהערט צו קלאפין אונ עס איז אים פונסטער גיווארין אין דיא אויגין דער יונגער מענטש האט ערשט יעצט באקאנד דעם פעלער . דאס ער האט איין אום באקאנטין בימבאם גיטרויעט פאר 18 הונדערט רוביל ברילאנטין ער האט אוף גיריסין מיט האס דעם פארהאנג . נאר דא האט ער קיין לעבענדיגי זעלע ניט גיטראפין . ער איז אריבר גישפרינגין דעם וועגטיל אונ גינומין באטראכטין צוא וועלכין ציל דאס איז גישטעלט אונ באלד האט ער באקענט דאס חיטראסט פון דעם מאשעניק פריער האט ער גידענקט אז דא איז דעם שקאנטיסט שפייז זאל אדר שלאף צומער . אונ אצונד האט ער גיזעהן אז ער האט זיך גינארט . אוף דער שטיל וועלכי איז גישטאנין לעבין וועגטיל איז גילעגין דער געמליכער גרויער פאריק . מיט דער יארמילקי אונ מיט דער גרויער בארד וועלכי דער שקאנטיסט איז גיגאנגין אן גיטאן . אקעגין דער שטיל ביא דער וואנד איז גיוועזין אטיר וועלכי וואר האלב אפען . דוד איז אריין גיגאנגין דורך דער האלב אפעני טיר אונ איז איבר גילאפין צווייא צומערין וועלכי וארין גאנץ ליידיג אונ האט זיך אפ גישטעלט אין דעם ערשטין פארצומער דורך וועלכין ער איז פריער אריין גיקומען צום שקאנטיסט . מיט איין קלאפענדיג הארץ איז ער ווייטער גיגאנגין אונ איז אן גיקומען צוא ריק אין דעם זאל וויא דאס וועגטיל איז גיוועזין .

יעצט האט ער פאר שטאנין אז דער שקאנטיסט איז אנטלאפין מיט זייני ברילאנטין :

אָ. קלאגט ביטער דוד מיט אום באשרייבענדין שרעק • פאר ברעכענד מיט דיא הענדי • מען האט מיך באשטולין • דיא ברילליאנטין • דינהם עהרע • און אונזער ביידענס לעבין האט דער מאשעניק אוועק גירויבט , דער אום גליקליכער האט זיך באקלערט אז מער דא פאר זאמין זיך קאן ער ניט עס בלייבט אים נאך איין שטונדי צייט ביז אין סראק דרום מוז ער גיין אויף זיכין דעם שקאנטיסט וועט ער אים וועלין מיט גוטין ווילין אפ געבין צוא ריק דיא ברילליאנטין וועט ער אים קיין בייזעס טאן • ווען ניט וועט ער אים טויט שלאגין •

מיט זאלכי גידאנקין איז דער פאר צווייפעלטער דוד אראפ גילאפין פינום קארידאר און איז אריין גיגאנגין צום דווארניק • ווער וואונט אין דעם 2 טין נומער , פרעגט ער אים •

דארט וואונט נאך קיינער • ענטפערט דער דווארניק דיא וואך דארף זיך אריין ציהען ערשט איין גאלדשמיד אונטער דעם נאמין פייביל גאלד. דוד האט אום גיגלאצט איין פאר אויגין אויף אים מיט ערשטוינין • וואס זאגסטו , פרעגט ער איבער דעם דווארניק • דארט וואונט זיך גאר דער שקאנטיסט שמואל בימבאם:

איר האט איין טעות יונגער הער • זאגט דער דווארניק דיזער האט פון אונז זיך ארום גיצויגין נאך צוא ריק מיט 8 טאג • ער וואונט יעצט אויף דער גריכעשער גאס און הויז נומער 23 • דוד האט גימיינט אז ער גייט פון דעם זינין אראפ • שטייטש • רופט ער זיך עם הענגט דאך נאך דער שילד זיינער אויף דער טיר:

דאס קען ניט זיין • ערווידערט דער דווארניק • דען איך אליין האב אים גיהאט אראפ גינומין ווען ער האט זיך ארום גיצויגין:

צוא רעכענסטו מיך פר איין בלינדין • שרייט דוד , איך האב אים דאך אליין גילייענט • קום מיט מיר ארוף וועסטו אים אויך ליינין ; ביידי זענין צוא ריק ארוף גיגאנגין אופין קארידאר נאר וויא ערשטוינט איז דוד גיווארין אלם ער האט יעצט ביא דער טיר דעם קארדאן שון ניט גיטראפין ; דען דער אפעריסט (פאר שטייט זיך אז הערמאן)* האט אים אראפ גירוסין ווען ער איז אנטלאפין מיט דיא ברילליאנטין • דער דווארניק האט גירעכענט אז דוד איז שכור און דרום האט זיך אים אוים גיוויזין אז ער האט גילעזין דעם שילד • און ווארליך וואר דוד באטרונקין אבער ניט פון שטארקי גיטראנקין נייין , דיזע זענין צוא שוואך צוא באהערשין זיין ארגאניזם • ער וואר בערושט פון דעם ביטערין שאדין • פון דעם אום גליקליכין צוא פאל • מיט גיבייגטי פים און מיט פונסטערי אויגין האט דוד פאר לאזט דעם הויף און האט זיך אן גיפרעגט גלייך צוא דער גריכעשער שטראזי וויא שמואל בימבאם וואונט • ער איז אריין גיקומין אין איין גאנץ שיין מעבלירטין וואונונג וויא עס איז גיזעסין ארום טיש איין פאמיליע פון זעקס פערזאנין וואס זענין באשטאנין פון מאן און פרוי און פיר ערוואקסעני קינדער • און האבין גימיטאגט • ברוך היושבים • רופט זיך אפ דוד אריין קומענדיג אין שטוב • אשיינעם דאנק , האבין זייא אים ערווידערט • וואס ווילט איר זאגין יונגער מענטש האט אים דער מאן פון דער פאמיליע גיפרעגט וועלכע האט אום גיוויזין פון איאר 50 מיט איין גידעכטער בלאנדינער בארד און יעווראפייעש גיקליידעט • איך ברויך מיך צוא זעהן מיט דעם הערין שמואל בימבאם שקאנטיסט • ערווידערט דוד :

נון איך בין דאס • זאגט דער מאן • ער איז שמואל בימבאם , טראכט זיך דוד , אַ נייין • דאס איז ניט דער וועלכער האט ביא מיר אום גינארט דיא ברילליאנטין • יענער וואר איין זאהיקע און איין אלטער :

איך בין דער שקאנטיסט צוא וועלכין איר ברויכט יונגער מענטש • ווידער האלט דער מאן :

איר

* אונטער דעם נאמען האט הערמאן בייא דעם דווארניק דעם קווארטיר געדינגען :

איר האט גיוואונט אויף דער קערקער שטראזי אין 2 טין נומער אויף דעם דריטין עטאזשי. פרעגט אים דוד און זיך צוא איבר צייגין נאך בעסער אין זיין שאדין :

יא ערוויעדערט דער מאן . און דיא פאריגע וואך האב איך מיך פון דארטין ארוס גיצוגין זייל מען דארף דיא דורות צוא רעכט מאכין און דער ווירטה פון דעם הויז האט דאס ניט גיוואלט . נאר וואס איז דיא פראגע יונגער מאן :

איך פרעג דאס אקעגין דעם . פארענטפערט זיך דוד אום לוז צוא ווערין פון אים . מען האט מיר גיזאגט אז אויף דער גינאנטער שטראזי וואונט איין ארענטליכער שקאנטיסט מיט דעם נאמין ר' שמואל בימבאם און לייט גרויסי סומען געלד אויף קליינע פראצענטין דרום בין איך היינט אהין גיגאנגין נאר דער דווארניק האט מיר גיזאגט אז איר האט אייך פון 8 טאג שון ארוס גיצויגין אהער בין איך יעצט אהער גיקומין און זיך צוא ערקונדיגין אוב דאס איז ריכטיג . און אלס איך האב מיך דאס שון ערקונדיגט וועל איך מארגין אייך ברענגין אביסיל צירונג אויף דעם צוא לייען אפאר הונדערט רוביל :

זייער שיין . ערוויעדערט בימבאם . אוב דאס וועט נאר ווערט זיין וועל איך דאס גערין טאן דוד האט זיך גיזעגינט און איז ארוס גילאפין וויא איין וואנזיניגער פון דעם הויז . און מיט איין אויף גירעגט הארץ פון כעס איז ער אריין גיקומין צוא הערמאנין אין שטוב דיזער איז גלעגין אום גיצוגין אויף איין דיוואן און מיט פארגניגין איין פאפיראס גירויכערט:

נאט מיינער , שרייט הערמאן אום זעהענדיג דודין פאר זיך . וואס זענט איר אזוי צוא טראגין יונגער מענטש . א , קלאגט דוד . נאך אמאל איז מיר איין אום גליק גישעהן . און דיזער באריהרט מיך מער פון דעם פאריגין . און אייך צוא דאנקין מיין פריינד איז מיר דר אום גליק גיקומין . מיר צוא דאנקין . רופט דער אפעריסט זיך אפ וויא באליידעגט , וואס הייסט דאס , צוא דען האלט איר מיך פאר אזאלכין שונא אייערין וואס זאל אייך אליין שיקין צוא אום גליקין :

איר מעגט זיך רופין מיין בעסטער פריינד . דאך ווייזט דער פאקט אז איר האט מיר אליין צוא דעם אום גליק גישיקט . א , ווען איר זאלט מיר ניט גיוועזין שיקין צוא דער קערקער גאס וואלט איך דאך ניט אום גליקליך גיווארין :

איך פארשטייא אייך ניט דוד פון וועלכין אום גליק איר רעט :
א קלאגט דוד . מען האט גישטוילין ביא מיר דיא ברילאנטין :
דיא ברילאנטין גישטולין . פרעגט הערמאן וויא אזוי קען דאס זיין הא
דוד האט אים ערציילט . וויא אזוי דיא גניבה איז גישעהן . פון אליף ביז תיו :

הערט אום ליבער דוד . רופט נאך דעם הערמאן זיך אפ . איר האט איין גרויסין טעות וואס איר קלערט אז דורך מיר איז אייער אום גליק גישעהן . איך האב דאך ניט גיוויסט אז דער שקאנטיסט האט פון דארטין זיך ארוס גיצוגין . נאר וויא איר זאגט אז איין אנדערער האט זיך אונטער זיין נאמין פאר שטעלט . איז דאך מעגליך אז דיזער וועט קומין אהין נעכטיגין וועט איר דאך קענין אים פאקין . א ניין , זאגט דוד . ער איז איין זוליק . ער וועט שון קלוג זיין און צוא ריק אהין ניט קומען דען וואס האט ער דארטין גילאזט , קיין פאמיליע האט ער דארטין ניט . מעביל אויך ניט , איך גלייב אז ער איז שון גאר אין דער גאנצער שטאט ניטא מער און ווען ער איז אפילו נאך דא וועל איך דאך אים אויך ניט ערקענין . דען אין מיין געגינווארט וואר ער דאך פארמאסקירט מיט איין פאלשין פאריק און מיט איין גרויער בארד און אין דער טהאט קען זיין אז ער איז איין יונגער מענטש אין מייני אדר אין אייערי יארין . איין מערקווירדיגער צוא פאל חלעבין . ערוויעדערט הערמאן . דיזער איז פארמוטליך איינער פון דיא מאסקווער זוליקעס . און אויף אייער אום גליק האט ער אייך גידארפט טרעפין . איך וואלט אייך ראטהן אז איר זאלט דאס אן מעלדין אין דער פאליציייא

און

און געבין איר אלי צייכענס פון דער שקאטולקע מיט די בריליאנטין . פיליכט וועט איר (די פאליציא) לינגין צו טרעפין די בריליאנטין אדר דעם זוליק :

אך וואס רעט איר הערמאן , וויא קען איך דאס טאן . דען דאס וועט דאך באלד ווערין איבר גיגעבין אין די צייטונגין און אלס לוסטמאן וועט דאס לעזין וועט ער באלד דאך דער קענין אז דאס זייני איז בריליאנטין און דאן ברענג איך אויף דיגען איין גאנצי צרה :

איר האט אפילו רעכט ליבער דוד . אבר זאגט וואס דען קאנט איר טאן . עס בלייבט דאך איך נאך איין האלבי שטונדע צו דעם טראק וועלכין איר דארפט אריין טראגין צו דעם צומערמאן די טוזינד רובל :

יא איך וויים דאס . ערוויעדערט דוד . און דרום וועל איך יעצט די לעצטי פראבי מאכין איך וועל אריבר גיין צו צומערמאן אויף זיין קווארטיר און וועל אים פריבין בעטין פיליכט וועט ער מיר אפ געבין מייני פאפירין אן דער סומע . און קוים ניט וועל איך אים טוט שלאגין . דיזע וואריין די לעצטי ווערטער דודס דען ער איז באלד ארוס גילאפין פון הערמאנס צומער :

חע , חע , חע , האט זיך דער אפעריסט צו לאכט אלס דוד איז פון אים ארוס גיגאנגין ער לופט יעצט צו צומערמאנין אים טוט שלאגין . א , לעמיר . לעמיל . צומערמאן איז שון קלוגער פון דיר און וועט דארטין ניט זיין . ער האט שון היינט אריין גישיקט איין קליין צעטעלי צו לוסטמאנין און יעצט גייט ער אליין צו אים מיט די בריף . און צו פארדינגן טוזינד רובל . און דאס אפ ריידענדיג האט ער אן גיצוגין אויף זיך זייני וועגס קליידער . און האט זיך ענטפערנט פון זיין הויז צו לוסטמאנס היטער :

14

שלום פאן דעם 13 טען קאפיטעל ,

דער שטילער גנב אדער אפעריסט ,

די ליבי איז פאר יונגע מענטשין איין זיסער ערקוויקענדער גיטראנק דורך וועלכין זייא ערקוויקין זייערי יונגע קערפערין . נאר אלטי לייט איז זיא וויא איין שטארקי משקה ביי זייא דורך וועלכין זייא בלייבין אויף איין גיוויסע צייט שטארק בארושט (שכור) און אלס די צייט גייט פאר איבער בלייבין זייא אום גיניכטערט און האבין שטארק חרטה נאך וואס זייא האבין פון דעם בעכער גיטרונקין באשפילין אזעלכי באגעגנין מיר כמעט אלי טאג אין דער גרוסער וועלט . אלס איין יונגער מאן פארליבט זיך אין איין פריילין און האבין אום ליבי חתונה עקסעסטירט ביי זייא . די ליבי אויף אימער איינער איז דעם אנדערין ערגעבין מיט לייב און זעלע ביז אין טוט און איינס דאס אנדערי איז קיין מאל נים חושד אין דער ליבי . נאר קוים וויל איין אלטער מאן טרינקין פון דעם ליבעס בעכער . קוים הייראטעט ער מיט איין יונגע פריילין אדר יונגע פרוי אום ליבי צו איר דאן ווארצעלט די ליבי אין אים זיך ניט איין . זאנדערין זיא בארושט אים נאר אויף איין גיוויסע צייט , און דאן ווערט ער איר פארפאלגער אבר ניט איר ליב האבר . ער פאר פאלגט זיא נאך יעדין טריט אירין יעדע מינע אירי ברענגט אין אים ארין איין נייעס פערדאכט . דאס זיא איז ניט ארענטליך צו אים . דאס זיא ליבט איין אנדערין און ניט אים שטענדיג איז ער פארצאגט און פארקלאגט וואס זשע האב איך זיך פאר בינדין מיט איין יונג קינד , זיא ווינשט דאך אוודאי מיר דעם טוט כדי זיא זאל נעמין איין יונגין מאן .

ער

ער משפט אויף זיך אליין אז ער האט דיא גרעסטי דומהייט גטאן וואס ער האט גיהייראטעט מיט איין יונגע פרוי · אונ ווארום איז דאס אזוי · ווייל דיא ליבי אליין איז איין געטליכער פינק אונ דער פינק קען נאר עקסעסטירין אין יונגע פרושע הערצער אין פרוש ווארעם בלוט אבער ניט אין פארקיקטע בלוט · אונ ניט אין אפ גילעבטי אלטי הערצער · אונ דרום לאכין בייששטענדיג אלטי לייט פון ליבי ביי זייא קומט אום קאמיש אז זייא הערין וויא איין יונגער מאן אדר פריילין איז גישטארבין אדר זיך זעלבסט ערמארדין דורך ליבי · ווייל זייערי גיפילין זענין אפ גיקילטי שון · אויך קאנין זייא ניט פילין דעם זיסין טעם פון ליבי אויף לאנג אלס זייא פארליבין זיך אין יונגע פרוען צוטער · דאס נעמליכי הט אויך פאסירט מיט אונזער אלטין נאטארוס ר' אברהם לוסטמאן מיר זעהן אום אין יעצטיגין אווענד זיצין ביי דעם טהע טיש צוא זאמין מיט דינהן דינה איז טוט בלאס אופין גיזיכט אונ דיא הענד וועלכי האלטין דיא גלאז טהע שודערין דער לעזער דארף וויסין דיא פריטשיני פון איר פאר צווייפלונג דען יעצט האט שון באגינט דיא שטונדע אין וועלכי דער סראק וואס צוטערמאן האט איר באשטעלט האט זיך גיענדעגט אונ נאך ווייסט זיא ניט אוב דוד האט שון ביי איהם דיא בריף אום גילייזט, דער גידאנקין · אז צוטערמאן האט נאך ביי זיך דיא בריף אונ דיזער קאן צוא איר יעצט אן קומין · האט ביי איר וועק גירובט דעם רוהע צוא זאמין מיט דעם מוטה אונ איר גילאזט זיצין אין שודער · לוסטמאן האט דיא אויגין ניט אראפ גילאזט פון דינהן אונ האט באמערקט וויא דיזע קען זיין בליק ניט פאר טראגין אין דעם אווענד איז זיין פארדאכט אויף איר נאך גרעסער גיווארין ביי איהם וויא תמיד ער האט זיא ענדליך אן גינומין ביי דער האנד · מייני טהייערי דינה רופט ער זיך אפ מיט אזא שטומע אין וועלכי עס וואר אריין גימושט מיטלייד אונ עטוואס פארדראס · קענסטו האבין אין זיך קרעפטין מיר ארום צוא זאגין אז דוא ליידעסט ניכט · דינה האט איהם גיוואלט ענטפערין ניין, נאר זיא האט ניט גיהאט דער צוא אזוי פיל מוטה:

מייני ליבי אונ טייערי דינה · רעט ווייטער דער אלטער עס האט ענדליך אן גיטראפין דיא מינוט צוא פירין איין ערענסטין גישפרעך מיט דיר וועלכין איך טראג שון אין גדאנקין פון אפאר וואכין אונ האב דאס ניט גיקאנט פאר דיר אום רעדין נאר אצונד קאן איך שון מער דאס ניט האלטין אין זיך · אונזער ביזהעריג גליק פון צוא זאמין לעבין איז ליידער צוא שטערט אונ כמעט וויא צוא שלאגין · ווען איך זאל דער ביי נאר אליין ליידין וואלטין דיא פאלגין (פאסליעדסטוויס) ניט אזו שרעקליך גיוועזין דען איך בין שון גיוואוינט צוא ליידין · נאר קוים ליידעסט דוא אויך דער ביי קוים הענגט דרינין אויך דיין אום גליק · ענדליך קוים באקלאגסטו דיך אויף דיין יעצטיגין לאז (מזל) קאן איך שון ניט רוהן איך מוז זעהן דיר פון דייני ליידין ארום נעמין:

דינה האט אויף איהם גיהובין אירי גרוסי שווארצי אויגין מיט ערשטוינין:

איך פאר שטייא אייך ניט · זאגט זיא רעד דייטליכער:

איך וועל רעדין דייטליכער נאר הער מיך אום מיט גידולד אונ האב קיין פורכט דען מיין ערציילונג וועט ניט לאנג דויערין · איך שטאם · וויא דוא שון ווייסט · פון איין גרוסין יחוס · איך בין איין איידעלמאן אונ גאט צו דאנקין האב איך אויך איין היפשין קאפיטאל. קיין קינדער האב איך ליידער ניט מייני פריינד זענין גאט זייא דאנק אלי רייך · אונ נון האב איך מיך גיאפערט צוא דיר ארעם קינד האב דיר מיין נאמען גיגעבין וועלכין דוא טראגסט אין דער הוכער אריסטאקראטעשער וועלט אונ האב אונטער איינעם גורל מיט דיר זיך פאר בינדין · איך האב גימיינט אז דער מיט וועל איך אפ קופין דיין הארץ · דורך דעם וועסטו צוא מיר זיין ערגעבין נאר דיא פראבי ווייזט מיר יעצט אז איך האב מיך גיאירט אונ איין גרויסין אום רעכט גיטאן:

איין

אין אום רעכט גיטאן , פרעגט איבער דינה ; יא אין אום רעכט • זאגט לוסטמאן אונ צוא איין דומהייט • אָ , דוא ווינדערסט דיך דינה וויא איך משפט אוף זיך אליין • נאר וואס זאל איך טאן • אלס דוא ביסט צוא מיר אין הויז גיקומין האב איך מיך אזוי איין גיליבט אין דיר אז איך האב מיך אליין גיווינדערט • וויא קומט דאס צוא מיר גרייז , יא איך האב דיך גיליבט אונ זוניג (ניט באקלערט) אונ האב גימיינט אז דיא נעמליכי ליבי קענסטו צוא מיר אוך שפירין , אונ וויא שרעקליך איך האב מיך גינארט פאר שטייא איך ערשט אצונד• דען פריער בין איך נאך גיוועזין בארושט אין דער ליבי • אונ פאר בלענדזעט גיוועזין דורך דיינעם גלאנץ פון דיין יוגענד • נאר יעצט אלס איך מערק וויא דוא ווערסט יעדין טאג שוואכער • יעדען טאג ווערט דיין גיזיכט בלאסער • דיין שונהייט פארשווינדט דיין מוטה מיט דיין פרייליכקייט פאר לאזט דיר • אונ מיין בליק ווערט דיר דאס ווייטער צוא לאסט מערער • פאר שטייא איך אז ניט מיט קיין רייכטהום קאן מען קופין איין יונגעם הארץ פון איין פרויען צומער • זייא דאס מיר מודה דינה איך באפעל דיר :

דינה האט זיך שטארק גיווינדערט אוף זייני רייד • זיא האט אים גיוואלט שון מודה זיין אוף דעם מיט דעם האפענונג אז ער וועט זיא אוף מארגין גטין נאר אין דער מינוט איז אריין גיקומין דער לאקייא מיט איין פאדנאס אין האנד אוף וועלכין עס איז גילעגין איין קליין פאפיר צוא נוף גילייגט וויא איין בריף אונ לעבין דעם אוך איין קארטי • דינה איז נאך מער בלאס גיווארין וויא פריער • איז גיבליבין זיצין מיט גרוסי שטארי אויגין אונ מיט פאר שלאסעני קארטי ליפען וויא איין אפ גימאלטי סטאטויע דער „שראקען" :

וואס דארפט איר , האט אים לוסטמאן גיפרעגט מיט פאר דראס דאס ער האט איבער גישלאגין אים פון זיין ערענסטין גישפרעך מיט דינהן • מיין הער האט דער לאקייא גיזאגט צוא גייענדיג נעענטער צוא אים • צו ריק מיט איין פאר שטונדין האט מיר איבער גיגעבין איין אום באקאנטער הער צוא אייך דעם בריף נאר איר זענט נאך צוא הויז ניט גיוועזין האב איך דאס אייך ניט גיקענט איבער געבין אונ יעצט איז דיזער מאן נאך איין מאל גיקומין אונ האט מיר גיגעבין זיין קארטי אונ אייך זיא איבער צוא געבין אונ אליין ווארט ער אין פאר צומער אוף אייער אנטווארט • לוסטמאן האט ארפ גינומין פון פאדנאס דיא קארטי אונ זיא גאנץ הויך איבער גילייענט • צומערמאן פריישער סוחר :

נאך דעם האט ער ארפ גינומין דאס פאפיר אונ גילייענט אין דעם דאס פאלגענדי :

הער ווירדיגער הער אברהם לוסטמאן • צוואר האב איך ניט דיא עהרע אייך צוא זיין באקאנט , דאך שטעל איך מיך אונטער אייך צוא בעטין דאס איר זאלט מיר דיא עהרע פאר שאפין אייך צוא מאכין איין קליינים וויזיט ; איך דארף אייך איבער געבין וואזשני זאכין וועלכי האבין פאר אייך איין העכסט הוכין אונטערעם • היינט אין אווענד אום 7 אוהר וועל איך בייא אייך זיין :

אין דער טיעפסטער עהרפורכט פאר בלייבט • צומערמאן :

לוסטמאן , אפ לעזענד דעם בריף האט גיקוועטשט מיט דיא פלייצעס • איר האט אים גיזאגט אז איך בין צוא הויז • פרעגט ער דעם לאקייא • יא מיין הער • ענטפערט דיזער דען איך האב ניט באקומין פון אייך קיין אנדער באפעל • אוב אזו • רופט אים אהין אריין • איך וועל אוף נעמין דעם אום באקאנטין • דער לאקייא איז ארום גיגאנגין אונ לוסטמאן האט זיך צו ריק גיקערט צוא דער זייט וויא דינה איז מיט איין זאקונדי פריער גיזעסין נאר יעצט איז שון דינה ניט מער גיוועזין דא :

לוסטמאן איז גיבליבין שטיין לעבין טיש מיטין גיזיכט צוא דער טיר ; אין איין מינוט ארום האט דיא טיר זיך גיעפענט אונ הערמאן פארשטעלט אונטער דעם נאמען צומערמאן איז אריין גיקומין • ער האט נאר באטראכטין דיא שוועל האט ער ארפ גיכאפט זיין הוט

פון זיך אונ זיך טיעף פארנייגט פאר לוסטמאנין · אונ נאך דעם האט ער זיך גינייגט נאך יעדער דרייא שפאן וועלכי ער איז מיט לאנגזאמי טריט נעהנטער צוא גיגאנגין ; ביז ענדליך ער האט דעם לעצטין טריט גישטעלט אונ איז שטיין גיבליבין אונ גיווארט אפאר ווערטער פון לוסטמאנין צוא הערין · לוסטמאן האט אוף אים איין שטרעננין בליק גיגעבין אונ מיט דעם ערשטין מאל האט ער אים שון אום גיוויזין פאר איין פארדעכטין פערזאן · צוואר אוף הערמאנס אויסענוויינינסטין בילד וואר ניט צוא ערקענין אז ער איז איין מאשעניק · דען ער וואר ארענטליך גיקליידעט ניט וויא קיין פראנט · גידעכטי בלאנדי האר זענין גילעגין אום גישפרייט אוף זיין שטערין אונ אוך אויף דעם קראג פון אובער ראק · פון דר נעמליכער פארבי וואר אוך בייא אים דיא באַרד וועלכי האט פאר דעקט איין האלב גיזיכט זיינעס · מיט דער באַרד האט זיך פאראייניגט לאנגי ברייטי וואנסין אונטער וועלכי דאס מויל האט זיך באהאלטין · שטאלעני ברילין מיט בלויע גלעזליך האבין פארדעקט זייני גרויע אויגין · דאס זענט איר דער פערזאן וועלכער האט צוא מיר היינט גישריבין דעם בריף · פרעגט אים לוסטמאן ווייזענדיג אוף דעם פאפיר :

יא · ערוויעדערט הערמאן מיט איין קליינעם שמייכיל בייגענד זיך פאר אים איך האב דאס גיהאט דיא עהרע איך מיין הער צוא שרייבין דעם קליינעם בריף :

לויט נאך אייער אן מעלדונג · זאגט ווייטער לוסטמאן · האט איר צוא איבער געבין וואזשנע זאכין וועלכי האבין פאר מיר איין העכסט הויכין אינטערעס · צוא איז דאס אייער אייגענער אום דרוק · יא מיין אייגענער : נון אוב אזו זאגט לוסטמאן גיבט מיר איבער דיא וואזשני זאכין אייערי נאר איך בעט צוא פאר קורצין דעם גישפרעך · ווארין איך קען מער ניט פאר ברענגין מיט אייך וויא עטליכי מינוטין נאר :

איך וועל פאר קערצין וויפיל דאס וועט זיין מעגליך · הער לוסטמאן · צוואר דאס אינטערעס וואס איך האב אייך איבר צוא געבין איז ניט אזו גרינג מיט אמאל דאס אום צוא ערציילין · פון וועלכי אינטערעסין רעט איר דען :

איך רעט פון אינטימנע אינטערעסין · הער לוסטמאן · דער אלטער האט איין שוידער גיגעבין בייא דעם ווארט „אינטימנע" וואס מיינט איר מיט דעם ווארט „אינטימנע" האט ער דעם אפעריסט איבר גיפרעגט :

איך מיין סודות פון דעם הויזליכין לעבין · אונ ווייל איך וויל באנוצין איין איידלין אום דרוק רוף איך דאס אן אינטימנע :

איך פאר שטייא אייך ניט :

הער לוסטמאן פאר שטייט ניט דאס איין פרעמדער פערזאן וויא איך בין זאל וויסין איין עטוואס פון זייערין הויזליכין לעבין · יא דאס איז ווירקליך מערקווירדיג אונ כמעט אום גלויביג · נאר דאך איז דאס אזו :

איך בעט אייך הער צומערמאן · זאגט לוסטמאן מיט דעם גרעסטין אום גידולד · זאגט גיכער וואס איר האט צוא זאגין :

איך האב שוין גיהאט איין מאל דיא עהרע אייך איין צוא מערקין אז דאס אינטערעס וועלכעס איך האב אייך איבר צוא געבין איז ניט אזו גרינג מיט אמאל דאס אום צוא ערציילין · דאך נעם איך מיר דיא מיה גיכער דאס ארום צוא געבין אייך · נאר באפאר שטעל איך מיך אונטער אייך צוא פרעגין הער לוסטמאן · וואס וואלט גיוועזין דעם מענטשין · וועלכער האט גיהאט צוא פעליגער ווייזי דאס גילעגענהייט איין צוא קוקין זיך אין אייער הויזליכין לעבען · אונ דיזער קומט צוא אייך אונ מעלדעט אייך אן אז אייער מאדאם דענקט אוף אייך בייזעס · לוסטמאן דאס הערענט איז ער גיווארין בלאס וויא איין לייבי ער איז שון פארטיג גיוועזין אום צוא לאזין כל חמתו אוף דעם אפעריסט

איין

גאר באלד האט ער זיך באדאנקט • אונ געענטפערט מיט איין שוואכער האפטער שטימע פון דעם • ווען דער אום ווארף זאל זיין פון דער הוכער אריסטאקראטיע וואלט איך אים באלד באשאנקען מיט אפאר פעטש • אונ מיט איין פאר טעג שפעטער וואלט איך מיט אים געשטאנען אין געריכטסהויז • ווען אבער דער אום ווארף זאל זיין אזו וויא איר זענט וואלט איך אים תיכף געוויזן דיא טיר אזו וויא איך ווייז זיא יעצט אייך • אונ וואלט אים געזאגט דאס אייגעני וואס איך זאג אצונד אייך • פארט פאן מייני אויגין :

הערמאן האט זיך טיעף פארנייגט אונ קאלט בלוטיג געפרעגט • ווען אבער ער זאל ניט וועלין אוועק גיין • דאן ערווידערט לוסטמאן • וואלט איך צוא נוף גירופין מייני דינער אונ דיזע וואלטין אים ביי דעם קאלנער אן גינומין אונ ארום געווארפין :

אוב אזו • רופט הערמאן מיט איין שמייכיל זיך אפ • פאר בלייב איך דא אונ הייס דעם הער אריין רופין צוא מיר זייערי דינער :

ווער קאן מיך דען דאס ניט לאזין :

איין פשוטער געזונטער פאר שטאנד • הער לוסטמאן פאר שטייט זייער גוט אז איך וואלט געענטפערט קעגין דעם גוואלדיגין פלאן פון זייערי לאקייען איך וואלט פאר עפענטליכט דיא פריטשינע פאר וואס איר טרייבט מיך ארום :

דאן וואלט מען אייך באשטראפט וויא איין געמיינעם ליגנער :

פארצייהעט • דער מיט אירט איר אייך • איין ליגנער הייסט נאר דער וואס ברענגט פאלשי רייד • אבער דער וואס ברענגט עדות צוא זייני רייד הייסט ער..קיין ליגנער •

וויא זענין דען אייערי..עדות, איך וועל זייא אייך ווייזין • נאר באפאר בעט איך דעם הער לוסטמאן אום צוא הערין דעם אינטערעס :

גוט, לאס איך הערין • דאס איז גאר קורץ אונ פשוט • אייער טאכטער וויל אייך טייטין זיא האט שון זאגאר אן גינומין פלאנין וויא אזו אייך צוא טייטין :

לוסטמאן האט דאס דער הערט איז ער פאר שרעק אוף אפאר זאקונדין שטום געווארין אונ דיא הענד וועלכי ער האט געהאלטין אין דיא טאשין פון זיין חאלאט האבין געצוטערט • אוף זיין גרויסין שטערין האט אין דעם מאמענט זיך געוויזין איין פרוש נייער קנייטש :

איר קאנט דאס דער ווייזין מיט עדות • פרעגט ער ענדליך הערבסט אוף געבראכט •

יא, איך האב עדות צוא מייני רייד אונ גראדע אזעלכי • וואס ניט איר אונ ניט אייער מאדאם וועט זייא קענין אפ לייקענין :

אין וואס באשטייען זייא • אין קארעספאנדענציעס אין ליבעס בריף :

צוא וועמין געהערין דיא בריף, זייא געהערין צוא אייער מאדאם וועלכי האט זייא געשריבין צוא אירין געליבטין • וויא פון איין פליצליכין דונער שלאג איז לוסטמאן געבליבין הערענד דיא לעצטי ווערטער הערמאנס • צוא אירין געליבטין • צוא אירין געליבטין • רעט דער אלטער מאן צוא זיך אראפ קוקענד מיט דיא אויגין אונ פאר ברעכענד מיט דיא הענד• צוא אירין געליבטין • צוא אירין געליבטין, דיא פאר ווערטער האט דער גרייז אפשר צעהן מאל ווידער האלט אונ דער אפעריסט האט שיער ניט ארום געפלאצט מיט איין געלעכטער דאס צוא זעהענד • ענדליך האט ער זיך געווענדעט צום אפעריסט אונ פרעגט אים ווייטער אונ דיא בריף זענין ביי אייך יעצט •

נאר דרייא בריף האב איך • אונ איר ווילט זייא מיר איבער געבין :

איך בין נאר צוא ליב דעם געקומין • ווארשיינליך • זאגט לוסטמאן • האט אייך דיא ארימע דינה וועלכי טראגט יעצט מיין נאמין • שטארק באליידעגט אמאל דאס איר זענט דער מסר איהער, וויא דיא ווארהייט צוא שפרעכין • ערווידערט הערמאן האב איך נאך ניט דיא עהרע געהאט צוא קענין אייער מאדאם :

לוסטמאן האט מיט טיעפין ערשטוינין אוף אים גיקוקט אונ גיפרעגט. אוב אזו, וויא קומין צוא אייך אירי. איבריגענס וואס גייט דאס מיך אן, עס זענין פערזאן אוף דער וועלט מענטשין בייא וועלכי פרעמדי צרות איז דער זיסמער תענוג. אונ צוא דער קלאסע גיהערט איר אויך. אין נון גיבט מיר אהער דיא בריף;

צומערמאן (הערמאן) האט זיך פארנייגט אונ מיט איין שמייכיל ערווידערט ער: פאר צייעט הער לוסטמאן אוף מיין קליינעם אנמערקונג: איך בין ניט מער וויא איין מעקלער אין דעם גישעפט. דיא בריף גיהערין ניט צוא מיר. זייער באהערשער איז איין אנדערער אונ גראדע איין גאנץ ערליכער מאן. נאר דיא פאר זעהונג באהאנדעלט אים לַיידער ניט וויא אין זון אירין זאנדערין וויא איין שטיף זון. אפען גירעט; דער ערליכער מאן איז שטארק גיענגט אין געלד. איר פאר שטייט שוין מיין הער. לוסטמאן האט אוף איין היבשע צייט אום:גיגלאצט זייני אויגין אוף הערמאנין אונ גיקוקט אוף אים מיט פארכטינג אונ פאר דאכט. נאר דער אפעריסט האט גאנץ רוהיג אום גיהאלטין זייני בליקין. יא, רופט ענדליך לוסטמאן זיך אפ. איך פארשטייא. איר פאר קופט מיר דיא בריף ווילט איר זאגין. הערמאן האט זיך איין נייג גיגעבין אונ דאס האט אים גידינט אלס אנטווארט „יא" נאר, רעט וויטער לוסטמאן. דס איז איין העסליכע ספיקולאציע. דס איז נידערטראכטיג. דאס איז שענדליך. איר ווייסט הער צומערמאן אז איר הייסט בייא מיר איין מעראזוויץ. איר זענט דער לעצטער פון דיא פארליעצין.

איך בעט, ערווידערט הערמאן, צוא ערלויבין מיר אנצומערקין דעם הערין לוסטמאן אז אזאלכי שימפפליכי ווערטער וועט צוא קיין רעזולטאט אונז פירין. ווען איר ווילט זייא ניט קופין קען איך אייך ניט צווינגין דער ערליכער מאן וועט נעמין מארגין דיא בריף אונ וועט זייא איבר ענטפערין אין איין רעדאקציע פון איין היגע צייטונג. פארשטייט זיך אז ער וועט פאר זייא קיין סך געלד ניט נעמין. נאר דער פאר וועט אבר דיא גאנצי שטאט זייא לעזין. אונ אלי וועלין וויסין דיא גיהיימניסע פון אייער הויזליכען לעבין. אונ דס ריידענדיג האט ער זיך גיווענדעט צוא דער טיר אונ זיך אפ גירופין. איך בעט טויזנד מאל אום פאר צייהונג וואס איך האב אייך בעאונרוהיגט מיט מיין וויזיט. אדיע, לוסטמאן האט זיך באדענקט אז קוים וועט אין צייטונג שטיין דיא בריף וועט דאס איין גרויסי שאנדי זיין פאר אים. אלי זייני באקאנטי אום מערסטין זייני פריינד וועלכי האבין אים נאך פריער אפ גישלאגין ניט חתונה צוא האבין מיט איין פריילין וועלין יעצט אין אים האבין דיא גרעסטי נקמה, שטייט רופט ער זיך אפ צום אפעריסט. איך קויף זייא וויא פיל ווילט איר פר דיא בריף. ניט מער וויא טויזנד רובל. טויזנד רובל, פרעגט ער איבר מיט ערשטוינין. יא, ווייל ווייניגער קאן דער ערליכער מאן ניט נעמין. ער איז געביך זייער ארעם. דענקט ער דורך דער סומע גיהאלפין צוא ווערין פון דעם ארמוטה;

איך באשטייא, גוט אהער דיא בריף;

איך קען זייא אייך געבין נאר דאמאלס ווען איך וועל ערהאלטין פון אייך דיא סומע: איך האב דאך בייא זיך ניט דעם גאנצין קאפיטאל;

איך קען אייך צוא ליב טאן. בייא אייך נעמין איין טשעק אין באנק אוף דר סומע. ווען נאר איר וועט מיר געבין אייער ערע ווארט אז מען וועט מיר דארטין דיא סומע ארוס צאלין אן שום פרעפיאטסטוויעם;

איך קען דאס אייך געבין. זאגט לוסטמאן. נאר פריער וויל איך זעהן דיא בריף. דען אייער גישעפט איז אזוי שענדליך וויא גניבה אונ פיליייכט נאך ערגער. אונ וויא אזו ווייס איך אז איר זענט ניט קיין גנב. וויא אזו ווייס איך אז איר האט דיא קארעספאנדענציעס. וויא אזו ווייס איך אז זייא זענין פון מיין פרוי גישריבין, איך דינג מיך מיט אייך ניט. נאר

זענט איר אבר ניט קיין איין גישפארטער · ענטוועדער ווייזט מיר פריער דיא בריף · אדר
פאר לאזט מיין צוטער · דאס זענין דיא לעצטי ווערטער מייני צוא אייך · יעצט פאלגט
מיך אויף אייני פון דיא ביידי זאכין · הערמאן האט איין עטוואס גיקלערט נאך דעם רופט
ער זיך אפ · איך האב צוא אייך דעם פאלקאמען גיטרויען גלויבין · אונ וועל אייך באלד
ווייזין אז איך גלויב אייך · אונ דאס רייידענדיג האט ער ארוס גינומין פון זיין טאש איין
קליינעם פארטפעל · אונ לייגענד דאס אויף דעם טיש רופט ער זיך אפ · אין דעם פארטפעל
ליגין דרייא בריף פון אייער מאדאם · איר קענט זייא איבר לעזין אין מיין געגענווארט ווען
איר גיפונט דאס פאר נייטיג · לוסטמאן האט זיך גיזעצט אויף איין שטיל · האט אן גיטאן
זיין פאנסנע אונ ארוס גינומין פון דעם פארטפעל איין בריף · האט גאר אקוק גיגעבין אויף
דעם אדרעס אונ אויף דעם אונטערשריפט נאך דעם האט ער צוריק אריין גילייגט אין
פארטפעל האט מיט ביידי הענד זיך אונטער גישפארט זיין גרויען קאפ אונ צוא זיך
גירעט · דוד איז צוא ריק גיקומין · אט אדער ארימער יונג וועלכין איך האב אום רחמנות
אריין גינומין פאר איין שרייבער אין מיין קאנטאר שפילט ער יעצט אויף אינטריגין קעגין
מיר אונ מיך צוא טייטין אונ דאס גיוועזני דינסט מעדכין מיינס דיא ארימע דינה גיט אים
נאך אליין אויף פלאנין וויא אזו מען זאל מיך טייטין · א איר אום דאנקבארי שלאנגע · דער
ערשטער (דוד) האט ביי מיר איין ארט גיפונין אין קאנטאר האב אים אלי פארגעניגין
פארשאפט · האב אים גיליבט וויא ער וואלט מיינער איין זון גיוועזין · אונ אלס איך האב
אים אוועק גישיקט אין נירשעוו האב איך אים מיט גיגעבין פיר הונדערט רוביל אונ האב
אים ניט גיפאדערט צוא ריק אונ יעצט איז ער גיקומין אונ האט מיר דער פאר באצאלט מיט
שטיינער · אונ דיא צווייטע · איך האב זיא אזו גליקליך גימאכט: האב זיא ארוס גישלעפט
פון דעם ארעמען שטאנד · קען זיא זיך אונטער שטעלין צוא קלערין פלאנין וויא אזו מיך
צוא הרגענין · א א א, איין וועלט מיט צרות :

דער ווייסער קאפ זיינער איז נאך מער גרוי גיווארין וויא ער איז גיוועזין · יעצט וואר
לוסטמאן איין אמתר גרייז · ער האט דעם קאפ אראפ גילאזט אויף זייני ברוסט · אונ גרוסע
טראפין טרערין האבין זיך גיקויקלט אויף זייני בלאסי וואנגין :

הערמאן · אויב וואול ער וואר מיט איין פארדארבין הארץ איז ער דאך גירירט גיווארן
באטראכטענד דעם אלטין אין דער פאזע :

לוסטמאן האט גאר פאר געסין אז הערמאן שטייט נאך לעבין אים · ער האט אפ גיריסין
פון זיין גיזיכט זייני קאלט צוטערנדי הענד · הט ארום גינומין איין בריף פון דעם פארטפעל
אונ האט אן גיהויבין דאס איבער צוא לעזין · וויא פאלגט :

מיין אלער ליבענדער דוד · ענגעל פון מיינעם לעבין · איך שרייב יעצט צוא דיר דעם
בריף · ווערענד אין מיינעם הארצין איז אן גיצונדין איין פלאם פייער פון כעס אונ פארדראס
אויף דעם אלטין מאן מיינעם · גאט מיינער פאר וואס שטארבט ער ניט · ווארום איז ער
ניט פארסמט גיווארין פון דיא שטיקער פאספאר וועלכי איך האב אים איין גיגעבין · שוין
זעשע האסטו פון אים אוועק גישיקט דיין מלאך המות אויף תמיד · שון זעשע ווילסטו אז דער
זעכציג יאהריגער גרייז זאל איבער לעבין איין 18 יאהריג קינד · א שודער פאל · אום אום
גרולד וועל איך מיין לעבין פארלירין אין מיין בעסטין פרילונג · אום פארדראס וואס איך
קען אין אים קיין נקמה נעמין וועל איך אין מייני שענסטי מאיאווע טעג פאלין פאר איין
קרבן צום טוט דעם אכזר · אונ ווער וועט זיין שולדיג אין דעם יונגין טויט · ליבער דוד ·
אין דעם וועלין שולדיג זיין צווייא מענער · איינער וועלכין איך פארהאס אונ פון וועלכין
איך וויל באפרייט ווערין · אונ דער צווייטער וועלכין איך ליב אונ צוא וועלכין איך וויל
מיך פאר בינדין אויף עוויג · יא דוד דוא פאר שטייסט אז דעם לעצטין מיין איך דיך · דוא
וועסט

װעסט אײן מײל האבין אין מײן טוט װען דוא װעסט זיך ניט באשליסין דעם אלטין מיט אײן מאל צוא טײטין · דען איך האב אים שון אײן גיגעבין דעם גאנצין פאספאר װעלכין דוא האסט מיר גיבראכט אונ דאך לעבט ער אונ איז גיזונד װיא פריער :

מער האט לוסטמאן ניט גילעזין פון דיא עטליכע צײלין האט ער שון גיקענט פאר שטײן דעם גאנצין אינהאלט פון אלי דרײא בריף · ער האט דעם בריף צוא ריק אבײן גלײגט אין פארטפעל אונ האט דאס בהאלטין אין זײן טאש · הערמאן הט זיך ניט גיקענט אוף האלטין פון ערשטוניך אונ אום רוה · מײן הער · רופט ער זיך אפ װאס טוט איר · לוסטמאן האט אוף אים אײן שטרענגין בליק גיגעבין אונ גיענפערט · פאר װעמין האלט איר מיך · איך בין אײן פאטשעטניא גראזשדאנין · דאס װארט װעמין איך גיב דיזער מעג זײן דר לעצטער קאטארזשניק · אדר אײך אלײן · װאס זענט נאך פיל ערגער פון אײן קאטארזשנעק · בין איך דאס שטענדיג מקים איך װעל אײך ניט רויבין גײט מיר נאך · דאס רײדענדיג איז ער אבײן גיגאנגין אין זײן גאבינעט דורך דער באגלײטונג פון דעם אפעריסט · דארטין האט לוסטמאן ארוס גינומין אײן ביכיל מיט טשעקין · האט אוף אײנעם אוף גישריבין דיא סומע פון טױזינד רוביל · אונ האט זײן חתימה גילײגט נאך דעם האט ער דם אפ גשורין אונ געבענדיג דאס דעם אפעריסט זאגט ער · יעצט זענין מיר קװיט · פאר לאזט דיא מינוט מײן צומער :

הערמאן האט זיך טיעף פאר נײגט אונ איז ארוס גיגאנגין פון זײן גאבינעט · אונ אלס ער איז דורך גיגאנגין דורך דעם פאריגין זאל װיא לוסטמאן האט אים פריער אוף גינומין האט ער ארוס גינומין אײן באשריבענעם בוגין פאפיר פון אלי זײטין אונ האט דם גילאזט אוף דעם טיש אונ אלײן איז ער ארוס גיגאנגין פון חיטער רעט צוא זיך · אצונד װעלין מיר אלי שון זײן גליקליך · איך האב אײן טשעק אוף טױזינד רוביל אונ צירונג אוף 18 הונדערטסרוביל : אונ סך הכל פאר טאג איך צװײא טױזינד מיט אכט הונדערט רוביל װעל איך מיר שון קאנין לעבין פאגראפסקי · איך װעל קאנין ארום פארין אין גרוסי שטעט אונ גרוסי אפערעס בײא רײכי סוחרים װיא עס טאן דיא מאסקװער אונ חארקאװער זוליקעס · לוסטמאן װעט דינהן מיט דודין תיכף פאר צײהען װען ער װעט איבר לײנין דעם בוגין פאפיר װאס איך האב גילאזט אוף דעם טיש · דינה װעט מער ניט דענקין איר מאן צוא טײטין · אונ דוד װעט מער זיך ניט אונטער נעמין אים צוא ערמארדין ער װעט דאס ניט דארפין אונ װעט דאס ניט טארין ער װעט מיט אײן אנדערי הײראטין אבר ניט מיט דינהן דען דינה װעט גאר װערין זײני צװײטי מוטער אבר ניט קײן גיליבטי אלי װעלין לעבין פרײליך אונ הערמאן ארום זײא אונ עס װעט זײן שלום על ישראל :

אין זאלכי גידאנקין האט הערמאן פאנטאזירט ביז ער איז גיקומין אהײם :

15

דער באשלוס צום מארדטהאט !

דוד איז ארום גילאפין פון הערמאנס צומער גאנץ אוף גיבראכט פון צארין אונ פאר דראס אוף דער גניבה · ער איז גלײך צוא דער פאלגעשער גאס װיא צומערמאן װאונט · אים צוא בעטין דאס ער זאל אוף אים מיטלײד האבין אונ ארום געבין אים דיא בריף אן דיא טױזינד רוביל אונ װען דיזער װעט זיך אײן שפארין אזו װעט ער אים טוט שלאגין צוא דיזען ציעל האט ער מיט גינומין אײן אן גילאדענעם רעװאלװער · ער איז צוא גיקומין צום הויז נומער 7 אונ איז אבײן גיגאנגין אין הויף · באלד האבין זײני אויגין ערזעהין דעם נומער 3 פון דעם קװארטיר װיא צומערמאן װאונט מיט אײן קלאפענדיג הארץ פון האפנונג

און פון פאר צווייפלונג האט ער גיעפענט דיא טיר אונ איז אריין גיקומין אין שטוב · ער האט גירעכענט צוא טרעפין דעם צוטערמאן יעצט אוף אים ווארטין נאר וויא ערשטונט ער איז גיווארין אלס ער האט גיטראפין איין פוסטין צוטער דא · וואס זאל דאס הייסין · האט ער זיך גיפרעגט ארום גייהענדיג פון דעם ליידיגין צוטער · צוטערמאן האט דאך גישריבין אין בריף אז ער וואונט אין דעם צוטער · אונ ערשט וואונט דא גאר קיינער ניט. ער האט אן גיצוגין ביא דעם גלאקין שניר איז דער דווארניק צוא אים ארום גיקומין · וויא וואונט דא איין פרייסעשער קופמאן צוטערמאן פרעגט ער דעם דווארניק · צוטערמאן · האט דיזער גיענפערט · וואונט דא נאך ניט · ער האט מיט איין פאר טעג גידינגין דעם צוטער נומער 3 אונ גילאזט נאר איין אדאראף אונ גיזאגט אז מיט 3 טעג שפעטער וועט ער זיך אהער אריין ציהען · יעצט איז שון דער דריטער טאג · מעגליך איז אז מארגין וועט ער זיך איבער קלובין אהער · דוד איז ארום גילאפין פון דעם הוז וויא איין וואנזיניגער · וויא איז מיר · שרייט ער צוא זיך · וואס טוט זיך דא מיט מיר · אוף וועלכער וועלט גייא איך ארום · גאט מיינער · צוא פאסירט זיך דאס אלס מיט מיר ניט אין איין שרעקליכין טרוים · צוא בין איך ניט גאר איין נאכט וואנדלער · איך זעה פאר זיך גאר איבער נאטירליכי סצענין · וואס הייסט דאס · אין איין אוועקנד גנבית מען ביא מיר ארום דיא בריף · אין דעם אנדערין אוועקנד מעלדעט שון דער גנב אז ער וויל דיא בריף צוא ריק געבין · נאר פאר טוזינד רוביל אונ מעלדעט מיר אן וויא זייא גיפונין זיך דיא בריף · אוף דעם דריטין אוועקנד קום איך צוא איין שקאנטיסט אונ רעט מיט אים גוט אפ אז ער זאל מיר לייען אוף ברילאנטין דיא סומע געלד וואס איך דארף אונ אוף דעם פערדין אוועקנד נעמט דער שקאנטיסט ביא מיר אוועק דיא ברילאנטין אונ אנטלופט צום טאפעל אונ וויא איך ווער גיוואר · איז דיזער גאר איין זוליק · אונ דער אמתר שקאנטיסט האט פון דארטין גאר פון אכט טאג זיך ארום גיצוגין · איך קום יעצט אהער צוא דעם צוטערמאן דער ווים איך מיך גאר אז ער וואונט דא ניט · ער וועט ערשט אמאל דא וואונין · אונ דער גנב האט דאך גישריבין אין בריף אז ער וואונט דא יא · וואס זאל דאס באטייטין · צוא איז דאס ניט איין טייפיל שפיל · צוא איז דאס ניט איין וואונק פון דער פאר זעהונג אונ אונז בידי צוא באשטראפין דאפיר וואס מיר ווילין הרגענין איין אלטין מאן · דער פאר צווייפעלטער דוד וויא פיל ער האט זיך גיבראכין דעם קאפ צוא ערקלערין דיא איבער נאטירליכי סצענין · וויא ער האט דאס אן גירופין האט ער דאך ניט גיקאנט ערקלערין אז דם אלס איז הערמאנס ארבייט · ווייל ער האט אים גיקאנט ניט פאר קיין אפעריסט · זאנדערין פאר איין מעקלר פון הייזער :

דוד האט זיך ענטפערנעט צוא זיין קווארטיר מיט דעם גידאנקין צוא אפ ווארטין ביז האלבי נאכט אונ דאן וועט ער גיין גיוואר ווערין צוא דינהן אונ הערין וואס דארטין טוט זיך · נאר וויא ערשטונט איז ער גיווארין אלס ער איז ארוף גיקומין אוף דעם קארידאר אין האטעל האט ער דארטין גיטראפין דינהן ווארטין ביא זיין צוטער דען אלס הערמאן איז אריין גיקומין צוא לוסטמאנין איז זיא באלד ארום גילאפין פון זאל אונ איז אהער צוא אים גיקומען :

דינה · האט דוד אום גישריגין פאר וואונדערט וואס טוסטו דא :

קום אריין אין צוטער וועל איך דיר שון זאגין ענפערט זיא · דוד האט אוף גישלאסין זיין נומער אונ איז מיט איר אריין גיגאנגין · דינה האט זיך גיזעצט אוף איין שטיל אונ זיך אפ גירופין · איידער איך וועל דיר זאגין דיא פריטשינע פון מיין דא זיין וויל איך פריער פרעגין אוב דוא האסט שון אום גילייזט ביא צוטערמאן דיא בריף · דוד האט אפאר מינוטין גישוויגין נאך דעם ענפערט ער מיט איין זיפץ · דינה · מייני טהייערי אונ בעסטי

פריינדין

פריינדין · מיר מוזין באקענין אז איין מארד צוא פאר פירין איז איין גרוסי זינדע זעלבסט צום גרעסטין שונא אונזערין טארין מיר דאס ניט טאן :

א דוד , שרייט דינה אום מיט ערשטוינין · וואס איז דאס פאר אווערטער :

לאז מיך מייני טייערי לאז מיך אום רעדין · ניט פאר אונז ערליכי קינדער איז איין מארד צוא פאר פירין · דיא מענטשין וואס זענין שון גיוואונט מענטשין בלוט צוא זופין · זייא שטערט שון דיא פאר זעהונג ניט · זייא רובין אונ מארדין גאר אום גישטערט · אבער זאלכי מענטשין וויא מיר וועלכי האבין נאך קיין מאל קיין מארד פאר פירט מישט אין דעם זיך אריין דיא פאר זעהונג (השגחה) אונ דורך אירי געטליכי אום זיכטבארי טהאטין (מעשים) צוא שלאגט זיא אונזערי פלאנין מיר זעהן דאס ארום בחוש · האב איך לוסטמאנין גיוואלט דר שטיקין מיט דעם קישין האבין פליצלונג אין מיר אן גהובן צו צוטערין הענד אונ פיס אונ וויא איין אום זיכטבארי קראפט האט פון מייני הענד דעם קישין ארום גיריסין · האב איך דיר גיגעבין פאספאר זאלסט אים פאר גיפטין האט דיא פאר זעהונג ארום גיצוגין פון דעם גופט · אונ דרום האט דאס אוף דעם גרייז גאר ניט גיווירקט · האב איך אים גיוואלט אראפ ווארפין פון דער דראזשקי האבין דיא פערד זיך פלוצים ראספאלאשעט אוף דורך געטליכי מאכט אונ האב ווידער קיין בייזעס גיקענט טאן · נאך דעם האט פליצום דיא פאר זעהונג אונז פאר דרייט דיא קעפ · איינער האט ביי מיר ארום גישטולין דיא בריף אונ ווער איז דער גנב · דאס קען איך ניט וויסין איך האלט אים גאר פאר קיין מענטשין ניט · ער איז איין שד · איין דיאוואל · איין דעמאן : דען ער טוט מיט אונז אוף אזאלכי זאכין וואס ניט קיין מענטשליכער קאפ קאן דאס אום קלערין צוא טאן · שטעל דיר פאר · ער שרייבט אין בריף אז מיר זאלין ברענגין טויזנד רוביל צוא צוטערמאן וועט דיזער אונז אפ געבין דיא בריף אונ זעה וויא איין טייפעלשין קאפ ער הט · איך קום יעצט צוא דעם קווארטיר זיינעם טרעף איך דאס גאר פוסט אונ דער דווארניק זאגט מיר אז צוטערמאן האט דא קיין מאל ניט גיוואונט ער וועט ערשט דא זיך אריין ציהען · נוא זאג דינה זעהן מיר דען ניט אז דאס איז איין וויינק פון דער געטליכער פאר זעהונג אונ מיר זאלין אפ זיצין פון דעם מארד צוא פאר פירין :

הער אום דוד ערווידערט דינה · ניט יעצט איז דיא צייט דאס מיר זאלין דיספוטירין אוב דאס איז פון גאט צוא ניין מיר מוזין יעצט דענקין וויא אזו מיר זאלין אונז רעטין פון לוסטמאנס הענד אונ מיר זאלין דורך אים אין אסטראג ניט אריין פאלין דען צוטערמאן איז יעצט שון ביי אים מיט די בריף אונזערי · אונ באלד אדר שפעטיר וועט דאס לוסטמאן איבר געבין צוא דער פאליציא אונ זיא וועט אונז שון אוף זוכין אונ מיר וועלין אלזא אויף קאטארזשנע אוועק גיין :

דוד , דאס הערענדיג האט אראפ גילאזט דעם קאפ אונ איז גיבליבין פאר דענקט · דיא פראבי וויזט אונז · אז דער מענטש וואס איז שון ביי דעם גרעסטין יאוש נאר קוים דר זעהט ער פאר זיך דאס אום גליק ווערט ער פליצלונג אוף גירעגענעט אונ האפנונגע פאל אונ בראניעט זיך מיט אלי קרעפטין אונ פון דעם אום גליק ארום צוא קריכין דער קראנקער וואס האלט שון ביי דער אגאניע (גסיסה) אונ קוים ערשפירט ער דיא לעצטי מינוט פון זיין לעבין אדר וויא אלטי גילעהרטי שרייבין אז ער ערזעהט פאר זיך דעם מלאך המות · זעצט ער זיך פליצלונג אוף זיין בעט וויא איין גיזונטער מאנכי לופין גאר אראפ פון דיא בעטין לופין ארום אין אלי וואונקין וויא זייא וואלטין זיך גיוואלט באהאלטין אין דער לעצטיר מינוט פאר דעם טוט · דער ערליכסטער מאן מיט איין גאנץ רייגעם גיוויסין קוים קוםט אן צוא אים דער אום גליק , קום טרעט אן דיא מינוט אין וועלכי ער דארף פארלירט זיין פרייהייט · זיין גיזונד אדר דאס לעבין · אונ ער זעהט פאר זיך קיין אנדער מיטיל ניט

גירעטעט

געֿרעטעט צוא ווערדין זאנדערן ער זאל איין מערדער ווערין ער זאל מארדין דעם דאזיגין וועלכער ברענגט אוף אים דעם אום גליק . באשליסט ער זיך ליבערסט זיין ערליכין געוויסן צוא פאר פלעקין מיט מענטשין בלוט אבי ער זאל פון דעם אום גליק זיך רעטין . אונ דרום איז קיין וואונדער דאס דער ערליכער דוד . וועלכער האט ניט לאנג באקאנט אז איין מארד צוא פאר פירין איז איין זינד אונ זעלבסט דיא פאר זעהונג מישט זיך אין דעם אריין אונ דער מארד זאל ניט אום גיפירט ווערין ביא ערליכע לייט . איז פליצלונג אוף גישפרינגען פון ארט אלס עס וואלט אין אים אריין איין טיגערשי הארץ אנשטאט זיין ערליכים . דיא אויגין זענין אים גרוס געווארין אונ גאנץ ווילד גיקוקט . זיין בלאס גיזיכט האט אן גיצונדין זיך אין איין חעליש פייער . אונ מיט איין דאנער שטומע זיך אפ גירופין . גיין , ניט פאר אונז איז דיא קאמארגע גישטעלט . מיר זענין ערליכי קינדער מיר האבין קיינעם גירויבט גימאנדין גימארדעט . אונ נימאלס קיין פאר באטעני זאכין אוף גיטאן מיר זענין אום שולדיג ענגלין , מיר האבין גיוואלט לעבין פרידליך אוף גאטס וועלט . אונ אוף ערליכער ווייזי גיוואלט גיניסין פון דיא זיסקייטין דער נאטור וועלכעס גאט האט באשטעלט צום מענטשן נאר אונז האט מען דם ניט פארגינין איין בייזי וויכט (ער מיינט לוסטמאנין) האט אונזער גליק צוא שטערט אונ יעצט וויל ער אוך אונזער פרייהייט אוך אונזער גיזונד אונ לעבין צוא שטערין דרום טארין מיר ניט שווייגין מער מיר מוזין אונז רעטין מיט זיין טוט . דען קיין אנדער רעטונג איז ניטא אין יעצטיגער שטונדי מוז ער גישאסין זיין , דיא מינוטין וואס אין דער שטונדי עס גיפונט זיך זאלין זיין ביא אונז גאנץ טייער . ביידי זאלין מיר זיך בראניען אונ גירעטעט צוא ווערין . דוא זאלסט צוא ריק צוא אים גיין אונ זעהן ארום באקומין דיא בריף דייני פון אים אונ עס זאל נאך דעם קיין שום סליעד ניט זיין אז מיר האבין איין טייל גיהאט אין זיין טוט . אונ איך לויף שון אין חיטער אריין טרעף איך אים דארטין איז גאר גוט . ווען ניט וועל איך מיך אריין שטולין אונ זיין צוטער אונ דארטין זאל ער ווערין גישאסין , אונ איין ענדע זאל נעמין אונזערי צרות :

15

ווער לוסטמאנס זון איז ,

אלס מיר זאלין מיט איין אנאטאמישין בליק באטראכטין דעם מענטשין בכלל אונ דאס הארץ זיינעס בפרט גיפונין מיר אז אונזערי אלטי חכמים האבין רעכט מיט דעם וואס זייא רופין אן דעם מענטשין עולם קטן . יא דער מענטש איז איין קלייני וועלט אונ איטליכס אבר . איטליכס גליד באזונדער פון אים שטעלט פאר איין טייל פון דער גרוסער וועלט גאטעס ; אין דעם מענטשין גיפונט זיך אוך דער ים מיט זיין טיעפקייט . אונ מיט זייני רוישענדי וועלין אויך דער שטורעם ווינד מיט זייני גרוסי באטאליעס אונ דער רוהיגער ווינד מיט זיין קילין צוא שטאנד אין דעם מענטשענס ברוסט הענגט איין קליין שטיקיל פלייש גאנץ אום גיהולט איינווייניג , אונ דרונין קוועלט ביישטענדיג בלוט קוואלין וויים דאס איז דער ים זייניער . פון דארט לופט דאס בלוט אין אדערין וועלכי פאר צווייגין זיך אין דעם גוף אונ פליסין הין אונ צוא ריק דאס זענין זייני טייכין . דאס שטיקעל פלייש ווערט גירופין אין דער אנאטאמישער וועלט „הארץ" אונ דאס איז דעם מענטשענס ים . דאס איז צוואר גאנץ קליין דאך איז דאס טיעפער אונ ברייטער פון דער וועלט מער . דער ים הגדול איז ניט אין שטאנד אוף צוא נעמין אין זיך אזו פיל וויפיל דעם מענטשענס ים נעמט אוף זיך אלי גיפילין , אונ אלי גידאנקין פליהען פרייא אונ אין דעם הארץ הין אונ

הער

הער אונ שטארקער פון אלי חיות איז דאס פיצעלי הארץ אוף צוא נעמין אין זיך אלי צרות אלי שלעק וואס דעם מענטשין באגעגענט אוף דער וועלט . דעם שטול רוהענסטער מאן . קוים ווערט ער דורך איין פריטשינע אוף גבראכט אוף אייגעם דאן דר הייבט זיך אין זיין הארץ איין שטורעם ווינד · פיל שרעקליכער וויא אוף דעם ים · דאס בלוט קאכט אונ זיט וויא דיא חוואליעס אין ים אוף גירעגעטי גידאנקין בלוצין אין זיין קאפ מיט שטיקער פייער פון כעס וויא עס בלוצט אוף דעם הימעל פאר איין דאנער : אונ וויא דעם געגנער . אוף וועלכין דער מענטש איז אוף גירעגנעט · אלס ער ווייזט זיך יעצט פר זייני אויגין · דיזער איז גלייך צוא איין קליין שיפעל וועלכער לאזט זיך אוף דעם אקעאן ווערענד ער קאכט מיט זייני חוואליעס · אונ ווערט אין איין מינוט איין גישלינגין אין זיא . אין דר געמליכער פאזי גיפונגין מיר יעצט אוך דעם אלטין לוסטמאן · ער איז גיבליבין אין זיין גאבינעט נאך דעם אלס צוטערמאן איז פון אים אוועק גינאנגין מיר זעהן אים יעצט זיצין אוף איין זארג שטיל דאס גיזיכט איז אים טוט בלאס · דאך ניט אום שוואכקייט אדער אלטקייט . זאנדערין אום כעס איז דאס דען דער כעס האט אין זיך דעם אייגענשאפט דאס מאנכי מענשין מאכט ער רויט דיא גיזיכטער . אונ העלדעש זייערי קערפערין : אונ מאנכי מאכט ער גאנץ שוואך אונ בלאס דיא גיזיכטער · אין דער שטונדי האט לוסטמאן אפ גילעבט גאנצי יארין אונ איז גיווארין אלזא איין אמתר זקן . דיא אויגין האבין זיך טיעפער ארין גירוקט אין זייערי נעסטין אונ האבין פאר לורין זייער גלאנץ . דער שטערין איז גיווארין פול מיט קנייטשין אונ דר הוכער ביוסט איז גיווארין שטארק איין גיהוקערט. וואס זאל איך יעצט טאן. רעט ער צוא זיך : וואס זאל איך דענקין . אוף וועלכין זאל איך מיך באשליסין · זאל איך איר פארציהען . פארצייהען דיזע וועלכי איך האב גיליבט בעסער פון מיין לעבין אונ זיא האט דאס גיוויסט אונ דאך האט זיא גיווינטשין צוא זעהן מיין טוט . פארצייהען דיזע פרוי צוא וועלכי איך האב מיך גיאפפערט מיט מיין רייכטהום אונ מיט מיין עהרע אונ זיא איז אזו אום דאנקבאר גיוועזין אונ האט מיך אן גיהאדעוועט מיט פאספאר אונ איך זאל שטארבין · פארצייהען . ניין , קיין מאל ניט. דאס איז אום מעגליך פאר איין ערדענזאן . דאס וואלט גיהייסין נידערטרעכטיג פון מיין זייט . א גירעכטער שופט פון דער וועלט . וועלכין פאר ברעך האב איך דען אוף מיין לעבען גיטאן וואס איך זאל פאר דינען דיין שטראף · איך בין נאך אזו איין גיטרויט גיוועזין אין דר אום דאנקבארי שלאנג . א, בלינדער אונ אלטער נאר . ניין , איך זאל איר ווארפין דיא בריף אין פנים אונ אראפ רייסין דיא פרומי מאסקי פון אירין גיזיכט . נוא וואס וועט זיין ווייטער . זאל איך זיא איבער ענטפערין צוא דער פאליצייא אין דיא הענד צוא זאמין מיט איר פר פלוכטין דודי גיין , דאס קען איך ניט · דאס איז ניט פאסעג פאר מיין עהרע . אז ביא מיר אין הוז זאל אזאלכעס זיך פאסירין קענין . איך ווער זיא גטין אונ זאל זיא חתונה האבין מיט איר גיליבטין אונ איך . איך וועל שון לאנג לעבין ניט קענין . איך זעה דעם קבר פאר מיר שון אפען אונ היינט אדר מארגין גייא איך צוא אים :

מיט גיבייגטע פים אונ צוטערנד מיט אלי אברים האט דער אום גליקליכער גרייז זיך אוף גיהובין פון זיין זארג שטיל אונ זיך ענטפערנעט צוא דינהם גאבינעט . דער וועג איז אים אויס גיקומין דורך צוא גיין דורך דער זאל וויא ער האט פריער טייא גיטרונקין : אונ אינסטינקטיוונע האט ער איין בליק גיגעבין אוף דעם טיש אונ האט דער זעהן איין באשריבענעם בוגין פאפיר ליגין צוא נוף גילייגט וויא איין בריף :

וואס זאל דאס זיין . האט ער זיך גיפרעגט · וואס איז נאך פאר איין בריף הא . ער הט זיך גיזעצט אוף איין שטיל אונ גינומען דאס פאפיר אין האנד אונ איין בליק גיווארפין אוף דעם ערשטין אונ דעם לעצטין צייל „מערקווירדיג„ רעט ער צו זיך · הערמאן שטיינהומער

וועלכער

וועלכער האט גי... אנגעבעת מיין איסאקין . מיין איינציגין זון שרייבט מיר יעצט דעם בריף . וואס קאן ער יעצט וועלין פון מיר . פילייכט וויל ער מיר מעלדן וויא מיין קינד גיפונט זיך . א העלף גאט אז דאס זאל וואר זיין . דאס וועט זיין איין הילף צוא מייני שמערצין . אונ דאס רייהענדיג האט ער אן גיהובין דאס איבר צוא ליינין וויא פאלגט :

ליבער הער לוסטמאן . ניט וואר , דאס איר זענט גוט בייז אוף מיר , ווייל איך האב בייא אייך גינומין טויזענד רוביל פאר אייער מאדאמס דרייא בריף וועלכי האבין אייך ניט קיין פארגניגין פארשאפט . איך וועל אייך זאגין דעם אמת מיין הער אז מיר אליין האט דאס אוך גישמערצט . אונ אום צוא בארוהיגין מיין גיוויסין . גיב איך אייך יעצט דעם צוקער זיסין בריף גאר אן געלד אונ צוא פר טרייבין אייערי שמערצין וועלכי איך דאך פאראורזאכט אייך מיט דיא פאריגי בריף . זייט וויסין הער לוסטמאן אז איך הייס ניט צומערמאן מיין ווארער נאמין איז הערמאן שטיינהומער דער נעמליכער וועלכער האט צוא ריק מיט זיבצין יאר אוועק גישטולין אייער דרייא יאהריגין זון איסאק ווערענד אייערי זעליגי מאדאם איז גיפארין מיט אים נאך וויען קורירין זיך . איך האב אים וועק גישטולין אוף דעם באהן בייא נאכט דרייא מייל פון קירכעוו אונ בין מיט אים אנטלאפין . קיין וויען איך האב דאס גיטאן ניט אום באזהייט נאר אום איין פשוטין טעם נעמליך . איך האב גיזעהן אז איר זענט איין גרוסער גביר אונ דאס קינד איז בייא אייך גאנץ טייער . האב איך פאר שטאנין אז דאס וועט זיין איין גלייכער פלאן פאר מיר איך זאל דאס קינד אוועק שטולין איין קליינע צייט נאר ביז איך וועל פון אייך באקומין איין גוטי סומע געלד אונ דאן וועל איך דאס אייך צוא ריק אפ שיקין צוא ליב דעם ציל האב איך מיך אוף גיזעצט אוף דעם באהן אין איין קלאסע וויא אייער זעליגי מאדאם איז גיזעסין אונ האב אפ גיווארט דיא מינוט וואס זאל מיר גליקין דאס קינד אוועק צוא שטולין פון דער מוטער אונ עס איז מיר גיראטין . דאס קינד האב איך באקומען . אונ בין מיט דעם גלייך אוועק אין וויען . איך האב גידינגין מיר איין צומר מיט דעם קינד אוף דער באזאר שטראסי אונ האב צוא אייך גישריבין איין בריף אז איר זאלט מיר פינף הונדערט רוביל שיקין וועט איר האבין צוא ריק דאס קינד אייערס איך וועל אייך אפילו זאגין וועלכין טאג איך האב גישריבין אונ איר זאלט מיר גלויבין אוף דאס ווייטערדיגי דאס איז גיוועזין אום 19 טען יוליא אונ יאר 1861 . איר האט מיר דיא סומע גישיקט נאר דאס קינד האט איר נאך ניט גיהאט צוא ריק ווייל איך האב גיוואלט נאך געלד פון אייך באקומין . אונ האב דאס אום גיפירט . אום 20 טען אויגוסט אין דעם נעמליכין יאר האב איך פון אייך גיפאדערט נאכמאלס 500 רוביל אונ איר האט דאס מיר אוך גישיקט ווייל איך האב אייך גישריבין אז דאס קינד וואר שלאף אונ ער האט יענע סומע פאר קרענקט . איך האב שון גידענקט דאס קינד אייך אפ צוא שיקין איך בין ארום גיפארין פון וויען . פליצום ווער איך גיוואר אז איר הט מיך באשריבין אין אלי אום לענדישע אונ רוסישע צייטונגין אז איך האב בייא אייך אוועק גישטולין איין קינד אונ נאר בייא אייך אום געלד אונ ברענג ניט אפ צוא ריק דאס קינד בבן זאל מען מיך פאקין וויא מען וועט מיך מיט דעם קינד טרעפין אונ אפ שיקין מיך מיט סאלדאטין צוא אייך אהיים . מיך האט דאס שטארק פאר דראסין האב איך רום מיך באשלאסין אז איר האט מיך יא אזוי מיאוס באליידעגט זאל איך אייך מאכי ניט אפ געבין דאס קינד . איך האב איבר ניביטין דעם קינדס נאמין פון איסק אוף דוד דאמיט איר זאלט דם קיין מאל ניט קענין אפ זיבין דעם נאמין האב איך אוף גישריבין אוף איין קליינע קארטע אונ האב דאס אריין גילייגט אין איין מעדאליאן וועלכין איך האב צוא ליב דעם ציל גיקופט אונ האב דאס אוף גיהאנגין אוף דעם קינדס האלז . איך בין אוועק גיפארין קיין פאריש . אין דעם גאנצין וועג האב איך דעם קינד גילערענט אז איינער וועט אים פרעגין ווער ער איז זאל ער זאגין אז זייני עלטערין זענין

פאר

פאר ברענט גיווארין אין איין פאזשאר אין „שאליק" אונ ער אליין הייסט דוד . אלס איך בין מיט דעם גיקומין אין פיליש האב איך דאס אפ גילאזט אוף דעם מארק אונ אליין האב איך מיך פון דעם באהאלטין אונ גיקוקט פון ווייטין ווער דאס קינד וועט צוא נעמין . אונ האב מיך דערוויסט אז דיזער וועלכער האט באלד צוא גינומין דאס קינד פון דעם מארק וואר איין שניידער , איין בעזדיעטניק אונ דיזער האט דאס צוא גינומין פאר זיינעם איין קדיש :

איך בין פון דארטין אוועק גיפארין נאך מייני גישעפטין מער אהין בין איך ניט גיקומין . אונ האב דאהער מער קיין גילעגענהייט גיהאט מיט דעם קינד זיך צוא זעהן :

דא ניט לאנג מיט עניגע מאנהייטין צוא ריק האב איך דאס גליק גיהאט מיט אייער זון זיך צוא זעהן . איך האב אים באלד ערקענט אבער ער מיך גאר ניט . אונ קען מיך נאך יעצט אוך ניט מיט שמייכלדיגי רייד האב איך אים צוא זיך צוא גיצוגין איך האב אים אריין גינומין אוף מיין קווארטיר אונ דא האב איך אים אום גיפרעגט ווער ער איז , ער ענטפערט מיר אז ער הייסט דוד . קיין עלטערין האט ער ניט . זייא זענין , וויא מען האט אים אמאל גיזאגט , פאר ברענט גיווארין אין איין פאזשאר אין „שאניק" אונ ער האט זיך אום גיהאדעוועט ביי איין שניידער משה שער אין פיליש . אונ יעצט איז ער גישטארבין דער שניידער . איז ער (דוד) אהער אין קירכעוו גיקומין מיט דעם האפענונג ערגיץ אין איין קאנטאר אריין פאר איין שרייבער . מיר האט פליצום איין שיין גיגעבין איין שטראהל פון האפנונג אין קאפ צוא באקומין ביי אייך נאכמאלס געלד האב איך דרום אים גיראטין אז ער זאל אייך בעטין פיליייכט וועט איר אים צוא נעמין אין אייער קאנטאר . אונ אזו איז דאס גיוועזין . איך האב אן גיהויבין צוא קלערין פלאנין וויא אזו איך זאל אייך מודע זיין פון אייער זון אוף דעם אופן אז איך זאל פריער גוט באלונט ווערין פון אייך וויא פריער מיט 17 יאר אונ אלס איך האב גיקלערט . האט איר דער ווייל אים אוועק גישיקט אין גירשעוו . אונ באלד מאקי האט איר פון דארטין באקומין איין דעפעש אז דוד איז אין אדועל טוט גיפאלין . איך קאן אייך גאר ניט אום שרייבין הער לוסטמאן די יסורים וואס די נאכריכט האט מיר אן גימאכט . די נאכריכט האט מיך גידריקט פיל מער פון אייך ווייל ערשטענס ; האט איר דאך נאך ניט גיוויסט אז ער איז אייער זון . אונ צווייטענס . האט איר דאך ביי זיך גיוויסט אז דר דאפעש איז נאר איין אום גידענקטער מאקי פון אייער קאפ . נאר מיט איין פירטיל יאר שפעטער בין איך פון די שמערצין גיהאלפין גיווארין . אונ איך האב מיך צוא ריק גיזעהן מיט דודין . מיר מעגין אים שון רופין איסאק אונ ער האט מיר דער ציילט אז ער איז ביז יעצט קראנק גילעגין דורך דער ביטערער נאכריכט פון אייך וועם איר האט אים גימעלדעט אז זיין גיליבטע דינה איז פאר ברענט גיווארין . יעצט איז מיר אריין איין נייער גידאנק אין קאפ איך האב פאר שטאנין אז צווישין אים מיט דינהן וועט זיך יעצט אן הייבין איין גאנצער ראמאן אונ דער אינהאלט פון אים וועט אוודאי זיין אז מען זאל אייך טייטין אונ זייא זאלין קענין חתונה האבין . אלזא דארף איך דאס אייך צוא וויסין געבין אונ איר זאלט ניט גיהרגעת ווערין פון אייער אייגין קינד אונ מסתמא וועט איר מיך גוט באלוינין אוך ; איך האב אבער גיוויסט אז מיט לוטערי ווערטער וועט איר מיר ניט גלויבין . אלזא דארף איך אייך צוא שטעלין איבער ציגונגין אוף מייני רייד . איך האב נאך גיקוקט איסאקין אוף יעדער טריט זיינעם אונ האב פליצום באמערקט אז ער טראגט אין טאש איין קליינעם פארטפעל איך האב פאר שטאנין אז אין דעם דארף ליגין די בריף זייערי וואס זייא וועכסלין זיך איינער דעם אנדערין האב איך אן גיהויבין צוא קלערין וויא אזו מען דר טאפט דאס ביי אים אונ דער גאט וואס שיקט צוא דעם שפינדלער זיין פלאקס אונ דעם שכור זיין בראנפין . האט מיר אוך צוא גישיקט איין מאל אין יודעשין טהעאטער אזאלכין מאן וועלכער האט דורך מיין באפעל ביי אים גאנץ גישיקט ארום גישלעפט פון טאש

עס פארטפעל אונ האט דאס מיר איבר גיגעבן פאר אצעהן רובעלדיגין בילעט . אין דעם פארטפעל וואר מער ניכט וויא דרייא בריף דינהם . אונ גראדי דיא וויכטיגסטע אונ אינטערעסאנטסטי פאר אייך הער לוסטמאן :

וואס ווייטער עס איז גישעהן ווייסט איר דאך שון . איר ווייסט אז איך האב זייא אייך איבר גיגעבן פאר איין משעק אייערן אוף טויזנד רוביל . איר ווייסט אז איך היים ניט צוטערמאן זאנדערן הערמאן שטיינהוימער דער גנב פון אייער קינד . איר ווייסט יעצט אז דוד הייסט איסאק . איר ווייסט שון אז ער איז אייער זון וועלכער האט גיוואלט טייטן אייך זיינעם פאטער . איר ווייסט אז איר זענט זיין פאטער וועלכער האט גינוג שמערצין פאר שאפט אייער קינד מיט דעם וואס איר האט צוא גינומין זיין גיליבטע פאר איין פרוא צו אייך אונ יעצט איז זיא שון פאר פאלין אוף עוויג פון אים איר ווייסט ענדליך אז דינה וועט שון מער ניט טראכטין אוף אייך דעם טוט ווארין דאס וועט איר צוא קיין רעזולטאט יעצט פירין דען צווישין איר מיט איסאקין בלייבט יעצט שטיין איין אייזערנע צוים וואס קיין מענטש איז ניט אין שטאנד דאס אום צוא ברעכין . אונ איך ווייס אז איר וועט דינהן מיט איסאקין ניט איבר געבין אין דיא הענד פון דער פאליצייא . איר וועט דיא בריף תיכף פאר ברענין אונ דינה וועט פון יעצט אן אייך בלייבין איין טרייע פרוי . אונ איסאק אייער טרייער זון איר וועט אים געבין איין גרויסין נדן אונ ער וועט איין פיינעם שידוך טאן אונ גליק פרייד אונ פאר גניגין וועט הערשין אין אייער הויז דען אזוי ווינשט אייך אייער פריינד הערמאן שטיינהוימער :

N S. איך ווייס אז אוב איסאק וועט לעזין דעם בריף וועט ער אוודאי מיך פרעגין איין קלאץ קשיא . אז איך האב יא גיוויסט פון דעם סוד אז לוסטמאן איז זיין פאטער . פאר וואס זשע האב איך דאס אים באלד ניט גיזאגט ווען ער האט מיט מיר זיך באקענד וואלט דאך זיין פאטער בייא אים ניט צוא גינומין דינהן אונ ער וואלט ניט גידענקט דעם טוט אוף זיין פאטער . אוף דרויף וועל איך ענטפערין אז איך זאל דאס אים גיוועזן באלד זאגין וואלט איך ניט גיוועזן באקומין דורך זיין האנד דינהס צירונג פון 18 הונדערט רוביל . אונ אויך ניט לוסטמאנס משעק אוף טויזנד רוביל :

אלס לוסטמאן האט אפ גילייענט דעם בריף האט ער דאס איין קוש גיגעבן אונ דאס באהאלטין אין זיין טאש פאר פרייד האט ער איין פאטש גיגעבן מיט דיא הענד אונ אום גישריגין א גאט מיינער . וויא גליקליך איך בין . מיין יצחקל לעבט . א איך דאנק דיר גאט פאר דעם חסד וואס דוא האסט מיט מיר גיטאן אין מייני לעצטי טעג פון מיין עלטער . אונ דאס רייעדנדיג האט ער אן גיצונדין איין שוועבעלי אונ פאר ברענט אלי דרייא בריף דינהם . אונ אלס דאס פייער איז פארלאשין גיווארין רופט ער זיך אפ . אזו זאל פארלאשין ווערין מיין כעס אוף מיין פרוי מיט מיין זון . נאך דעם האט ער זיך אוף גיהויבין פון דער שטיל פיל מעכטיגער אלס ער האט אויף איר זיך גיזעצט אונ האט מאשינאלני פאר לאזט דעם זאל אונ האט זיך ענטפערנט צוא דינהס גאבינעט ער האט גימיינט זיא דארטין צוא טרעפין ער האט אוף גיעפענט דיא טיר אונ איז שטייען גיבליבין אוף דער שוועל . אין דעם גאבינעט דינהס איז קיינער ניט גיוועזין איין שוואכער שיין פון דער לבנה וועלכעס האט זיך אריין גישטולין דורך דעם אפענעם קווארטיריל פון פענסטער דאס אפ גישטעלט איבערין צוטער פיל שווארצי שאטין . דינה . רופט דער גרייז זיך אפ נאר קיין אנטווארט האט ער ניט באקומין . דינהלע . רופט ער נאכמאלס זיך אפ . ליב קינד מיינס שרעק דיך ניט דאס בין איך . איך בין ניט בייז אוף דיר . דיא בריף האב איך שון פאר ברענט . דוא ביסט דא . ענטפער מיר מיין לעבין . קיין אנטווארט האט ער יעצט אויך ניט באקומין . איבערין צוטער האט גיהערשט איין טאדעם שטילע אונ איין קאלטער שוידער

איז

איז איבר גילאפין דורך דיא ביינער פון דעם גרייז :

זיא איז ניטא . רעט ער צוא זיך ארום גייהענדיג פון דער טיר וויא קען זיא זיין ? אין פאווילאן אפשר . אונ דאס רעדענדיג איז ער ארום גיגאנגין אין גארטין ארין :

17

דער מארדטהאט ,

דיא שפראכי איז איינע פון דיא טייערסטי גאבין וועלכי דיא נאטור הט אונז מענטשין גישאנקין דורך איר קאנין מיר ארום געבין אונזערי גיפיהלע . אונ אונזערי גידאנקין יא דיא שפראכי איז איין גרוס גליק פאר אונז נאר אזו וויא אונטער דיא זאכי איז קיין פאלקאמענעם גליק ניט פעראן . דרום איז דאס גליק וואס מיר זעהן אין דער שפראכי אוך ניט פאלקאם דען דאמאלס ווען עס קומט אוף אונז חלילה איין פליצליכער איבר שרעק . אונ דארפין ארום רעדין מיט ווערטער דיא שרעק פון וואנין זיא איז גיקומין צוא אונז . באקומין מיר פליצום דעם פאראליטש . אונ מיר ווערין שטום . אונ דאס נעמליכי פאסירט אוך מיט אונז ווען מיר גיפונין זיך אין איין פליצליכי פרייד . דיא אויגין ווערין אין אונז גרוס . דם פנים ווערט רויט פלאם פייער דער מונד בלייבט אפען אונ דיא צינג צוא גיקלעבט צום גימין מירווילין רעדין . אום שרייען דיא פרייד ווס מיר פיהלין אונ מיר קאנין ניט דיא שטומע איז פון אונז אב גינומין . דאס נעמליכי האט אוך גיטראפין יעצט ר' אברהם לוסטמאן ער איז ארין גיגאנגין אין גארטין ארין אונ צוא אוף זיכין דינהן דארטין . ער איז צוא גיגאנגין צום פאווילאן אונ אלס ער הט זיא דארטין ניט גיטראפין האט ער זיך אום גיקערט צוא ריק . אונ אינסטינקטיווע (דורך איין נאטורליכין צופאל) האט ער איין בליק גיגעבין צום טויער , אונ ערזעהן דוידין ארין קומין איין פליצליכי פרייד האט באהערשט דעם גרייז. דאס פייער פון פאטער ליבי האט אן גיצונדין זיין הארץ . ער האט אום גישפרייט דיא ארעם אונ גיוואלט אום שרייען מיין קינד , מיין איסאק , נאר דא האט ער באקומין דעם פאראליטש אונ ער האט קיין ווארט גיקענט ארום געבין . ער האט זיך גילאזט צוא אים לופין מיט גרעסטין רעש . אונ צוא קיסען זיין איינציגין זון וועלכין ער האט 17 יאר ניט גיזעהן . דוד אדר איסאק האט גירעכענט אז לוסטמאן לופט מיט האס צוא אים . כדי ער זאל אים חאפין אונ איבר ענפערין אים צוא דיא ריכטער האט ער גיחאפט זיין רעוואלווער אין האנד אונ האט אום גישאסין . דיא קויל האט גיטראפין אים גלייך אין ברוסט אונ דר אום גליקליכער גרייז האט נאר איין גישרייא ארום גילאזט „מיין קינד" אונ איז תיכף דער גאנגין . דוד האט צייט גיהאט ארום צוא לופין פון חיטער אונ פון קיינעם ניט באמערקט צוא זיין . פון לוסטמאנס גישרייא אונ פון דעם אום שאס זענין אלי דינערשאפט זיך צוא נוף גילאפין אין גארטין אפאר דינער האבין באלד דעם ערשאסענעם ארין גיבראכט אין זיין גאבינעט ארין איינער איז גישווינד אוועק גילאפין נאך איין דאקטאר אונ דיא איבריגע האבין זיך צוא לאזט איבר דעם גאנצין גארטין אונ צוא אוף זיכין דעם מערדער . אין דעם איז באלד דינה אן גיקומין . זיא האט זיך גימאכט וויא זיא ווייסט פון ניכט צוא זאגין . זיא איז ארין גיגאנגין אין איר גאבינעט אונ האט אן גיקלינגין צוא איר קאמער מעדכין אונ זיא זאל איר אום קליידין דאס קאמער מעדכין איז ארין גיקומין מיט צוא שויבערטי האר אונ פאר בראכין מיט דיא הענד וואס איז דיר אמאליע . פרעגט זיא דינה . א מאדאם קלאגט דאס הערליכי מעדכין . איין גרוסער אום גליק איז גישעהן אין גארטין דער גוטער הער איער מאן איז דער שאסין גיווארין אונ מען ווייסט ניט פון וועמין ; וואס רעדסטו .

שרייט

שרייט דינה אום מיין מאן איז ערשאסין, מיין מאן · אונ דאס ריידענדיג איז זיא ארוס גילאפין אין גארטין · דאס קאמער מעדכין איז איר נאך גילאפין · וויא איז ער, שרייט דינה ארום לופענדיג אין גארטין וויא איז מיין טייערער מאן · מיין ענגעל · מיין רעטער · א ווייזט אים מיר · פילייכט לעבט ער נאך · זייא גיפונין זיך אין זייער גאבינעט ערווידערט דאס מעדכין · דינה איז אריין גילאפין אין גאבינעט · וויא דער ערשאסענער איז גילעגין אויף זיין בעט מיט גרוסי ארום גיקראכעני אויגין · פאר גאסין מיט בלוט צוויא לאקייען זענין גישטאנין לעבין בעט מיט אראפ גילאזטי קעפ אונ טרויערענדיג גיקוקט אויף דער לייכע · דינה האט זיך אווארף גיטאן צוא דעם ערשאסענעם אונ אן גיפאנגין צוא וויינין מיט איין העכסט יאמערענדי שטימע · זיא האט צוא ריסין אויף זיך דיא קליידער אונ צוא שוברט זיך דיא האר פון קאפ דיא דינער האבין קום זיא אפ גירסין פון דעם טוטין. זייא האבין גיפירכטעט דאס זיא זאל ניט אום גיין פון גיוויין אויף דער לייכע · וועה, שרייט דינה עס איז מיר שלעכט : ברענגט מיר וואסער, וואסער וואסער, א איך גייא אום · ביידי דינער זענין גישווינד ארום גילאפין איינער נאך וואסער אונ דער אנדערער. נאך טראפין · מיט דעם גילעגענהייט האט דינה זיך באנוצט זיא האט גישווינד אום גיטאפט אלי קעשענעס פון דעם גרייז אונ ארום צוא נעמין אירי בריף · נאר זיא האט אבער מער ניט גיפונין וויא איין בריף ליגין דארטין · זיא האט גישווינד מיט דער גרעסטער שנעליגקייט אים איבר גילעזין · העגד אונ פיס האבין אן גיהובין אין איר צוא צוטערין · ווייא איז מיר ! קלאגט זיא ביטער · דוד איז גאר לוסטמאנס פארלארענער זון גיוועזין · אונ ער הט יעצט ערשאסין זיין אייגענעם פאטער · זיא האט פאר בראכין מיט דיא העגד אונ איז אין אן מאכט גיפאלין · דיא דינער זענין אריין גילאפין אונ האבין זיא קוים אפ גימונטערט · אלס דיא אום גליקליכי פרוא איז עטוואס גישטארקט גיווארין איז זיא באלד אריין גילאפין צום קוטשער אין שטאל אונ אים באפולין אז ער זאל דיא מינוט איין שפאנין דעם קופע אונ מיט איר אוועק פארין צום האטעל כינא זיא האט אים גיזאגט אז דארטין שטייט איין גרוסער דאקטאר אונ ער וועט אפשר קענין נאך רעטען איר מאן · דער קוטשער האט איר באפעל איספאלנעט אונ איז מיט איר אין דיא זעלבי מינוט אוועק גיפארין צוא דעם ארט וויא זיא האט אים גיזאגט :

18

דיא צווייא אום גליקליכע ליבענדע ;

נאר דער מיט קענען מיר מענטשין אונז רוהמין אז מיר שטייען העכער פון אלי חיות דאס מיר באזיצין איין גיוויסענס ביסע וועלכער נאגט אונ פלאגט אונז שטילערהייט אלס מיר טאן אפ דיא פאר ברעכין · אונ בייא דיא חיות איז דאס שון ניט פעראן · דער וואלף צום בייא שפיל וויא פיל שעפסין ער זאל צוא רייסין וועט זיך קיין מאל ניט פרעגין · וואס האב איך גיהאט צוא דיא ארימע שוואכי שעפעליך · וואס זענין זיי שולדיג אז מיך הונגערט · צוא זענין זייא דען ניט אזאלכי ברואים וויא איך · צוא האבין זייא דען ניט גלייך מיט מיר דעם חשק צוא לעבין · דער בלוט גיעריגער טיגער ווען ער שטיקט אוים איין גאנצין קאראוואן מיט מענשין אונ פיה אין איין וויסטע · אונ גיראדי דאמאלס ווען אים הונגערט ניט ; וועט ער דאך זיך ניט פרעגין אין גידאנקין · וואס האב איך צו דיא ארימע מענטשין גיהאט · וואס זשע האב איך זייא צוא ריסין · איך בין דאך ניט הונגעריג גיוועזין · קיין טראפין בלוט איז דאך ניט אריין גיקומין אין מיין מויל פון זייערם · אונ דער קענין דער

העכסט פאר דארבענער מענטש · דער גיבארענער רוצח וועלכער האט שון גינוג רציחות אוף זיין לעבין אן גיטאן · הט אבער זייני מינוטין איןוועלכי דער סאוועסט אדר דער גיוויסענס ביסע ערוועקט זיך אין אים אונ שטילערהייט נאגט ער דעם מערדער אונ פיל מאל טרעפט אז מערדער געבין זיך אליין איבער צוא דיא ריכטער דאדורך וואס דער גיוויסענס ביסע מיטשעט זיי אונ בפרט נאך אז איין ערליכער מאן וואס שטענדיג פערבאכט דיא רציחות מיט דיא רוצחים אלס ער טוט איין רציחה אים מיטשעט דר גיוויסענס ביסע נאך מער ער רעט מיט אים ניט אופין וואונק זאנדערן ער שטעלט אים דעם גאנצין מארדהאט פאר דיא אויגין מיט דיא גרוזאמסטי שטראף פאר דעם · דאס נעמליכע באגעגענין מיר יעצט ביא אונזער איסאקין (דוד) · מיר זעהן אים ארום לופין פון חיטער ער לופט אן איין אטהעם צוא זיין קווארטיר אבער ער קוקט זיך ניט אום פון אונטין ער האט מורא · פיליכט וועט ער ערזעהן וויא מען יאגט אים נאך ער הערט · דאכט זיך אים שרייען: חאפט דעם מערדער · אט לופט ער · לאזט אים ניט אפ · דאס איז ער · יא דאס איז דער מערדער וואס האט גישאסין איין זעכציג יאהריגין גרייז · פליצום האט ער זיך אן גישלאגין אין איין בוים · דעם אום גליקליכין האט אום גיוויזין אז איין מענטש האט אים אפ גישטעלט אונ וויל אים פאקין · ער איז ווייטער גילאפין איבער דעם גאנצין וועג אין סטעפ הט גיהערשט איין טאדעס שטילע דער הימעל וואר פאר וואלקענט אונ דער פינסטערער נעבעל פון דער נאכט וואר אזוי גידעכט דאס נאר מיט דיא הענד אים אן צוא נעמין · דער ווינד האט גיבלאזין גישמאק אונ דער ווידער האל פון אים וואס האט אום גיוויזען גאנץ טרויערדיג אונ וויינענדיג הט איסאקין גיבראכט אין טוט שרעקיניש · אים האט זיך גידאכט אז ער הערט וויינין אונטער זיך דעם אלטין ערשאסענים גרייז · ער הערט זיין לעצטין קרעכין מיט דיא רעטוזעלהאפטי פאר ווערטער · „מיין קינד” אך · וויא קום איך שון אהיים · דענקט דער אום גליקליכער איסאק דארטין וואלט מיר שון גוט זיין · איך וועל ניט מער הערין דאס ביטערי קלאגין פון דעם ווינד · עס וועט זיך מיר ניט דאכטין וויא מען לופט מיר נאך · ער איז ענדליך אן גיקומין צוא זיין קווארטיר · מיט ציטערנדי הענד האט ער אוף גישלאסין דיא טיר פון זיין נומער ער האט אפילו קיין פייער ניט אן גיצונדין · זאנדערין האט זיך באלד אריין גילייגט אין בעט אונ דעם רעוואלווער האט ער באהאלטין אונטערן קישין ער האט פאר שלאסין דיא אויגין אונ גימיינט אנשלאפין צוא ווערין נאר דער שלאף איז צוא אים ניט גיקומין דורך דיא פיל גידאנקין וואס האבין זיך פאר זאמעלט אין זיין קאפ · אונ אלי צוא זאמין האבין אים פאר גישטעלט נאר איין זאך · לוסטמאנס בילד · אים האט זיך גידאכט אז ער זעהט לוסטמאנין צוא אים לופין · דיא אויגין זענין ארום גישמארט אונ קוקין מיט איין אום באשרייבענדי פרייד · דאס גיזיכט איז אים רויט אונ ביא דיא ווינקלין אוף דיא וואנגין זעהט ער דאכט זיך ליבי שמייכלין · דיא ליפין שאקלין זיך ביא אים דער מונד איז אים אפען אלס ער וויל אים איין שלינגין אונ ביידי הענד זענין קעגין אים אום גישפרייט · ער לופט מיט אלי קרעפטין צוא אים אלס ער וויל אים אין זייני ארמע ארין חאפין · ער איז שון ניט ווייט פון אים אלס ער (איסאק) חאפט דעם רעוואלווער אין האנד אונ שטעלט דעם קוראק צוא זיין ברוסט · ער זעהט וויא דער גרייז ווארפט מיט דיא הענד · פונטעלט מיט דיא אויגין צוא אים קלאפט מיט דיא ליפין ער וויל עפעס זאגין אים נאר ער וויל ניט ווארטין ער שיסט באלד אוף אים אום דער גרייז פאלט צוא באדין מיט דעם פנים ארוף אונ שרייט ווילד אום „מיין קינד” אונ ווערט פאר שווינדין פון זייני אויגין „וואס זאל דאס באטייטין” פרעגט איין גידאנק אין איסאקין · וואס האט ער עפעס גישריגין נאר מיין קינד · פאר וואס האט ער ניט גישריגין מיין מערדער · איסאק האט אן גיהובין צוא צוטערין מיט אלי אברים פאר דעם לעצטין גידאנק · פליצום האט ער דערהערט טריט לעבין זיין צוטער פון דרויסין ·

אונ

אונ באלד האט איין שוואכי האנד אן גיקלאפט בייא אים אין טיר . „א" רעט ער צוא זיך . ווער ווייסט ווער עס שטייט אין דרויסין . פיליכט דיא פאליציייא הערין גאר . גאר באלד האט ער דר הערט איין שוואכי שטוממע צוא אים רעדין פון דרויסין . דוד , עפין מיר אויף :

באלד מייני פריינדין ; ערוויעדערט ער אראפ שפרינגענדיג פון בעט . ער הט אן גיצונדין פייער אונ גיעפענט דיא טיר . דינה איז אריין גיקומין . דורך דער שיין פון ליכט האט זיא אום גיוויזין וויא איין לייכי וואס איז ארויס גינומין פון זארג :

דוא ביסט בייא מיר איין אום גירעכטער גאסט דינה . רופט ער זיך אפ דאס זאל אויף עפעס באטייטין . יא זאגט זיא דאס באטייט אויף זייער איין וואזשנע זאך :

גאט , שרייט איסאק אום מיט צוטערנעש פאר מוטליך בין איך אויף גיזיכט גיווארין פר דעם מערדער זיינעם , דאס ניט . נאר אבער :

וואס מיינסטו מיט דעם „אבער" א זאג מיר מייני טייערי דינה , איז דען רעכט פאר דיר אז אין יעצטיגער שרעקליכער שטונדע אין וועלכי איך האב איין מענטשין גישאסין דורך וועלכין אלי מייני גלידער צוטערין אונ יעדער מינוט וואס קומט אן ער ווארטע איך גאטס שטראף . אין נון ווילסטו פון מיר פר שוויגן אזעלכי זאכין וואס דארפין גאר מיך אינטערעסירין . דינה הט זיך ארויף גיווארפין אויף זיין האלז אונ ביטער גיקלאגט . א דוד דוד , וויא גליקליך וואלטין מיר גיוועזן ווען דוא זאלסט ניט גיוועזן שיסין לוסטמאנין . נאר גיין , איך אירע מיך מיר וואלטין דאן אזוי גלייך אום גליקליך גיוועזין וויא יעצט . יא דוד אום זונסט האט אונז גישמייכעלט דער האפענונג מיר זאלין פאר איינעגט ווערין נאך זיין טוט . דען יעצט האט איין אייזערני פרעגראדי צווישין אונז זיך אפ גישטעלט . א מיר זענין צווייא אום גליקליכי וועזענס מיט איין פאר פינסטערי שיקזאלין :

איך פאר שטייא דיך ניט דינה . ווארום זענין מיר יעצט אום גליקליך . וועלכי פרעגראדי שטייט צווישין אונז . פיליכט זענין דיא בריף דייני שון בייא דיא ריכטער אין דיא הענד . פיליכט ווארט פאר אונז שון דער עשאפאט :

א ניין , ניט דאס מיין ליבער . וועלכעס דען . פרעגט ער :

א דוד דוד , קלאגט דינה , פאר וואס זאלסטו ניט פר שטיין , דוא האסט איין שרעקליכי מארדהאט גיטאן . אונ אך דיא פאר אורזאכערין דער פון בין איך גאר . איך האב דיך דער צוא גיבראכט . דורך מיר האסטו אים איינסט שיער ערשטיקט מיט דעם קישין דורך מיר האסטו אים אמאל שיער צוא קוועטשט מיט דער דראזשקע אונ ענדליך דורך מיר האסטו אים היינט ערשאסין אויף טוט . א שים מיך אוך מיין ליבער נאר אום גליקליכער דוד . איך בין דאס ווערט , איך האב דאס פאר דינט , דורך מיר האסטו פארלורין דיין גאנץ נאהענסטין אונ בעסטין פריינד :

איך פאר שטייא דיך אלס ניט דינה . שטאמעלט איסאק מיט שודערנדי ליפין :

נאך פאר שטייסטו מיך ניט א אום גליקליכער מענטש , נאך ווייסטו ניט וואס איך מיין מיט מייני רייד . א זאג מיר מיין ליבער . ווער הייסט בייא אונז דער גאנץ נאהענסטער פריינד אונזערער . דיזער הייסט בייא אונז „פאטער" ערוויעדערט איסאק קוקענדיג אויף איר מיט גרויסי פאר וואונדערטי אויגין :

אין נון האסטו דיזען ערשאסין :

איסאק האט זיך אויף גהובין האסטיג פון זיין ארט :

ווער , שרייט ער ביטער . איך האב מיין פאטער ערשאסין . לוסטמאן וואר מיין פאטער . ניין דאס קען ניט זיין . מיין פאטער איז פאר ברענט גיווארין אין איין פאזשאר נאך ווען איך וואר איין קינד . דאס איז ליגענד , ליגענד , דינה , אום זאנסט שרעקסטו מיך . מען האט דיך גינארט אונ דוא נארסט מיר :

אָ, יאָמערט זיא ביטער הלוואי וואלט דאס ליגענד געוועזן וויא גליקליך מיר וואלטין אצונד געוועזן, אָבער ניין, דאס איז אמת דער פאקט ווייזט אז דאס איז אמת:

וועלכין פאקט האסטו צוא דעם. אנשטאט איין אנטוואָרט האט אים דינה געגעבין דעם בריף צוא ליינין וועלכין זיא האט געפונין בייא דעם ערשאסענעם אין טאש. איסאק האט איבער געליינט דעם בריף פון אנפאנג ביז אין ענדע. נאך דעם פאר ברעכט ער מיט דיא הענד אונ ארום לויפענדיג איבערין צוטמער שרייט ער. איך הייס גאר איסאק. איך בין דאס אום גליקליכי קינד דורך וועלכין מיין טרייער פאטער האט געטרויערט 17 יאר. איך בין דאס אום גליקליכע קינד איבער וועלכין מיין טרייע מוטער האט געקרענקט 16 יאר אונ דורך מיר איז זיא געשטארבין. איך בין דער אום גליקליכער זון וואס האב מיין אייגענעם פאטער געשאסין. אין דעם מאמענט וואס ער איז געוואר געווארין אז איך בין זיין קינד. אין דער רגע וואס ער האט אום געשפרייט זייני ארעם מיך אום צוא ארעמען. אין דער זאקונדע ווס ער הט צו מיר אום געשריגן „מיין קינד" האב איך מערדער אים געשאסין. אָ אפ שטארבען זאלין דיא פיס וואס זענין געגאנגין שיסין אים: פאר דולט זאל ווערין דער קאפ וואס האט באשלאסין אים צוא טייטין. אפ גענומין זאל ווערין דיא האנד וועלכי האט געהאלטין דעם רעוואלווער מיט דעם קוראק צוא זיין ברוסט. איך בין איין מערדער. צוואר איין אום שולדיגער מערדער זיינער. דאך מערדער הייס איך. אָ ערד, עפין אויף דיין מויל דעם צווייטין מאל אונ שלינג איין אין זיך דעם זינדיגין שרעקליכין מערדער. וועלף, טיגערין, לייבין, שלענגי, קומט אהער אלי צוא מיר. צוא רייסט מיין זינדיגין קערפער אויף שטיקליך: טרינקט מיין בלוט. פרעסט מיין פלייש. איך בין דאס ווערט. איך האב דאס פאר דינט. אפ שרייענדיג דיזע פאר צווייפעלענדיגי ווערטער האט ער אוואָרף געגעבין זיך צוא זיין שטילי האט פאר ווארפין מיט דעם קאפ אונ זיך ביטער צוא וויינגט. דינה איז געזעסין קעגין אים אן געשפארט דעם קאפ אויף ביידי הענד בייא דעם טיש אונ גאנץ הויך געקלאגט פאר פלוכט זאל זיין דער גנב דער הערמאן שטיינהומער. אלי שטראף גאטס זאלין פאלין אויף דעם נידערטרעכטיגין מענטשין. ער האט דאס פון אנפאנג אן געוויסט זייט דוא (איסאק) ביסט געקומין אין קירכעוו אז דוא ביסט לוסטמאנס זון אונ האט דאס דיר ניט געוואלט מגלה זיין ביז אין דער לעצטער מינוט האט ער באהאלטין בייא זיך דעם סעקרעט. אָ, ווען ער זאל דאס געוועזן באלד אום זאגין וואלסטו דאך מיין ליבער צו דעם שרעקליכין מארדטהאט ניט געקומין: לוסטמאן וואלט דיא אינטריגע ניט געוועזן אויף געטאן מיר וואלטין ביידי שוין פאר הייראטעט געוועזן אונז דיין פאטער וואלט זיך באגנוגין דער מיט מיך צוא זעהן פאר זיין שוויגער טאכטער (שנור), אונ אצונד. אָ פינסטער איז אונז אונ ביטער. זענין מיר דאך פארלארין שון אויף אימער איינער פון אנדערן. אונ קוים ניט פאר איינגט צוא זיין איז דאך אונז שון פיל ליבער צוא שטארבין. יא איסאק דער צוא מוזין מיר זיך באשליסין. אז מיר קאנין שון ניט איינגט זיין בייא דעם לעבין אלזא לאמיר זיך פר איינגן נאך אונזער טוט:

איסאק האט איר ניט געענטפערט ער האט זיך פליצום אויף געהאפט פון זיין שטיל. איז צוא געלאפין צוא דער שאפע אונ ארום געהאפט זיין אובער ראק אונ אלס ער האט אים אן געטאן אויף זיך האט ער זיך געלאזט לויפין צוא דער טיר. דינה איז אים נאך געלאפין אונ אים אן געהאפט בייא דער האנד. וואס ווילסטו טאן איסאק. פרעגט זיא אים שודערנדי. וויהין ווילסטו גיין:

לאז מיך דינה. זאגט ער. לאז מיך גיין. איך וועל מיך איבער ענטפערן צו דיא ריכטער. איך האב שרעקליך געזינדיגט איך מוז באשטראפט ווערין: איך טאר ניט פאר שוויגין מיין פאר ברעכין. זאלין אלי וויסין אז איין זון האט ערמארדעט זיין אייגענעם פאטער: אונ איך זאל אום באשטראפט בלייבין ווילסטו. דיר קומט ניט צוא באשטראפין.

ענ פרעט

ענפֿערט ער . דייני הענד האבין קיין מענטשין בלוט ניט פֿאר גאסין :

אבר איך האב דיך אן גירעט אז דוא זאלסט אים טייטין :

ווען דוא האסט מיך אן גירעט האסטו נאך ניט גיוויסט אז ער איז מיין פֿאטער :

דינה האט אפאר מינוטין גישוויגין . נאך דעם רופֿט זיא זיך אפ . הער אום מיין ליבר. דיא שטראף וואס דיא ריכטער וועלין דיר געבין איז ניט פֿאר דיין עהלין קערפער דאס אום צוא האלטין זייא וועלין דיר ניט געבין דעם טוט . דען היינט איז קיין טעליעסנע נאקאזאניעס ניט פֿעראן זייא וועלין דיך פֿאר שיקין אין זיביר אוף קאטארזשנע ארבייט וועסט זייער פֿיל ליידין אבר לעבין וועסטו דאך . דרום איז מיין עצה אז דוא זאלסט מיט דער געטליכער ארודיע מיט וועלכער דוא האסט דיין פֿאטער ערשאסין אוך זיך שיסין אונ דאן וועסטו הייסין איין אמתר ביסערער (בעל תשובה)

האסט רעכט מייני טייערי . ענפֿערט ער . איך פֿאלג דיך . אונ דאס ריידענדיג האט ער אראפ גיווארפֿין פֿון זיך דעם ראק . אונ האט ארוס גינומין פֿון אונטער דעם קישין דעם רעוואלווער אונ וואר שון פֿארטיג זיך אום צו שיסין . נארדינה הט אים אפ גישטעלט. שטייא איסאק . רופֿט זיא זיך אפ . איידער דוא וועסט זיך ערשיסין וויל איך אז דוא זאלסט מיך פֿריער אום שיסין :

דיך אום שיסין . דיך מייני טרייע ליבענדי . א ניין . דאס קיין מאל ניט :

ווארום דען ניט . פֿרעגט זיא . צוא דען מיינסטו אז איך וועל נאך הייראטין . צוא דען ביסטו ניט איבער צייגט מיט מיין ליבי צוא דיר . א איך ליב דיר מיט מיין גאנצין לעבין אונ אלס איך קאן שון מיט דיר ניט הייראטין . אלס דוא מוזט שון שטארבין וויל איך אוך ניט מער לעבין . דיזע זענין דיא לעצטי ווערטער מייני איסאק . יעצט בעט איך דיר טוא מיר גיפֿעליגס . אין דער לעצטער מינוט פֿון דיין אב שיידין זיך פֿון מיר . ערפֿיל מיר מיין לעצטי בקשה . איסאק האט אפאר מינוטין גיטראכט נאך דעם רופֿט ער זיך אפ . גוט דיין בקשה זאל ווערין ערפֿילט . שטייא אוף :

גיין . ענפֿערט זיא . איך וויל זיצענדיג שטארבין שיס אום איך בין גרייט צוא עמפֿפֿאנגין דעם טוט . נאר למען השם פֿאר פֿעל ניט זאלסט מיר קיין שמערצין פֿאר שאפֿין . דינה האט פֿאר מאכט דיא אוגין אונ איסאק האט זיך גישטעלט קעגין איר אונ גישטעלט דעם קוראק ניט וויט פֿון אירי ברוסט . אונ ביטער . גיקלאגט . א גאט . א גירעכטער שופֿט פֿון דער וועלט . דיין ווילין איז . אז איך זאל צווייא נפֿשות אום ברענגין מיט מיר דעם דרוטין . א ווער וואלט דאס מיר זאגין אז עס וועט קומין איין צייט וואס איך וועל דארפֿין דיך מייני טייערי דינה שיסין . איך ליב דיך אזו שטארק . אך וויא שיין וויא רייצענד דוא שיינסט מיר . דיין גאנצעס וועזין איז בייא מיר וויא איין ענגיל גאטעס . אונ דיזער ענגיל דארף פֿאלין פֿון מייני הענד פֿר איין אפפֿער צום טוט . אונ איך דיין אום גליקליך ליבענדר. וועלכער וואלט זיין לעבין . זיין גאנצעס אירדישעס גליק גיאפפֿערט פֿאר איין מינוט דיך גליקליך זעהן . דארף יעצט דיין ווירג ענגיל (מלאך המות) זיין . א פֿינסטער איז מיר אונ ביטער . בייא דיא לעצטי רייד איז ער ארוף גיפֿאלין אוף איר האלז . איין העכסט טראגעשי קארטינע וואר יעצט צוא זעהן דארט . צווייא ליבענדי ליגין אוף דיא העלזער איינער בייא דעם אנדערין . טרערין גאנצי קוואלין גיסין אום זייערי אוגין . דיא הערצער זענין צוא גיקניפֿט איינע צוא דיא אנדערי . דיא גידאנקין זענין פֿאר איינגט . איין זעלע בלייבט ביידי קערפֿערין אונ דאך מוזין זייא אפ גישיידעט בלייבין . אונ וויא אזוי . איינער וועט אוועק רייבין דאס לעבען בייא דעם אנדערין בייא זיין היים ליבענדי . אונ נאך דעם וועט ער אוך זיך טייטין . דינה האט ענדליך אפ גיריסין איסאקין פֿון זיך . גינוג מיין טייערער . גינוג אונז צוא לעבין . מיר טארין מער ניט לעבין . אונזערי פֿינסטערי שיקזאלין ערלובין

דם אונז מער ניט · שטעל דעם קוראק צוא מיין ברוסט אונ שיס מיך אום · אינסטינקטיווע האט ער גינומין דעם רעוואלווער אין האנד · דיא פיס האבין זיך אים גיבויגין ארונטער · דיא אויגין האבין זיך אים פאר גאסין מיט בלוט · ער האט אויף גיהערט צוא פילין אונ דענקין · אונ נאך דעם איז ער צום גדענקין גקומן ווען דר פיסטויל הט אום גשאסן · דיא קויל האט ניט פאר פעלט זיא איז גלייך אין דינהם הארץ · דיא אום גליקליכי האט אפילו נקיין גישריא גילאזט הערין פון זיך · דען זיא איז באלד אראפ גיפאלין פון דער שטיל טוט צוא באדין · פון דעם אום שאס זענין זיך צוא נוף גילאפין אלי לאקייען אונ אוך דערנווירט פון דעם האטעל אונ האבין אנפאנגין צוא רייסין דיא טיר · איסאק האט אוספייעט נאך זיך אום צוא שיסין · אונ אלס דיא מענטשין האבין אויף גיבראכין דיא טיר · אז שון דער אום גליקליכער איסאק גילעגין טוט לעבין דעם ערשאסענעם קערפער פון זיין ליבענדי :

19

דער שלום ,

דער אפעריסט הערמאן שטיינהומער · וויא דער לעזער שון ווייסט · האט באקומין אטשעק פון אונזער זעליגין לוסטמאן אויף טוזינד רוביל · ער איז אויף מארגין גיגאנגין אין באנק אונ האט דיא סומע באקומין · ער וואר גאנץ פרייליך אונ האט צוא גלייך זיין פריידי מיט געטהיילט זייני חברים דיא אפעריסטין · זייא האבן אים שטארק גלובט פאר זיין אפערע · נאר איינער פון זייא איין אלטער אפעריסט האט אים רעכט מקנא גיוועזן אדר פשוט ניט פאר גינין אים „ווארט" טראכט ער זיך · אלי ריטין דיך אצונד פאר איין גרוסין אפעריסט · באלד אבער וועל איך קעגין דיר נאך איין גרעסערי אפערע אויף שפילין · דוא וועסט שון האבין מכות ניט קיין געלד · איך האב איין זון מיט איין טאכטער גאנץ גילערענטי אין דער אפעריזמושע וועלט זייא וועלין דיך שון היינטיגע נאכט באשטולין דורך איין קליגע אפערע וואס איך וועל זייא אויף געבין :

הערמאן האט גיוואונט אליין אין איין שטיביל אויף דער שוסטער גאס דיא גאס וואר דיא פאר שמוציגסטי פון אלי גאסין אין קירכעוו הייזער ווארין גאנץ וויניג דארט אונ דיא באוואהנער נאך וויניגער · דארום ווען עס איז נאר נאכט גיווארין וואר דארט שון שטיל וויא אויף איין בית הקברות · אין דעם שטיביל וואס הערמאן האט גיוואונט איז גיוועזן 2 טירען · איינע האט גיפירט צום גאס אונ דיא אנדערי אין הויף ארייז ·

עס האט באגינין דיא 10 טע שטונדע דעם אוועגדם · הערמאן איז גיזעסין לעבין טיש אויף וועלכן עס איז גלעגן דינהם צירונג מיט איין פאק פאזיטין · חע חע חע · שמייכלט ער צוא זיך קוקענדיג מיט ליבי ליידענשאפטליכע בליקין אויף דעם צירונג מיטין געלד · ווער וואלט דאס גיגלובט אז הערמאן דער ארימער אפעריסט וועלכער פלעג זיך ארום דרייען אין דיא גאסין מיט איין מעשין קיטיל אום צוא נארין ביא איין יאלד אפאר רוביל וועט נאר פליצום אזו רייך ווערין · עפעס איין שפס · פאר 18 הונדערט רוביל ברילאנטין אונ טוזינד רוביל פאזיטין · נייע קנייקענדיגי קערבליך · ערשט פון דער מאשינע ארוס · חלעבין אז איך מעג שון זאגין אז איך בלייב איין גביר · נאר דם איינע קרענקט מיך אז אלי דריי · לוסטמאן דוד מיט דינהן זענין אלי גישאסין גיווארין כמעט דורך מיר · נאר וואס בין איך שולדיג · ווען איך זאל גיוועז ווסין אז דוד גייט שיסין זיין טאטין וואלט איך דם אים ניט דער לאזט · מיר טוט נאר באנק פאר וואס האב איך געסטערן ווען ער איז צוא מיר גיקומין ניט מודיע גיוועזן אז ער איז לוסטמאנס זון · נאר אוך דיא קשיא · ווען ער וואלט דם פון מיר געסטערן

גיוואר גיווארין • וואלט איך דאך שון ניט גיקענט נעמין קיין טויזנד רובל ביא זיין טאטין• ופראטשעם טשארט וואזמיא • גישטארבין באגראבין • וואס דארף איך מיך דא אזו אוועק לייגין • איך האב דאך זייא ניט גישאסין • אין דעם האט הערמאן פליצום דר הערט איין פרוען שטומע פון דרוסין גאנץ הויך שרייען • רעטעט • ער קולעט מיך • את את • אוי • גיוואלד :

הא • וואס איז דאס ? פרעגט זיך הערמאן ארוס לויפענדיג פון דער טיר מיט גרוס אומפעט : אונ ער שטיל שווייגענדער מאנד האט אים באלד אן גיצייגט איין אנטווארט אויף זיין פראגי • איין העכסט שרעקליכעם בילד האט פאר זייני אויגין ערשיינט ; ניט ווייט פון זיין טיר אויף דער ערד גילעגין איין יונגע פרוי פון אויאר 20 מיט צוא שובערטי האר : מיט אפענע ברוסט אונ דיא אויגין האבין אין איר גיקוקט מיט דעם גרעסטין שרעק • דעבין איר איז גישטאנין איין יונגער מענטש פון אויאר 25 אריסטאקראטעש גיקלייט • מיט איין פיס האט ער גידרוקט אירי ברוסט • אונ מיט איין האנד האט ער זיא פעסט גיהאלטין ביא דיא האר • אונ אין דער אנדערי האנד האט ער גיהאלטין איין לאנג מעסער אונ גיוואלט איר דעם האלז איבער שניידין ; דיא פרוי האט זיך גיווארפין אונטער אים אונ יאמערליך גישריגין מערדער • שרייט הערמאן אום צום יונגין מאן אוועק שטוסענדיג אים פון דער פרוי • וואס האסטו צוא דער פרוי • הא :

דיא פרוי האט זיך שנעל אויף גיהובין פון דער ערד אונ איז ארייין גילאפין אין הערמאנס צומער אונ האט באלד פאר שלאסין אונטער זיך דיא טיר • וואס האט דאס צוא אייך • פרעגט דער יונגער מאן אים מיט כעס • איך גיב קיין רעכנונג ניט אפ קיין פרעמדין פון מייני מהאטין • וויא איז דיא פרוי • שטעלט זיא מיר תיכף צו זיא איז ארייין גילאפין צוא אייך אין שטוב ? אונ דאס רייענדיג האט ער זיך גילאזט לויפין צום טיר נאר הערמאן האט אים פאר שטעלט דעם וועג • שטייט יונגער מאן • זאגט ער צוא אים • איר האט קיין רעכט אין מיין צומער ארייין גיין אן מיין ערלויבניסע אונ אוב איר וועט מיר ניט זאגין פאר וואס איר ווילט זיא קולין גיב איך אייך תיכף איבער אין דיא הענד פון דער פאליציא • דער יונגער מאן האט זיך ערשראקין דאס הערענדיג • מיין הער ענטפערט ער אים איך וועל אייך דער ציילין דיא פריטשינע פון מיין כעס אויף דער פרוי אבער מיט דעם תנאי אז איר זאלט מיר ניט איבער ענטפערין צוא דיא ריכטער נאר איר זאלט אליין זיין צווישין אונז ביידין דער ריכטער • דיא מעשה דער פון איז אזו • איך בין איין איינציגער ביא מיין פאטער • אונ איר ענטשולדיגט מיר גינעדיגער הער וואס איך וועל זיין נאמין פאר אייך ניט אן רופין • דען ער איז זייער גיאכטעט אין שטאט וויל איך עפענטליך ניט פארשמוצין זיין נאמין • דיזע פרויא האט ביא אונז גידינט אין הויז אונ איך האב מיך אין איר פאר ליבט • מיין פאטער האט דאס זיך ערוויסט האט ער מיך אנפאנגס גיבעטין איך זאל אפ ווענדין פון איר אונ אלס זייני רייד האבין אויף מיר ניט גיווירקט האט ער מיך מיט איר ארוס גיטריבין פון זיין הויז מיך האט דאס ניט גיקוטערט דאס גאנצי רייכטהום פון דער וועלט וואר ביא מיר איין שפאס קעגין איין ליבין בליק פון דער גיליבטער מיינער • איך האב איר גידינגען איין וואונונג • אונ אליין פלעג איך גיין צוא דיא גאוואנעס ארבייטין טאג טעגליך אונ זיא זאל קיין דחקות ניט לידין • שטעלט אייך פאר מיין הער איך איין בן יחיד איין איידעל קינד האב גיארבייט פאדיאנע • נוא הייסט דאס גינוג זיך גיאפפערט פאר דער בעסטיע • הערט אבער אום איין פאלשקייט פון איין פרוי • געסטערן בין איך שפעטער אהיים גיקומין וויא תמיד שטעלט אייך פאר מיין לאגע אלס איך קום ארייין אין שטוב אונ טרעף דיא קאנאליע מיט איין שרייבער פון מיין פאטערס הויז • איך בין אן גיצונדין גיווארין אום כעס אונ פאר דראס אויף איר • זיא איז אבער באלד ארוס גילאפין דורך דעם פענסטער אונ

אין היינטיגן אוועגד האב איך זיא ניט מער גיזעהן · איך האב מיך באשלאסן זיא נאר צוא קולין מיט איר בלוט וועט ווערין אף גילאשין מיין צארין אונ האב זיא אלזא דא דער ויסט גיין · נאר צוא איר טרפה גליק האט איר מיר איבר גישלאגין · שאדע זיא וואלט שון יוועין יעצט איין גיקולעטי :

הערט אום יונגער מאן רופט הערמאן זיך אף איך וועל זיין אייער ריכטער נאר איר זאלט מיך אבר פאלגין דיא פרויא האט פאר דינט אוף זיך אייער פאר אכטונג נאר ניט דעם טוט עס קומט איר ניט צוא קולין · ווארין דא איז ניט קיין אזיאטעשע שטאט וואס מענטשין בלוט איז וואלוועל · דא זענין יעווראפייער וועלכי ליידין קיין רציחות · איז אלזא מיין פסק · דאס איר זאלט איבר בעטין אייך מיט אייער פאטער אונ אוף דער פרוי זאלט איר ניט מער קוקין · גאנץ רעכט ענפערט דער יונגער מאן דאס וועט זיין פאר איר איין גוטע שטראף זיא וועט האבין לעבענדיגי צרות : אונ דאס אף ריידענדיג איז ער פאר שווינדין גיווארין פון זייני אויגין הערמאן איז צוא גיקומין צוא זיין טיר ער וויל זיא עפנין · זעהט ער אז זיא איז פאר מאכט · ער קלאפט אפאר מאל אן אונ האט קיין אנטווארט ער איז אריין גיגאנגין אין הוף האט ער גיטראפין דיא צווייטי טיר אפין · אונ דעם לאמפ פון שטוב אום גילאשין מיט גרעסטין ערשטוינונג האט ער אן גיצונדין פייער · ער קוקט זיך ארום איבערין שטוב ניטא קיין פרוי · ער גיט איין בליק צום טיש ניטא קיין צירונג אונ קיין געלד · איין גנב איז איין מבין אופין אנדערין הערמאן האט באלד פאר שטאנין אז דיא פאר מענטשין האבין אים איין אפערע גימאכט · ער איז איין פאר צווייפעלטער נידער גיפאלין אוף איין שטיל אונ פאר בראכין מיט דיא הענד · א, קלאגט ער ביטער · פר פאלין מייני ברילאנטין פאר לורין מיין געלד · 3 מענטשין זענין דורך מיר גישטארבין אונ ערשט בין איך צוריק דער פאריגער קבצן · א, איך האלט דאס ניט אוס איך בין צוא שוואך צוא ערטראגין דעם גראם מיט דיא בושה · אז 2 יונגע שנעקים זאלין אף נארין איין אלטין אפעריסט וויא איך הערמאן שטיינהוטער בין · אלי וועלין דאך מיך אוס לאכין וויא וועל איך דם קענין אריבער טראגין · אונ נאך וואס זאל איך גאר לעבין · אין ארימקייט וויל איך מער ניט לעבין גינוג זיך שון גימוטשעט · אונ נאך אמאל אזא נס וועט מיר שון ניט גישעהן אלזא זאל איך שטארבין · טשארט וואזמיא · ער האט זיך אוף גיהובין פון שטיל האט אראפ גינומין דעם גירטעל פון זייני אויזין אונ האט מיט דעם זיך ערשטיקט דעם האלז :

ענדע

רעם זכות פון דער פערפֿאסונג איזט פון מיר פער־
קויפֿט געווארין צום הערין ב. שוכמאן מו"ס אין
אדעססא אידישע גאס אונד אויסער איהם איזט
נאכדרוק פערבאטען מיט קייזערליכען געזעץ
פערפאסער.

АДРЕСЪ

В. ШУХМАНЪ ВЪ Г. ОДЕСѢ

на еврейск ой улицѣ